STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02251

RELIGYE UN SOTSYALIZM

Anatoly Vasilievich Lunacharsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. וו. לונאטשאַרסקי

רעליגיע און סאָציאַליזם

איבערזעצט פון

ל. לאַקסאָן

צווייטער באַנד

מ. גורעוויטש פאַרלאַג, ניו יארק

1921

200

אינהאַלט־פאַרצייכניס.

זייטע

1טער קאַפּיטעל — דער אידישער באָדען. קריסטוס — — — — 163

2טער קאַפּיטעל — דער גריכיש־רוימישער באָדען. דער אַפּאָסטעל פּאול — — — — — — — — — — — — — — — — — 188

3טער קאַפּיטעל — דער גריכיש־רוימישער באַדען. מילענאַריס־טען, גנאָסטיקער, אָרטאָדאָקסען — — — — — — — — — 229

4טער קאַפּיטעל — דער קריסטליכער סאָציאַליזם — — — — — — 266

5טער קאַפּיטעל — די נייסטע רעליגיעזע פילאָסאָפיע. אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק — — — — — — — — — — — — — — 288

6טער קאַפּיטעל — דער אוטאָפּיסטישער סאָציאַליזם — — — — — 297

7טער קאַפּיטעל — דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזם. מאַרקס — 317

ערשטער קאַפּיטעל.

דער אידישער באָדען. קריסטוס.

די צוגרייטונג פאר דער ערשיינונג פון קריסטוס'ן—משיח'ן.

אין די קאַפּיטלען, וואָס זיינען געווידמעט דער אידישער רעליגיעזיטעט, האָבען מיר שוין אנגעוויזען, ווי ס'איז צייטיג געוואָרען די משיח־אידעע פון איין זייט, און די רעליגיע פון גערעכטיגקייט פון דער צווייטער זייט.

פאר דעם צווייטען ישעיה איז משיח — ניט קיין אנדערער, ווי א סימבאָליסטישע פּערזאָן, וואָס שטעלט מיט זיך אידעאַל פאר דעם ליידענדען און גאָטספּארכטיגען טייל פון דעם ליידענדען פאָלק. דאָס זיינען — די ארימע און היילינע פון דעם פאָלק ישראל, וואָס זייערע פארדינסטען וועלען רעטען ניט נאָר גאָט'ס פאָלק, נאָר אויך אלע פעלקער פון דער וועלט. די דאָזיגע פארדינסטען קומען ארונטער צו די טוגענדען פון אן אמת'ען דעמאָקראַט פון יענע צייטען: צום געפיהל פון גערעכטיגקייט און ליעבע צום נאָהענסטען, צו עניוות, אונטערוואַרפענקייט, צו דער איבערגעבענקייט צום שיקזאַל, וואס אין איהם ווערט אַלץ אנערקאַנט פאר געטליך, צום ווידערווילען צו מאכט, צו לוקסוס און צו זינד און פארברעכענס, וואָס זיינען מיט זיי פארבונדען.

דער נבואה־גייסט איז ניט געשטאָרבען אין פאָלק ישראל, הגם איהם איז שווער אויסגעקומען אין קאמף מיט דער אָפיציעלער קירכליכקייט און מיט די טרוקענע סופרים, די געלערנטע, וואָס האָבען פארשטאַנען צו פארדרעהען דאָס ריין דעמאָקראַטישע אין די שריפטען און מאכען פון דעם א באזיס פאר א פערזענליכער און הויכמוטיגער טעאקראַטיע. די רעליגיע פון די

אידען האט געהאט, אויף אזא'ן אופן, צוויי פנים'ער, וועלכע האָבען זיך אויסגעדריקט אין צוויי שולען אדער מאניערען פון אויסטייטשען די שריפטען: אגדה און הלכה. די אגדה איז געווען א פרייע אויסטייטשונג, א שאפענדיגער אופן צו פריידיגען, די הלכה איז געווען א טויטע היסטאָרישע אויסטייטשונג. די אגדה האָט געלעבט מיט א אינטענסיווען לעבען אין די צפון־פראָווינצען, אין גליל, צו דער צייט פון אָנהויב פון אונזער ערא. די הלכה האָט געהערשט אין ירושלים, ארום בית המקדש. ניט נאָר די פאָלקס פריידיגער, נאָר אויך א סך פרושים (פארויסייער) (הלל און זיין שולע, צום ביישפיעל) זיינען געווען אגדה'־איסטען.

די פארבינדונג פון דער קריסטליכער מאראל און פון דעם קריסטליכען מעסיאניזם מיט דער אגדה און מיט די נביאים ווערט פון קיינעם ניט פארלייקענט. אלע גיבען צו דעם אידישנביאישען תוך פון יעזוס'עס קריסטענטום אין דעם ברייטסטען גראד. אלץ, וועגען וואס יעזוס האָט געפריידיגט, וואס ביז איהם האָט יוחנן ארויסגעזאָגט אין זיין פרעדיגט, דאָס אלץ קאָן מען געפינען ביי די נביאים און אין די אידישע מסורות, אין דער אידישער תורה שבעל־פה פון זייער צייט.

נאָר די וועלטאנשויאונג פון יעזוס'ן און זיינע אונמיטעלבארע תלמידים איז נאָך ניט קריסטענטום, ניט נאָר ניט דאָס היינטיגע קריסטענטום, נאָר אפילו אויך ניט דאָס קריסטענטום פון די ערשטע צייטען. .

דאָס קריסטענטום איז ענטשטאַנען פון א סך איינצעלנע קולטור־שטראָמען, וואס האָבען זיך צולעצט צונויפגעגאָסען אין צוויי טייכען: די אידישע לעהרע, וואס איז געבונדען מיט'ן נאָמען פון יעזוס'ן, אלס צענטראל אויסדריקער, און די גריכישאזיאטישע לעהרע, וואס איז געבונדען מיט פאול'ן און אנדערע. שפעטער האָבען אויף איהם געהאַט א מאכטיגע ווירקונג דער מערב, רוים און אפריקע, מיט טערטוליאנען און אגוסטינען.

איבעריגענס, שוין פון סאמע אָנהויב איז דאָס קריסטענטום

א פאראייניגונג פון אידישע און גריכיש־אזיאטישע עלעמענטען. דאָס קריסטענטום פון יעזוס'ן האָט ווארשיינליך שוין איינגע־שלאָסען ביז א געוויסען גראד דעם דאָזיגען צווייטען עלעמענט.

עס בלייבען אמת שטרויס'עס ווערטער:

„מיר קאָנען דרייסט זאָגען, אז דאָס קריסטענטום וואָלט קיינמאָל ניט געווארען א רעליגיע פון מערב און מזרח און וואָלט ניט געבליבען פארצוגסווייזע די רעליגיע פון מערב, ווען ביי זיין ענטשטעהונג און גאָר ערשטער ענטוויקלונג צוגלייך מיט די קרעפטען פון דעם אידענטום, וואָלט ניט געווירקט דער גריכיש־רוימישער גייסט. כדי דאָס אידענטום זאָל קאָנען ארויסברעכען פון זיך דאָס קריסטענטום, האָט עס געמוזט צוברעקעלט ווערען מיט'ן שרעקליכען האמער פון דער געשיכטע, דאָס אידיש פאָלק האָט געמוזט דורכליידען א סך רדיפות, צושפרייט ווערען איבער דער גאנצער וועלט און באַשאַפען אויף אזא'ן אופן א מאסע קאַ־נאלען, דורך וועלכע די עלעמענטען פון א פרעמדלענדישער קול־טור האָבען אריינגעדרונגען אין זיין היימלאנד. דאן וואָלט דאָס קריסטענטום געוועזן אומדענקבאר, ווען פאר איהם וואָלט ניט פאָרגעקומען „דער שדוך" צווישען מערב און מזרח, וואָס איז פארווירקליכט געווארען דורך דעם זשעני פון דעם גרויסען אלעק־סאנדער פון מאקעדאָניען; אין אלעקסאנדריא האָט געמוזט אויפגעשטעלט ווערען די הייראט־בעט פאר דעם דאָזיגען שדוך און דעמאָלט האָט נאָר געקאָנט אָנוואקסען דאָס קריסטענטום. וואָלט פריהער ניט געוועזן אלעקסאנדער פון מאקעדאָניען, וואָלט אויך קריסטוס ניט געוועזן."

דאָס קריסטענטום, ווי יעדע גרייסע לעהרע, באַוועגונג — איז אַ סינטעז.

לאָמיר זיך גענויער צוקוקען צום צושטאנד פון די אידען פון יענער צייט, און מיר וועלען זעהן, אז די אויפלעבונג פון דעם נבואה־גייסט האָט זיך געמוזט ארויסווייזען אין דעם דאָזיגען לאנד מיט א קראפט פון נויטווענדיגקייט. פראפעסאר הארנאק,

פאלעמיזירענדיג מיט דער סאציאליסטישע שולע, דריקט אליין אוים קורץ און שטארק אט די טיפע צוגעגרייטקייט פון דעם אידישען פאלק ארויסצוברענגען נייע נביאים, פארטזעצער פון ירמיה'ן און פון דעם צווייטען ישעיה.

„די שטילע אומגעשטערטע צייטען פון דער אידישער טעאָקראטיע זיינען דעמאלט שוין לאנג געוועז פארגאנגען. שוין צוויי הונדערט יאהר, אז די טעאָקראטיע האט ערליטען א קלאפ נאך א קלאפ: אנהויבענדיג פון די שרעקליכע טעג פון אנטיאכוס'ן, איז דאס אידיש פאלק מעהר ניט געקומען אין א רוהיגען צושטאנד. ס'איז געגרינדעט געווארען די הערשאפט פון די מאקאבעער; די אינעווייניגסטע רייסערייען און דער דרויסענדיגער שונא האבען גיך געבראכט דאס פאלק צו א ירידה, צו א נידערפאל. אין לאנד זיינען געקומען די רוימער און האבען מיט זייער אייזערנעם פויסט צוגעשטיקט אלע אויסזיכטען און האפנונגען פון דעם אידישען פאלק. די טיראניי פון דעם קעניג הורדוס האט דאס פאלק איינגעשמידט איבער אלע גליעדער און האט עס ניט געלאזט פריי אטעמען. פארגרינגערען די שווערע לאגע איז געוועז אונמעגליך; אלע פראכטיגע הבטחות פון די אלטע צייטען האבען גענומען זיך פארשטעלען פאר א נארעריי פון אנהויב ביז'ן סוף; ס'האט אויסגעוויזען, אז אלץ איז פארלארען. ווי לייכט ס'איז געוועז, אין אזא שטימונג, פארצווייפעלט צו ווערען אין אלץ, וואס איז ערדיש און זיך אפזאגען פון אלץ, וואס אין פארבינדונג מיט דער טעאָקראטיע האט מען געהאלטען אזוי טייער! ווי נאטירליך ס'איז געווען דעמאלט צו ערקלערען פאר הבל הבלים דאס ערדישע קעניגרייך, די פאליטישע מאכט און רייכקייט, יעדע גוואלדטעטיגקייט און קאמף, און אנשטאט דעם ווארטען אויף דעם אנקומען פון א מלכות שמים, — א קעניגרייך פון ארימע, דערנידעריגטע און אפגעשוואכטע, און אויף דער קרוינונג פון זייערע טוגענדען — זאנפטמוטיגקייט און געדולד! און ווען אין פארלויף פון יאהרהונדערטע האט די געשטאלט פון דעם גאט פון ישראל ארויסגעטראטען דא פון איין זייט, דא פון דער צווייטער

זייט, ווען ער האָט צובראָכען די וואפען פון די שטארקע, ווען ער האָט פארעכטליך זיך פארהאלטען צו דער פרעכטיגער הייליגער עבודה פון זיינע כהנים, ווען ער האָט געפאדערט גערעכטיגקייט און בארעמהערציגקייט, — ווי פארפיהרעריש ס'איז געווען דער פון צו מאכען אן אויספיהר, אז גאָט וויל זעהן זיין פאָלק דער־נידעריגט, כדי נאָכדעם צו רעטען די דערנידעריגטע! אזוי איז געגוג צוויי־דריי שטריכען, כדי אָנצוצייכענען דעם אלגעמיינעם אומרים, דעם רויהען פלאן פון דער נייער רעליגיע און אלע איהרע האָפענונגען, וועלכע זיינען אונמיטעלבאר דיקטירט פון די באַ־דינגונגען פון היסטאָרישען מאָמענט: די דערנידעריגטע און באַ־ליידיגטע ערוואַרטען דעם וואונדערליכען אנקומען פון גאָט, און דער מיזעראבעליזם ווערט פראקלאמירט פאר א אידעאל."

און אין א צווייטען אָרט:

„וואָס ווילט איהר זאָגען מיט אייער קריסטוס'ן? ער האָט קיין נייעס ניט געבראכט."

„איך ענטפער דערויף איינאיינעם מיט וועלהאוזענען: ס'איז קיין צווייפעל נישטאָ, אז אלץ, וואָס יעזוס האָט געפּריידיגט, וואָס ביז איהם האָט ארויסגעזאָגט יוחנן אין זיין פריידיגעריי וועגען חרטה, תשובה — דאָס אלץ קאָן מען געפינען ביי די נביאים, און אפילו אין די אידישע מסורות פון יענער תקופה."

די פארצווייפלונג האָט געשאפען האָפענונג. ס'האָבען אויפגעפלאקערט אויפשטאנדען. יהודה גאַלאָניט און אנדערע רע־וואָלוציאָנערען האָבען אָפט פארזאמעלט ארום זיך באנדעס און זיי זיינען געפאלען אונטער די שווערדען פון די לעגיאָנערען. ניט האָפענדיג אויף די אייגענע קרעפטען, האָט דאָס אידיש פאָלק גע־וואַרט פון טאָג צו טאָג אויף משיח'ן מיט דעם עקשנות'דיגען אויסדויער, וואָס איז ביי איהם נאַטירליך. די טערמינען זיינען פארפולט. דער ביטערער כוס איז פול ביז די ברעגען. יעהאָוואַ מוז זיך אריינמישען און ארויסווייזען זיין רצון, וואָס איז פארבאָר־גען פון די פעלקער.

דער מיסטיציזם האָט געהאט גרויסע ערפאָלגען. די ווירקונג

פון די פערזיאנער, בכלל פון דער אזיאטישער רעליגיעזיטעט, האָט זיך ארויסגעוויזען אין דעם, וואָס די אידעע פון השארת הנפש, און פון תחית המתים מיט׳ן גוף האָבען איבערגענומען די פאַרי־סייער, די רעכטס געלעהרטע און גאָטס־פּאַרכטיגע, די פּיוריטאַנער פון דעם אידענטום, און זי האָט זיך ברייט צוגאָסען צווישען פאָלק. דאָס קומען פון משיח׳ן מוז זיין ניט נאָר א פּאָליטישער אקט, נאָר א קאָסמישער און מיסטישער, משיח איז שוין ניט קיין קעניג אויף דעם מאניער פון דוד׳ן אָדער חזקיהו׳ן, נאָר א העכערעס וועזען, א מאכטיגער מלאך, א נאָהענטער, דער נאָהענטסטער צו גאָט אליין.

אין די זאָנדערבארע קאָנטראסטען און אין די אילוזארישע פאראייניגונגען האָבען געמוזט אריינטרעטען צוויי פאָרשטעלונ־גען: משיח — א מאכטיגער מלאך, א האלבער גאָט און א האל־בער מענש, א צוקונפטיגער, ער משפט די לעבעדיגע און די טויטע, און משיח א ליידענדער, וואָס קויפט אוים מיט זיינע צידקות, מיט זיין רעכטליכקייט די זינד פון דער וועלט. נאָר ישעיה דער צוויי־טער האָט שוין געגעבען א מעגליכקייט צו לייזען דעם דאָזיגען ווי־דערשפּרוך: משיח וועט קומען און ער וועט ליידען און שטאַר־בען, נאָר דערנאָך וועט גאָט איהם דערהויבען און מאכען פאר דעם האר פון דער וועלט.

אין דער זעלביגער צייט האָט אויך געוואקסען אין אידישען פאָלק אן אנדער מין מיסטיציזם פון דעם אינדאָ־עסאַאישען טיפּ, מיט זיין פארלייקענונג פון דער וועלט, פון דעם גוף, פון די לע־בענס תענוגים, מיט דער פאָדערונג פון אסקעטיזם אלס לייטער איבער וועלכען מען קאָן צוקומען צו גליקזעליגקייט.

די סעקטע פון עסייער (אסיים) האָט אייפעריג דורכגעפיהרט אין לעבען די דאָזיגע אידעען, פאראייניגענד זיי מיט א טיפער דעמאָקראטישקייט, מיט האס צו רייכקייט און צו וועלטליכער מאכט, וואָס זיינען ביי זיי דערגאנגען ביז דער פּראקטיק פון א מאָנאסטירישען קאָמוניזם.

אָט די אלע עלעמענטען האָט פאראייניגט אין איין לעהרע דער פּריידיגער יוחנן, וואָס האָט באשאפען זיין שוהלע.

יוחנן׳ס פּרעדיגען איז געווען אָנדייטונגספול. ער האָט גערופען די אנהענגער צו ענדיגען מיט דער אלטער וועלט, אין דער צערעמאָניע פון טבילה אין וואסער, וואָס איז אזוי פארשפּרייט געווען אין אזיען, אָפּוואשען פון זיך דאָס אלטע זינדיגע נאטור און אָנהויבען לעבען מיט דער ערווארטונג, ס׳הייסט אין אסקעטי־שער פארפרעמדונג פון דעם ערדישען, אין א פלאַטערדיגער האָפע־נונג אויף דעם גיכען קומען פון משיח׳ן, וועלכער וועט אומענדערען די געשטאַלט פון דער וועלט. די עסייאישע מאָראל, זייער עקסטרעמער האס צו אלץ, וואָס איז וועלטליך, צו דער קולטור, זייער אויפגעהויבענער געמיינשאפטס גייסט — האָבען זיך פאר־איינציגט ביי יוחנן מיט דער פאריסייאישער לעהרע וועגען באנייען די וועלט און דעם גוף, וועגען תחית המתים נאָך דעם ווי אויף דער וועלט וועט זיך באווייזען דער ליכט־טראָגענדיגער שליח פון גאָט־משיח׳ן.

אלץ איז געווען צוגעגרייט פאר זיין ענטפּלעקונג. „ער איז דאָ, ער איז דאָרט“, האָט איינער דעם צווייטען געזאָגט. נאָכ־פאָלגענדיג די נביאים, האָט מען גיכער געקאָנט ערווארטען משיח׳ן, אין דער געשטאַלט פון אָן אָרימען צדיק און ליידענדען, איידער ווי א קעניג אָדער א פיהרער. א סך פאנאַטיקער, גלות־אָפּריכטער און פּרעדיגער האָבען מיט א פייערדיגען וואָרט אָנגעצונדען די נשמות פון דעם דאָזיגען אויסגעמאטערטען עקזאלטירטען המון, אָפט פרעגענדיג זיך אין דער טיפענים פון דער נשמה:

„בין איך אפשר ע ר? שטעהען דען מ י ר ניט פאר די ליידען, ווי די נביאים האָבען ארויסגעזאָגט, און נאָכדעם די ערוואכונג אין דער געשטאַלט פון א שטרענגען ריכטער?“ וועגען דעם האָט אויך יוחנן זיך געפרעגט, אויך אַנדערע האָבען איהם וועגען דעם געפרעגט, נאָר ניט פיהלענדיג אין זיך דעם וואונדערשאפענ־דיגען כח, ווער ווייס מיט וואָסער טרויער, קאָן זיין, האָט ער געענטפערט: „ניט איך, ער וועט קומען, דער ווירדיגסטער און שטארקסטער!“

אימעצען האָט מען געמוזט אנערקענען פאר משיח׳ן. דער

צוזאמענשטוים פון פאקטען האט לייכט געקאנט פארקומען. משיח האט געדארפט זיין א צדיק, וואס איז באגאבט מיט׳ן כח פון ווארט, וואס קאן אויסהיילען קראנקע (מיט א היפנאטישער קראפט צו ווירקען אויף היסטעריקער און נעווראפאטען, א קראפט, וואס קומט פון דעם גלויבען אין זיך), מיט מוט פון א פרעדיגער און פון איינעם, וואס קאן זיך אליין אפלייקענען, דאס האט גע־מוזט זיין א נביא, וואס איז געווען א ביסעל העכער פון יענע נביאים־אגדה׳איסטען, וועלכע מ׳האט אפט געזעהן אין גליל — דאס איבריגע האט מוסיף געווען די לעגענדע. שווערער איז גע־ווען, אז דער צווייטער טייל פון דער פארזאגונג זאל פארווירקליכט ווערען, נעמליך: אז ער וועט לעבעדיג ווערען און קומען א צוויי־טען מאל.

ווער עס זאל ניט געווען זיין דער אנערקענטער — יעדענפאל האט ער געמוזט זיך באגעהן און לערנען אזוי, אז עס זאל „מקוים ווערען דאס, וואס די נביאים האבען ארויסגעזאגט" און ווייטער האט די לעגענדע און דער דאגמאטישער געדאנק צוגעגעבען דער פערזענליכקייט פארמען, וואס זיינען אין הסכם מיט די היסטא־ריש־באשטימטע געזעצען, פארטונקלענדיג די פרימיטיווע שטריכען פון דער פערזענליכקייט.

שוין קאנט אין זיין ווערק „רעליגיאן אינערהאלב דער גרענ־צען דער בלאסען פערנונפט" זאגט, אז דער היסטארישער קריסטוס, אין אמת׳ן, איז פאלשטענדיג ניט וועזענטליך פאר דער רעליגיע, מחמת דער געגענשטאנד פון אונזער אמונה איז ניט ע ר, נאר דער אידעאל פון אן אמת־גאטגעפעליגען מענשען, וואס ליגט אין די איבערזינליכע טיפקייטען פון אונזער וועזען, וואס שפיגעלט זיך אפ סימבאליש אין דער געשטאלט פון גאט׳ס זוהן, וואס האט זיך פון די הימלען ארא‍פגעלאזט.

דאך דענקען מיר ניט, אז די לעגענדע האט געארבייט אויף א פוסטען ארט. צווישען יוחנן המטבל און יעקב׳ן, יעזוס׳עס ברודער, וואס זיינען אהן צווייפעל היסטארישע פערזענליכקייטען, שטעהט נאך אימיצער.

פינקטליכע היסטאָרישע צייגניסען וועגען יעזוס'ן, אויסער דער קריסטליכער ליטעראַטור, האָבען מיר ניט.

רענאַן זאָגט בנוגע צו דעם: „איינע פון די וואונדערליכסטע באזונדערהייטען פון דער דאָזיגער געהיימניספולער געשיכטע באַשטעהט אין דעם, וואס אין די קוועלען, וואס זיינען גלייכצייטיג צו דער געשעהענים, סיי אין די אידישע קוועלען, סיי אין די געצענדינערישע, איז אבסאָלוט גאָרנישט דערמאנט וועגען דער דאָזיגער געשיכטע. די אמעהרסטען שאַרפזיניגע קריטיקער האַלטען, אז אפילו יענע ניט פיעלע פראזען, וואס דער אידישער היסטאָריקער יאזעפוס פלאַוויוס ווידמעט יעזוס קריסטוס'ן, האָבען דאָס די קריסטען שפּעטער אריינגעשטעלט אין פלאַוויוס'עס געשיכטע". און די דאָזיגע פראזען אליין פאר זיך לערנען אונז אויס גאנץ וויניג! „אין דער דאָזיגער צייט, זאָגט דער אידישער היסטאָריקער, האָט געלעבט איינער מיט'ן נאָמען ישוע (יעזוס), א מענש א חכם, אויב נאָר מ'קאָן איהם אָנרופען מענש, מחמת ער האָט געוויזען א סך אומוואַרשיינליכע נסים און ער איז געוואָרען דער לעהרער פון די פריינד פון אמת, אזוי, אז א סך אידען און גריכען זיינען צו איהם צוגעשטאנען. ער איז געוועזן קריסטוס. און בעת ער איז געקרייציגט געוואָרען, לויט'ן פּסק פון אונזערע אָנגעזעהענסטע, זיינען איהם טריי געבליבען די, וואָס האָבען איהם ליעב געהאַט. ווארום ער האָט זיך ווידער זיי באוויזען אויפ'ן דריטען טאָג, אזוי ווי דאָס און א סך אנדערעס האָבען וועגען איהם די נביאים פאָרגעזאָגט". אויב די דאָזיגע שורות געהערען אויף אַן אמת פלאַוויוס'ן, הייסט עס נאָר, אז ער האָט אויף האסטיג אריינגעשטעלט אין זיין געשיכטע די געהענדיגע לעגענדע פון יענער זייט. אין דער איינענער צייט איז די גאנצע ממשלה פון הורדוס'ן און פילאטוס'ן באשריבען מיט די גרעסטע איינצעלהייטען.

פילאָן פון אלעקסאנדריא רעדט פיעל וועגען די עסייער, ער דערצעהלט וועגען פילאַטוס'ן, נאָר וועגען יעזוס'ן שווייגט ער.

אלץ צווינגט צו דענקען, אז די ערשטע ערשיינונג פון קרים־

טוס׳ן, אז דער רעאלער קריסטוס איז פארבייגעגאנגען כמעט אומ־באמערקט, נאר די לעגענדע, וואס איז באהערשט געווארען פון זיין נאמען האט געשווינד איהם ארויפגעבראכט אויף די הימלען, אין דער רעכטער זייט פון דעם איינציגען גאט, וואו איהם האט דער־זעהן די גאנצע וועלט.

מחמת דער אומזיכערקייט פון די היסטארישע דאקומענטען און דער עקסטרעמער שטרייטבארקייט פון אלע פראגען בנוגע צו קריסטוס׳עם פערזענליכקייט, וועלען מיר דורכלאזען זיין ביאגרא־פיע.

יעדענפאל האבען די נביאות אויף׳ן שטארקסטען אופן גע־ווירקט אויף דער ערצעהלונג פון די עוואנגעליסטען, און אפשר אויך אויף די עוואנגעלישע געשעהעניסען גופא. און דערום האלטען מיר פאר ניט איבעריג דא צו דערמאנען די בולט׳סטע נבואה פון דעם דאזיגען ארט:

„מיר אלע האבען געבלאנדזשעט, ווי שאף, איטליכער איז פארפיהרט געווארען אויף זיין אייגענעם וועג, — און גאט האט אויף איהם ארויפגעלעגט די זינד פון אונז אלעמען.

„ער איז געוועזען געפייניגט, נאר ער האט געליטען פרייוויליג און ער האט זיינע לעפצען ניט געעפענט; ער איז געפיהרט געווארען ווי א שאף צום שעכטען און אזוי ווי א לאם איז שטום פאר זיין שערער, אזוי האט ער זיין מויל ניט אויפגעמאכט; אין זיין נידריגקייט איז זיין משפט אוועקגענומען, און ווער קאן דער־צעהלען זיין דור? ווארום זיין לעבען איז פון דער וועלט אוועק־גענומען געווארען, פאר די זינד פון זיין פאלק האט ער זיין לעבען אוועקגעגעבען.

„מ׳האט פאר איהם באשטימט א קבר לעבען פארברעכער, נאר ער איז באגראבען ביי א רייכען, ווייל ער האט קיין זינד ניט געטאן, און אין זיין מויל איז קיין שקר ניט געוועזען.

„נאר גאט האט געוואלט איהם אומברענגען, און ער האט איהם איבערגעגעבען צו יסורים; בעת זיין נשמה וועט ברענגען א קרבן פון פארגעבונג, וועט ער דערזעהן אן אייביגע נאכקומענ־

שאפט, און גאָט'ס רצון וועט מיט ברכה ערפילט ווערען מיט זיין האנד.

„אויף דער טאָט פון זיין נשמה וועט ער קוקען מיט צופרי־דענהייט; דורך זיין ערקענטניס וועט ער, דער גערעכטיגטער, דער קנעכט מיינער, פיעלע רעכטפארטיגען און זייערע זינד וועט ער אויף זיך טראָגען.

„דערפאר וועל איך איהם געבען א חלק צווישען די גרויסע און מיט די שטארקע וועט ער טיילען די רויב דערפאר, וואס ער האָט זיין נשמה איבערגעגעבען צום טויט און ער איז געווען צוגע־רעכענט צו די פארברעכער, בעת ער האָט אויף זיך געטראָגען די זינד פון פיעלע און פאר פארברעכער איז ער געוואָרען א מליץ."

די אור־ערשטע לעהרע.

ס'קאָן קיין צווייפעל ניט זיין אין דעם, אז אין צענטער פון דער אור־ערשטער לעהרע פון דעם קריסטענטום איז געשטאַנען די בשורה וועגען דעם נאָהענטען סוף פון דער וועלט.

דאָס גאַנצע לעבען, די מאָראַל, אלע ווערטען מוזען ווערען איבערגעשאצט אונטער אַן'אנדער שטאַנדפּונקט. דאָס, וואָס מען רופט מאַכט, אַנגעזעהענקייט, רייכקייט, שעהנקייט, וועט פארברענט ווערען אין יענעם טאָג פאר דער געשטאַלט פון דער דערצאָרנטער גאָטהייט. די שטאָלצע וועלען דערנידעריגט ווע־רען. די מאַכטיגע פעלקער און די מיוחסים פון דעם אידישען פאָלק וועלען פאראורטיילט ווערען, די צדקים וועלען באַלוינט ווערען. דער באגריף פון דעם וואָרט צדיק פאלט דאָ צוזאמען מיט'ן באגריף פון דעם וואָרט אָרימאָן. אומזיסט באמיהט זיך פּראָפעסאָר הארנאק אפצולייקענען די דערהויבונג פון אָרימקייט און אָרימע, אלס פאָן פון עוואנגעליום. קריסטוס לויט'ן עוואַנ־געליום האָט ניט נאָר אָנגעזאָגט דעם סוף פון דער וועלט, נאָר אויך די שטירצונג פון די שטאָלצע און די דערהויבונג פון די אָרימע און דערנידעריגטע.

די מאָראַל פון דעם אור־ערשטען פריידיגען האָט זיך גענע־הענטערט צו דער אידעאַליזירונג פון גערעכטיגקייט צום צווייטען, פון א פאַרבינדונגס געפיהל צווישען די אָרימע, פון אונטערטע־ניגקייט און בטחון אין דעם כח פון דער „הימעלשער גערעכטיג־קייט", וואָס זיינען פאַרבונדען מיט אונערשעפּליכער געדולד. א שעהנער שטריך פון זיין פריידיגען איז געווען דער האס ניט נאָר צו די, וואָס זיינען שטאָלץ מיט זייער רייכקייט און יחוס, נאָר אויך צו די, וואָס זיינען שטאָלץ מיט זייער יורידישער גערעכטיג־קייט. און אויך דאָ איז דער עוואַנגעלישער יעזוס א דירעקטער תלמיד פון די גרויסע פאָרגעהער, וואָס האָבען ערקלערט: א קרבן צו גאָט איז א געבראָכען געמיט, א געבראָכען הארץ וועט גאָט ניט פאַרשעהמען. (זבחי אלהים רוח נשברה לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה). (תהלים נ"א, י"ט). קריסטוס — איז דער אָנזאָגער פון דער נאָהענטקייט פון יום הדין, דער אָנהענגער פון אָרימקייט, דער, וואָס האָט אָפּגערייניגט די רעליגיע פון די שאָלעכץ פון דינים און צערעמאָניעס. און אין אלעם דעם איז ער לויט'ן עוואַנגעליום גע־שטאַנען אויפ'ן באָדען פון געזעץ, אויב ניט פון די געזעצען פון די פאַריסייער, איז אויפ'ן געזעץ פון די נביאים.

יעזוס'ן זיינען ניט פרעמד אין עוואַנגעליום אויך צוויי אַנדערע שטריכען פון די נביאים: דער נאַציאָנאַליזם, ס'הייסט די אויס־שליסליכע און אייפעריגע ליעבע צו זיין פאָלק, און דער פייער פון אויפגעבראַכטקייט, וואָס גליהט אונטער דער אַש פון א מעהר גע־צוואונגענער, איידער פון א פרייוויליגער מילדקייט.

אין עוואַנגעליום רייסט זיך אויך דורך די לײדענשאַפטליכקייט און אָנדרענגליכקייט פון זיין טעמפּעראַמענט. עס פיהלט זיך, אז דער פריידיגער איז געצוואונגען זיך איינצוהאַלטען, ארויפלעגענדיג זיין נקמה קעגען זיינע שונאים אויף גאָט און אויפ'ן יום הדין.

אין א מאָמענט פון אַן ענטשיידענדען צוזאַמענשטויס צווישען יעזוס'ן בראש פון א המון פילגרימען פון גליל מיט די אריסטאָקראַטען און פאַריסייער פון יושלים, איז ער גרייט געווען, ווי עס דרינגט דורך דורך די אומגערענדיגע שטריכען פון דער עוואַנגעלישער ער־

צעהלונג, אויף אַ ענטשלאָסענעם טריט. נאָר ער האָט זיך, ווי עס ווייזט אויס, אָבגעהאַלטען מחמת זיין באַשלוס איז ניט געווען גענוג פעסט און זיינע תלמידים זיינען ניט געווען צוגעגרייט. די פסוקים 36, 37 און 38 אינ'ם קאַפּיטעל 22 פון לוקאס'ן, וואָס זיינען אַזוי אומפאַרשטענדליך פאַר'ן געוועהנליכען לעזער, שפּיגלען אָפּ אַ טיפע דראַמע: „אַזוי האָט ער צו זיי געזאָגט, אָבער איצט, ווער עס האָט איין בייטעל, לאָז ער איהם מיטנעמען און אַזוי אויך אַ רייזע טאַש. און ווער ס'האָט ניט קיין שווערד, לאָז ער זיין בגד פאַר־קויפען און קויפען זיך אַ שווערד. ווארים איך זאָג אייך, אַז עס מוז ערפילט ווערען וועגען מיר, ווי עס שטעהט געשריבען: און ער איז געווען געצעהלט צווישען די אומגערעכטע, וואָרום דאָס, וואָס מיר באַטרעפט, וועט אינגאַנצען מקוים ווערען. און זיי האָבען געזאָגט: האר, דאָ זיינען צוויי שווערדען, און ער האָט געזאָגט, עס איז גענוג". מיט שרעק וועהט פון סוף פון דער געשיכטע מיט די צעהן רענדלאך (עשרת מנים), אין קאַפּיטעל 19 פון לוקאס'ן: „אָבער מיינע שונאים וואָס האָבען ניט געוואָלט, אַז איך זאָל איבער זיי הערשען, ברענגט זיי אהער און הרג'עט זיי פאַר מיר. און זאָגענדיג דאָס, איז ער געגאַנגען ווייטער, צו ירושלים צו."

עס איז אינטערעסאַנט צוריק צוברענגען, צו באַנייען דעם אמת'ן זין פון יעזוס'עס לעצטע איבערלעבעניסען, ווי דער עוואַנ־געליום מאָלט זיי.

די נאָר וואָס אָנגעוויזענע טעקסטען באַשטעטיגען עפּעס יאָ קאַוטסקי'ס השערה וועגען דער אור־ערשטער בונטאַרישער שטי־מונג פון קריסטענטום, נאָר אַזעלכע דראַמאַטישע לעצטע קאַפּיט־לען פון עוואַנגעליום מאָלען גיכער לויט אונזער מיינונג מיט אַ גענוגען רעאַליזם דאָס וואַקלען צווישען אַקטיווע מעגליכקייטען און ריינער מיסטיק.

ס'פאַרשטעהט זיך, אַז אַלץ, וואָס ווערט דערצעהלט נאָך דעם קאָן ניט ווערען פּשוט אָנגענומען פאַר אַ היסטאָרישע ווירקליכ־קייט, דאָך, ס'איז גאַנץ מעגליך, אַז די פאַקטען זיינען געווען עהנ־ליך צו דער דאָזיגער ערצעהלונג; יעדען פאַל איז אַ ריכטיג אויס־

געטייטשטע ערצעהלונג וועגען קריסטוס'עס עבודה אין ירושלים א וויכטיגער סאָציאל־פּסיכאָלאָגישער דאָקומענט.

דאָס אויבענגעדערמאָנטע וואקלען האָט זיך געוויס ערקלערט דערמיט, וואָס דער אידעאל איז געווען אזוי גרויס, און די רעאלע קרעפטען („די צוויי שווערדען") אזוי נישטיג, אז ווילענדיג־ניט ווילענדיג איז אויסגעקומען צו האָפען אויף „מעהר, ווי צעהן לעגיאָנען". פעסטגעהאלטען פון זיין גאָט, פון זיין גלויבען אין זיך, גליהענדיג מיט פיינדשאַפט צו זיינע אומפריינד די פאריסייער, פיהלענדיג די געפאהר פון זיין לאַגע און זיין מאכט איבער די מאסען גאליליאנער, וואָס ער האָט מיטגעריסען, האָט דער וואנגעלישער קריסטוס אלץ אָפטער זיך געפרעגט, צי איז ניט איהם באשערט צו שפּיעלען די ענטשיידענדע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער וועלט. זיינע קרובים גלויבען ניט אין זיין נביאישער מיסיע. זיי האָבען שטרענג איהם אָפּגעשטויסען. א סך מאָל האָט ער געפרעגט ביי פּעטרוס'ן: „פאַר וועמען האַלט מען מיר? פאַר וועמען האלסט דו מיר?" און בעת פּעטרוס האָט איהם געענטפערט: „דו — ביזט משיח!" — איז יעזוס פול געווען מיט שמחה. אָט גיט ער זיינע תלמידים וועגען דעם אָנצוהערען, אָט זאָגט ער זיי דאָס דירעקט, פאַרבאָטענדיג זיי פונדעסטוועגען ביז א צייט צו פאַרעפענטליכען די בשורה. זיין הארץ ווערט ברייטער, בעת אימיצער האָט צו איהם געשריען: „זוהן פון בית דוד!" די ווייטערדיגע געשעהעניסען לויט'ן עוואנגעליום זיינען געגאנגען אויף אזא'ן אופן:

די אינעוויינינגסטע דראַמע איז געוואקסען. דאָס איז געווען א דראַמע פון ספקות און אויסברוכען פון זעלבסטפאַרטרויען אינ'ם הארצען פון שוין א באריהמטען פרייריגער און בעל מופתים אין דער קליינער פּראָווינץ גליל. זיינע נאָהענטע האָבען איהם געזאָגט: „געה קיין ירושלים". ווייזט אויס מ'האָט געדאַרפט אויספּרובירען די אייגענע קרעפטען און די פּלענער פון דער השגחה אין ירושלים, נאָר דער לעהרער האָט אָנערקענט אויך די געפאהר פון א אונמיטעלבארען צוזאמענשטויס מיט די כהנים, מיט די

סופרים און פּאַריסייער. באַשליסענדיג זיך צו קומען אין ירושלים אויף פּסח, איז ער אַזוי ווי גרייט געווען צו ווערען דער פיהרער פון אַ גרויסער מאַסע גליל'ער פּילגרימען, וואָס כמעט אַלע זיינען געווען זיינע אָנהענגער, וועלכע זיינען אָנגעשוואָומען אין ירושלים צוליעב פּסח. די דראַמאַ איז געוואַקסען. און נאָכדעם ווי די גרויסע סאָציאַל־עקאָנאָמישע און סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע קרעפ־טען האָבען זיך אויסגעשעפּט האָט די דאָזיגע דראַמע אין־ווינקעלע פון אַזיען, דער דאָזיגער צוזאַמענשטויס פון דעם לעצטען נביא מיט דער אַפּיציעלער קירך פון אַ קליין פאָלק — געמוזט ווערען איינע פון די גרעסטע טראַגעדיעס פון דער וועלט געשיכטע. דאָס דאָזיגע קליין פאָלק האָט אַזוי ליידענשאַפטליך זיך גענויטיגט אין אַ רעטונג און אין אַ רעטער, האָט הונדערטער יאָהרען גע־וואַרט אויף איהם און האָט זיך באַשאַפען זיין געשטאַלט, ווי אַ מאַרטירער פאַר דער גערעכטיגקייט פון דעם פּראָסטען פאָלק, וועלכער מוז זיעגען מיט זיין אייגענעם טויט. נאָר הינטער דעם קליין, ליידענשאַפטליך, פיינליך רעליגיעזען פאָלק איז געשטאַנען דער פּראָלעטאַריאַט פון דער רוימישער וועלט. די אָרימעלייט פון עמק הירדן, פאַרצווייפעלטע, ליידענדע, גלויביגע, וואָס האָבען גע־וואַרט אויף אַ נס, האָבען נאָכגעשפּירט יעדען נייעם נאַזאַרייער: איז דאָס ניט דער? און זיי האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זיי האָבען איהם געפונען אין ישוע'ן פון נצרת (נאַזאַרעט). קריסטענטום איז ענהליך צום עפעקט פון אַן אויפרים פון טרוקענעם פּולווער, וואָס קומט פון אַן אריינגעוואָרפענעם פונק. דער רעזולטאַט איז אַזוי גרויס, אַז נאָכדעם פאַרגעסערט מען ניט ווילענדיג די באַ־דייטונג פון דעם פונק גופא, אָנעמענדיג דעם פונק און זיינע קרעפטען פאַר דער רעאַלער אורזאַך פון דעם אויפרים, בעת דער פונק האָט נאָר געדיענט פאַר אַן אויסווייניגסטען שטויס, די אור־זאַך איז געווען פאַרבאָרגען אין דער גרויסער כעמישער ענערגיע, וואָס איז געווען באַהאַלטען אין דעם מאַטעריאַל.

יעזוס איז געגאַנגען אין ירושלים. פול מיט די האָפענונגען פון זיין פאָלק, וועלכע עס איז באַשערט געווען צו ווערען די

אמונה פון די פאַראויסגעהענדיגע ראסען פון דער מענשהייט, איז ער געגאנגען פול מיט אינעווייניגסטער אויפגערירטקייט, פול מיט האָפענונגען און ספקות.

לויט ווי די נביאים האָבען אָנגעוויזען, האָט יעזוס געקראָגען אן אייזעל פאַר זיין פייערליכען אריינפאָהר אין ירושלים. אלץ מוז ערפילט ווערען, ווי עס שטעהט געשריבען; רעדט זיך דען אָבער ניט אין די שריפטען וועגען יסורים און טויט? — זאָל זיין אזוי.

די גליל'ער האָבען מיט א רוישיגער ענציקונג באַגריסט זייער נביא. די אָרימע, וועלכע האָבען נישט ליעב געהאַט די בית־המדרש־אריסטאָקראַטיע, האָבען איהר קעגען געשטעלט א נייעם שטערן. „דאָס איז יוחנן" — האָט א טייל געזאָגט, צו־מישענדיג איהם מיט דעם פריידיגער, וואָס ניט לאַנג צוריק האָט נאָך מיט איהם געשטורעמט. די גליל'ער האָבען געענטפערט: „דאָס איז א נביא, גלייך צו אליהו'ן, זיינע וואונדער זיינען גרויס, — אפשר איז דאָס משיח."

אין דער איינענער צייט זיינען פאָרגעקומען דיספוטען מיט די פּאַריסייער און צוזאַמענשטויסען אין בית המקדש, וואָס זיי־נען אמאָל דערגאנגען צו געשלעגען צווישען יעזוס'עס איבערגע־בענע אָנהענגער און די בית־המקדש לייט (דאָס ארויסטרייבען פון די הענדלער); פון זיינע נביאות, אז אויף ירושלים וועלען אָנגעשיקט ווערען אומגליקען, זיינען די פּאַריסייער און כהנים געווען זעהר אומרוהיג.

„זאָג אונז, דורך וועלכער מאַכט טוסט דו די דאָזיגע זאַכען, אָדער ווער איז דער, וואָס האָט דיר די דאָזיגע מאַכט געגעבען?" — האָבען זיי געפרעגט יעזוס'ן. אָבער יעזוס האָט גיפטיג געענט־פערט: געפאַרבטע קברים, וואָס זיינען פול מיט ביינער און צופוילטקייט, שלאַנגען, אויסגעבריהטע פון א פיפערנאָטער, איינ־שלינגער פון אלמנות — דאָס זיינען יעזוס'עס געוועהנליכע אויס־דריקען אין זיין ווענדונג צו די פאַריסייער. די פאַרבייזטקייט און די מורא פאַר יעזוס'ן האָבען געוואַקסען. אָבער בייטאָג האָט דער

המון ענג ארומגערינגעלט דעם אויסדריקער פון זיינע שטימונ־גען און אידעאַלען, און ארעסטירען איהם — וואָלט געמיינט ארויס־רופען אנ'אויפשטאנד, ביינאכט פלעגט זיך יעזוס באהאַלטען אויסער'ן שטאָדט.

די לאגע האָט אויסגעוויזען גינסטיג. יעזוס האָט פארשטאַ־נען די מורא פון זיינע שונאים, ער האָט געפיהלט די קראַפט פון זיין ווירקונג. די זיכערקייט האָט געוואקסען אין איהם.

זיין טיפער גלויבען אין אַ מיסטישער מיסיע, וואָס איז איהם געגעבען פון גאָט, דריקט יעזוס איצט אויס אָפען, ער מאכט זיך גלייך צו גאָט, ער זאָגט, אז גאָט איז זיין פאָטער: „מיין פאָ־טער האָט געשאפען ביז איצט און איך בין אויך אַ שאפער". (אבי פעל פעלתו עד עתה וגם אני פעל הנני. יוחנן ה', י"ז). אַ טייל האָט איבעראשט דער דאָזיגער קאָפּ־שווינדעלדיגער געדאַנק, דער זעהר זונדערבארער געדאַנק, אָבער וועלכער איז נאָך מעהר צוציהענד פאַר אַ אידען, בעת אין דער וועלט פון די געצענדיענער זיינען פיגורען, עהנליכע צו אפּאָלאָניוס פון טיאנא, און פריהער צו עמפּעדאָקל'ען און פיטהאגאָרוס'ן, געווען ניט זעלטען. אָבער ניט נאָר די שונאים, נאָר אויך אַ גרויסע צאָהל אָנהענגער, באַ־זונדערס די, וואָס האָבען געוואוסט די אָפּשטאַמונג און דאָס הויז־געזינד פון יעזוס'ן, האָבען געהאַלטען דעם דאָזיגען געדאנק פאַר אַ אומגעהערטע חוצפה.

משיח, אַ נביא, אַ פיהרער — יאָ, דאָ אַלעם איז געווען טיף אידיש. אַ האַלבער גאָט, און אפשר אויך אַ גאָט, דאָס האָט ניט געקאָנט צוגעלאָזט ווערען.

ווי עס ווייזט אויס, האָבען אפילו די מאַסען פון גליל, וואָס האָבען מיט ענציקונג געהערט זייער נביא, זייער משיח פון נצרת, גענומען פאַרוואַרפען יעזוס'ן, זעהענדיג אַ ירידה און אַ אומזין אין זיינע פּרעטענזיעס אויף געטליכקייט. און ווי עס טרעפט מיט אַ באוועגליכער מאַסע פון מזרח, וואָס העכער איהר ליעבע איז געווען, אַלץ טיפער איז געווען איהר אויפגעבראַכטקייט. ער זאָגט: „איך און דער פאָטער זיינען איינס". די פאַרזאַמעלטע

האָבען אויפגעהויבען שטיינער און האָבען געוואָלט אויף איהם ווארפען. ישוע האָט זיי געענטפערט: „אַ סך מעשים טובים האָב איך אייך געוויזען פון פאָטער; פאַר וועלכע פון די דאָזיגע מעשים וועט איהר מיר פארשטייניגען?" און זיי האָבען איהם געענט־פערט: „פאַר אַ גוטען טאָט ווילען מיר דיר ניט פארשטייניגען, נאָר פאַר לעסטערן גאָט'ס נאָמען, ווארום דו ביזט אַ מענש און דו מאכסט זיך פאַר אַ גאָט". טאַקע דאָס, וואָס איז געווען זינ־לאָז אין די אויגען פון די אידען. די פאַלשטענדיג ניט־אידישע מוט פון דער דאָזיגער בייזער אבזיכט, וואָס האָט יעזוס'ן, דעם זוהן פון יוסף'ן, געמאכט פאַר ניט־אָנעהמבאר פאַר דער מערהייט פון דער פאַלעסטינישער באפעלקערונג, איז אָבער פאָלשטענדיג געווען אין איינקלאַנג מיט דער מיסטישער שטימונג פון דער דאמאָלסדיגער געצענדינערישער וועלט. דאָס, פאַר וואָס די גליל'ער פילגרימען זיינען גרייט געווען איהם צו פארווארפען מיט שטיינער, האָט צו איהם אונטערטעניג געמאכט שאול'ס (פאול'ס) פלאַמענדיגע נשמה. נאָר פון אָנהויב איז יעזוס'עס פאָפולאריטעט געווען פארניכטעט. עס זיינען אָנגעקומען טעג פון טרויער, פון אומעט, אמאָל ביז צו פארצווייפלונג. אָבער יעזוס האָט ניט אָפגעטראָטען.

ער איז באַשטאַנען, ווי דער עוואַנגעליום דערצעהלט, אויף זיין געטליכען בארוף און אויף זיין געטליכען תוך.

ווער האָט איהם אונטערגעהאַלטען אין דער צייט פון די שרעקליכע בזיונות, פייניגונגען, שענדליכער הינריכטונג? ווי האָט געקאָנט דער לעהרער ניט נאָר מיט ווערדע אריבערטראָגען אַלע פיין (דאָס האָבען געטאָן אַלע נאַזארייער און זעלאָטען), נאָר ניט צוטרייסלען אין זיינע נאָהענטסטע תלמידים די נאָך אומזי־כערע אמונה אין זיין געטליכקייט?

איהם האָט אונטערגעהאַלטען די פּאָעזיע פון פאָלק'ס טרויער, וואָס האָט ארויסגעשטראָמט פון אונטער ישעיה דעם צווייטענס פעדער.

א משיח — אַ ליידענדער — דאָס איז ניט געווען פרעמד,

ניט געווען אומעגליך פאַר אידען. אזיען און גריכענלאַנד, און נאָך זיי רוים, האָבען שוין באַשאַפען אַ געשטאַלט פון אַ ליידענדען גאָט און זיי האָבען געקאָנט געהן אויף באַגעגנים צו די אידען, וואָס האָבען באַשאַפען די געשטאַלט פון אַ משיח אַ דערלייזער, אַ צודריקטען, אַ צושטערטען, אַ געקרייציגטען. „משיח, די האָפענונג פון דער וועלט, וועט זיין אַ צדיק און אַ ליידענדער" — האָבען די אידישע נביאים געלערנט. „און דאָס וועט זיין גאָט!" — האָט געענטפערט די אידישע רעליגיעזיטעט. און פאַר דעם שרעק פון יעזוס'עס ליידען זיינען אַ סך געשטאַנען מיט אַ פראַגע: „וועט ניט אויף איהם מקוים ווערען, וואָס שטעהט געשריבען?" ס'איז פאָרגעקומען, אַז איינער פון די פיעלע נאַזאַרייער, וואָס האָבען געטרוימט וועגען אַ מעסיאַנישען באַרוף, האָט וועגען זיך געזאָגט אַ גרויס וואָרט: „איך — בין משיח, איך — בין גאָט!" אמת, ער איז פאַרניכט געוואָרען פון די קרעפטען פון דער דאָזיגער וועלט. נאָר די נביאים האָבען דאָס פאָרגעזעהן. ער מוז אויפשטעהן, לעבעדיג ווערען און קומען מיט אַ נייעם רוהם, מיט אַ נייער גרויסקייט. דאָס האָט מען פיינליך געוואָרט. יאָהרהונדערטע האָט מען געוואָרט אויף זיין צווייטען קומען, וואָס האָט זיך געמוזט זעהן פון איין עק וועלט ביז'ן צווייטען. און זיין אויפשטעהן האָט אויף זיך נישט געלאָזט וואַרטען. דער באַגעהר פון דער קליינער קהלה איז געווען אַזוי שאַרף און ברענענדיג, די צייט איז געווען אַזוי נאָכגעבענדיג און לייכט־גלויבענדיג! עס איז גענוג געווען עטליכע האַלוצינאַציעס אָדער חלומות, כדי די האָפנונג זאָל פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ זיכערקייט. עס איז געבוירען געוואָרען אַן אמונה אין אַ קריסטוס'ן, וואָס איז אויפגעשטאַנען תחית המתים, וואָס לאָזט זיך אויף די וואָלקענס משפט'ן לעבעדיגע און טויטע.

מיר רעזומירען: ווען קריסטוס וואָלט ניט געווען, וואָלט די לעגענדע איהם באַשאַפען. דאָך איז עס מעהר וואַרשיינליך, אַז די פאַקטען האָבען פאַסירליך געמאַכט אַ טריט אויף צו באַגעגנען די לעגענדע, וועלכע האָט צוגערופען די פאַקטען, האָט זיי

צוגעגרייט מיט דער אלגעמיינער ערוואַרטונג, האָט באַשאַפען אַן אַטמאָספערע. די לעגענדע און די ווירקליכקייט האָבען געאַר־בייט אינאיינעם. די לעגענדע האָט געשפּיעלט אַ גרעסערע ראָלע, ווי די ווירקליכקייט? און צי איז דען לעגענדע די סאַמע ווירקליכע ווירקליכקייט. וואָרום דאָס איז דאָך אַ לעבהאַפטע גרויסע אויסבריהונג פון דער צייט און פון די באַדינגונגען, דער געשריי פון דעם אנגעוועהטאָגטען האַרצען פון די מאַסען! דער כח הדמיון, די איינבילדונג פון די מאַסען האָט געמאַכט יעזוס׳ן רעאַל פאַר אַ לעהרער, פאַר אַ פאַרזאָגער פון דער נאָהענטקייט פון מלכות שמים, פאַר אַ פיהרער פון די אָרימע און ניט געלערנטע; די איינבילדונג האָט רעאַל איהם געפיהרט צו די הויכקייטען פון זעלבסטדערהויבונג און אונטערגאַנג, און ווייטער, שוין ריין פאַנ־טאַסטיש האָט זי איהם געמאַכט פאַר אַ דערלייזונגס־קרבן אין די אויגען פון גאָט, פאַר אַ גרויסען מלאך, פאַר גאָט׳ס זוהן, פאַר׳ן לאָגאָס (וואָרט), פאַר אַ גאָט, פאַר׳ן צענטראַל־פונקט פון אַלע טרוימערייען און האָפנונגען פון אַלע פעלקער און דורות, פון גרויסע גייסטער און הערצער. און... דאָס פאָלק׳ס שאַפען האָט אויסגעשמידט סוף כל סוף אַ וואָפע קעגען זיך.

די עביאָניטען (די אביונים.)

אויף דעם אָרט פון יעזוס׳עס דיענסט האָט זיך אין ירושלים גופא געבילדעט אַ צענטראַלע קריסטליכע קהלה, וואָס איהר לעהרע איז, ס׳פאַרשטעהט זיך, געווען אַמעהרסטען נאָהענט צו יעזוס׳עס לעהרע.

די קהלה האָט געצעהלט אין איהרע רייהען ניט ווייניג נאַזאַ־רייער און פאַריסייער, זי האָט זיך פעסט געהאַלטען פאַר דעם נאַ־ציאָנאַלען אידישען באַוואוסטזיין און נאַציאָנאַלען געזעץ. די קריסטען האָבען זיך באַמיהט צו זיין גערעכטיגער פון די גערעכ־טיגסטע, און, אין הסכם מיט דער לעהרע פון לעהרער, האָבען זיי אויף אַ האָר ניט געוואָלט איבערטרעטען דאָס געזעץ.

דער עסייאישער קאָמוניזם, וואס האָט געטראָגען א כאראַקטער פון אַסקעטיזם, אביונות און ניט אַרבייטען איז אָנגענומען געוואָרען פון די קריסטען. און דאָס איז געווען פארשטענדליך. דאָס זיינען אלץ געווען אביונים, וואס האָבען געפונען טרייסט אין נאָהענטער באַהעפטונג איינער צום צווייטען, וואָס האָבען זיך ווי עס איז דורכגעשלאָגען אויף צדקה, אויף נדבות, באצאָהלענדיג דערפאר די געבער מיט תפלות. ווער עס האָט געוואָלט רעטען די נשמה, האָט געמוזט אריינטרעטען אינ׳ם אָרדען פון „די ירושלים׳ער אביונים" (עביאָניטען) און טיילען זיין אייגענטום מיט דער קהלה, מיט דער חברה. דורכלעבען האָט מען דאָך געמוזט ווי עס איז. וועגען אַן ארבייטס אָרגאַניזאציע האָט קיינער ניט געטראכט, מחמת די וועלט האָט גאָר אין גיכען געדארפט אונטערגעהן, לויט ווי זיי האָבען געגלויבט. „דאָס מאָראלישע לעבען פון די ערשטע קריסטען, זאָגט פפליידערער, איז געווען אונטער דער ווירקונג פון דער אידעע וועגען דעם, אז צו דער וועלט וועט קומען א סוף... צו וואס האָט מען געדארפט שטרעבען צו פארפאָלקאָמען דעם געזעלשאפטליכען סדר, אז אלץ איז נאָהענט צום אונטערגאנג. א פליכט איז נאָר געווען מיט מילדקייט און ליעבע צו פארלייכטערען דעם צווייטען די אונמיטעלבארע ליידען. און אין דעם פרט האָבען די קריסטען געטאָן אזוי פיעל, אז זיי האָבען ארויסגערופען ערשטוינונג ביי די געצענדיענער".

א גייסט פון פרידען, ליעבע און פון אָנגעשטרענגטער פרייוויליגער ערוואַרטונג האָט געהערשט אין דער קהלה. די צווייטע זייט פון איהר איז געווען א ברענענדיגער ראכעזיכטיגער האס צו די שטארקע פון דער וועלט, אלעמאָל אַן איינגעהאַלטענער, וואָס האָט ניט געוואגט, אין איינקלאנג מיט די פרינציפען פון בארעמהארציגקייט, זיך ארויסצואווייזען אין אקטען פון גוואלט, וואָס האָט אָבער באַצייטענס הנאה געהאַט פון דעם בזיון און מאַטערניס פון די שונאים, בעת „דער שטארקער" וועט קומען. שטאָלצירענדיג מיט זייער צידקות, האָבען די ירושלים׳ער אָרימע, אָדער די עביאָניטען, אויך שטאָלצירט מיט זייערע תעניתים און תפלות. זיי האָבען איבערגעשטייגט די פאריסייער אליין, פארדעקענדיג

פון דעסטוועגען זייערע צערעמאָניעלע פּאַרדינסטען מיט זייער באַשיידענהייט און אַרויסוואַרפּענדיג פון די צערעמאָניעס אַלץ, אין וואָס ס'האָט געשפּיעלט אַ ראָלע רייכקייט אין גאָלד און ניט אין גרייטקייט צו דיענען גאָט.

בראש פון דער דאָזיגער שטרענגער און פריידיגער, ליעבפולער און האַסענדיגער, רעוואָלוציאָנערער און קאָנסערוואַטיוו-געזעליכער טיעף אידישער סעקטע איז געשטאַנען ניט פּעטרוס (פּעטער), דער דאָזיגער גוטער און אומענטשלאָסענער מענש, ווי עס מאָלען איהם פאַר אונז זיינע ווירקליכע דאָקומענטען (די בריעף פון דעם הייליגען פּאול), ניט דער ליעבענדער און געניייגטער צו מיסטישע עקסטאַזען יוחנן, נאָר יעזוס'עס ברודער — יעקב. רענאַן גיט אַזאַ כאַראַקטעריסטיק פון דעם דאָזיגען אין זיין אַרט אומגעוועהנליכען מענשען:

„יעקב" דער צדיק אָדער „די געשטאַלט פון האָר" איז געווען דער פּינקטליכסטער אָפּהיטער פון געזעץ; לויט מאַנכע טראַדיציעס, איז ער געווען אַ נזיר, אַן אַסקעט, וואָס האָט קיינמאָל ניט געוואוסט פון קיין פרוי, ער האָט אַבסאָלוט קיין ווין ניט געטרונקען, האָט קיין פליייש ניט געגעסען, האָט די האָר ניט געשאָרען און אַז. וו. ער איז אַלעמאָל געגאַנגען באָרוועס און ברודיג און אין גראָבע קליידער. דער אַסקעטיזם איז געוואָרען אַלץ מעהר מאָדנער צווישען די ניי-צוגעשטאַנענע און ער האָט געהערשט אין דער יונגער קירך. יעקב איז קיינמאָל ניט אַרויסגעגאַנגען פון טעמפּעל. ער פלעגט אַזוי פיעל שטעהן אויף די קני און מתפּלל זיין, אַז מאַזאָליעס האָבען זיך אויף זיי געבילדעט, ווי ביי אַ קעמעל. אַלע האָבען געגלויבט, אַז ער, אַזוי ווי ירמיה, באַוויינט און בעט מחילה פאַר די זינד פון פאָלק, אַפּוועגדענדיג אויף אַזאַ אופן די אומגליקען, וואָס דראָהען דעם פאָלק. ס'איז פאַר איהם געגוג געווען אויפצוהויבען די הענד צום הימעל, כדי צו באַווייזען וואונדער. מ'האָט איהם גערופען „אָבליאַם" — דער פּאַנציר פון פאָלק*), וואָרום ער אַליין האָט איינגעהאַלטען גאָט'ס צאָרן. די

נים קריסטליכע אידען האָבען איהם געאַכט ניט ווייניגער פון די קריסטען. דאָס איז געווען דער פיהרער פון דער ערשטער קריסט־ליכער קירך".

דער קריסטליכער גייסט איז געווען אין העכסטען גראַד פע־היג צו פאראייניגונג און צום קאָמפּליצירטען סינטעז מיט די רעליגיעזע ווארשיינליכקייטען, מיט די רעליגיעזע אויסקוקען פון דער פאָראויס־אזיאַטישער גריכיש־רוימישער וועלט, נאָר זיך אויפהאלטענדיג, ווי אין א פארשלאָסענער כלי, אין דער אידישער געזעצליכקייט איז ער געווען פעסט אָפּגעצאַהמט פון די שכנים. דעם קריסטענטום איז נאָך פאָרגעשטאַנען א לאנגע עוואָלוציע פון דעם עביאָניטיזם ביז זיינע היינטיגע פילאָזאָפּישע פאָרמען. ניט נאָר די אָרטאָדאָקסאַלע טעאָלאָגען, נאָר אויך רענאַנען האָט זיך געוואָלט קוקען אויף „די ירושלים'ער אביונים", ווי אויף מענשען, וואָס זיינען ניט ווערט קריסטום'ן, וואָס האָבען איהם ניט פאַר־שטאַנען. נאָר אפילו צווישען די אמעהרסטען שאַרפזיניגע און וויסענשאַפטליך דענקענדע טעאָלאָגען ווערען אומפּארטייאיש באַ־צייכענט די נאַציאָנאַליסטישע און די געזעצליכקייטס שטריכען, וואָס זיינען דאָ אין די עוואַנגעלישע פרעדיגטען, ס'הייסט אפילו אין דער לעהרע פון קריסטום'ן, וואָס האָט זיך דורכגעבראָכען דורך די פריזמע פון די גריכישע עלעמענטען פון דער קירך פון ערש־טען יאָהרהונדערט פון קריסטענטום. אזוי איז זיך פפליידערער מודה: „די נייע רעליגיע (די רעליגיע פון גאָטמענשהייט נאָכ'ן פארפאסער'ס מיינונג) האָט אין יעזוס'ן נאָך געהאַט דעם אויס־זעהן פון זריעה־קערנדלאַך, דורכלייטענדיג אין זיין גאָטס־פאָרב־טיגקייט, אין זיין לעבעדיגען גלויבען און ליעבע צו מענשען. נאָר זי איז געווען פארוויקעלט אין די קליידער פון דער אידישער מע־סיאַנישער אידעע און פארשלאָסען אין די גרעניצען פון דער אי־דישער נאַציאָנאַליטעט. די אלגעמיינע רעליגיע פון גייסט האָט

*) דאָס וואָרט „אבליאָם" מוז געווים שטאַמען פון די צוויי העב־רעאישע ווערטער = אב לעם — א פאָטער, א שוץ פון פאָלק.—איבערז.

געמוזט נאָר שפּעטער דערגרייכען דעם פולען באוואוסטזיין פון איהר אייגענאַרט, פון איהר ספּעציפישקייט, און דערפאר האָט זי געמוזט צוברעכען דעם שאָלעכץ פון די אידיש־קריסטליכע גלויבונגען פון דער ערשטער געזעלשאַפט.״

אויף דער שטופע, אויף וועלכער מיר באַאבאכטען דאָ איצט דעם קריסטענטום, — איז עס די אידעאָלאָגיע פון די אויסגעמאטערטע ירושלים׳ער אביונים און פון דעם אידענטום בכלל. די דאָזיגע אביונים האָבען געפונען א פּסיכאָלאָגישע טרייסטונג פאר זיך אין אַפּלייקענען די שלעכטע „וועלט״, אין דעם פאָרגעשמאַק פון איהר נאָהענטען אונטערגאַנג און פון זייער נאָהענטען טריאומף, אין דעם גלויבען אין א געטליך־רעוואָלוציאָנערער מיסיע פון דעם ניט לאנג צוריק שענדליך געקרייציגטען לעהרער, וואָס האָט געליטען מיט געדולד, אזוי ווי זייער גאנצע קהלה ליידט מיט געדולד; דער לעהרער, וואָס איז געוואָרען זייער אידעאלער פאָרשטעהער, וועלכער, לויט ווי אלע האָבען געגלויבט, איז לעבעדיג געוואָרען און גרייט צו אויפ׳ן הימעל א אימה׳דיגען צוג פון זיינע צעהנדליגער לעגיאָנען מלאכים קעגען די שטאָלצע אונטערדריקער. זיי האָבען פאר זיך געפונען א צופרידענשטעלענדיגע אָרגאַניזאציע אין די ברודערשאַפטען פון די אביונים, וואָס האָבען געלעבט געמיינשאַפטליך, מיט וואָס גאָט האָט צוגעשיקט.

דער פּראָלעטאַריאַט פון דער וועלט האָט געליטען און געזוכט. ער האָט געמוזט געפינען א היילענדיגען עליקסיר, וואָס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען פון דעם קאָלעקטיווען שאַפען פון גאנצע דורות אידישע ליידענדע. נאָר דערפאר האָט דער עליקסיר געמוזט פארלירען זיינע ספּעציפישע אייגענשאַפטען. און דאָס האָט אויסגעפיהרט דער פארמיטלער צווישען ירושלים און אַנטיאָכיען— און דער אַפּאָסטעל פון מאקעדאָניען און גריכענלאַנד — שאול־פּאָול, ניט אָהן דער שטארקער הילף פון דעם פארמיטלער צווישען ירושלים און אלעקסאנדריא — אַפּאָללאָס.

„עס וואָלט גאָר אין גיכען קיין געדעכטניס ניט געבליבען פון יעזוס קריסטוס, זאָגט שולץ, ווען נאָך זיין טויט וואָלט דער הויכ־

געלעהרטער פּאריסיי זעלבסטשטענדיג ניט געוואָרען זיין אפּאָס־טעל און וואָלט איהם ניט געמאכט פאר א נייע גאָטהייט פון דער גריכיש־רוימישער וועלט, אָפּגעבענדיג דער דאָזיגער זאַך זיין גע־לעהרזאַמקייט און זיין אומערשעפּליכע ענערגיע". מיר וועלען באמערקען, אז פּאול'ס געלעהרזאמקייט איז געווען גענוג באגרע־ניצט און באקאָנענדיג זיך מיט דעם העלענישען געדאנק, האָט ער מיט ביטערקייט פארגליכען זיין „תמ'עוואטקייט" מיט דער „קלוגקייט" פון דעם העלעניזם. זיין ענערגיע מוז מען אנערקענען. אָבער אויך ער, אזוי ווי יעזוס, הגם ס'קאָן זיין, אז ער האָט ארויס־געוויזען אן ענערגישערע און בולט'ערע טעטיגקייט, איז אין אמת'ן געווען א געצייג פון דער קאָלעקטיווער נשמה פון דעם וועלט פּראָלעטאריאט, וואָס האָט נאטירליך געמוזט ענטשטעהן אלס קייטענגליד צווישען דער צוגרייטונגס רעליגיעזיטעט פון קליין־אזיען און דעם קריסטליכען אוצר פון די ירושלים'ער אביונים.

צווייטער קאַפּיטעל.

דער גריכיש־רוימישער באָדען. דער אַפּאָסטעל פּאַול.

רייִדענדיג פון דעם גריכיש־רוימישען באָדען, האָבען מיר דערוויילע ניט אין זינען די גריכישע פילאָזאָפיע, די פאַרשידענע שפּראָצונגען פון דעם פּלאַטאָניזם, וואָס האָבען שפּעטער אַזוי מעכטיג געווירקט אויפ׳ן קריסטליכען געדאַנק, דעם גנאָסטישען און אָרטאָדאָקסאַלען. אין די ערשטע צעהנדליגער יאָהרען פון קריסטענטום, אפילו אין משך פון דעם גאַנצען ערשטען יאָהרהונדערט, האָט די דאָזיגע ווירקונג וועגען זיך געלאָזט וויסען שוואַך, און, דערהויפּט, דורך דער פאַרמיטלונג פון דער אַלעקסאַנדרינישער אידישער פילאָזאָפיע. מיר האָבען דאָ דערוויילע אין זינען דעם סאָציאַלען צושטאַנד פון דער גריכיש־רוימישער און באַזונדערס פון דער קליינאַזיאַטישער וועלט און זיין פּסיכישע רעליגיעזע שטימונג, וואָס איז געווען, ס׳פאַרשטעהט זיך, אין איינקלאַנג מיט זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישען צושטאַנד. די פאַרשפּרייטונג פון דעם קריסטענטום און די ענטשטעהונג פון זיין נייער פאָרמע, ערשיינונגען, וואָס ווערען געוועהנליך ענג פאַרבונדען מיט׳ן נאָמען פון דעם אַפּאָסטעל פּאַול, וועלען בלייבען אומפאַרשטענדליך, ניט זייענדיג דערקלערט אלס נאַטירליכער מאַסען־פאַקט, סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער פאַקט, פאַר וועלכען פּאַול איז נאָר געווען דער, וואָס האָט איהם אמעהרסטען בולט אויסגעדריקט, וואָס האָט אַמעהרסטען באַוואוסטזיניג געטראָגען די טענדענצען פון דערעהנטערן די געצענדינערשע און די אידישען וועלטען אין א נייער רעליגיעזיטעט.

קאַרל קאַוטסקי האָט געגעבען אַזאַ קלאָרע און צונויפגעפּרעסטע בילד פון דעם אַלגעמיינעם צושטאַנד פון דער רוימישער וועלט צום אָנהויב פון דער קריסטליכער עפּאָכע, אַז מיר בלייבט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי צו נעמען ביי איהם זיין אינטערעסאַנטען היסטאָרישען סינטעז.

„אין יענער צייט, צו וועלכער עס ווערט צוגעפּאַסט, מיט וועלכער עס גרעניצט זיך קריסטוס'עס געבורט, זאָגט קאַוטסקי, איז פאָרגעקומען די גסיסה פון דער רוימישער רעפּובליק און דער אָנהויב פון דעם צעזאַריזם האָט זיך גענומען באַווייזען.“

„די אַריסטאָקראַטיע און די דעמאָקראַטיע זיינען געווען באַנקראָט. די יאַדרע פון פאָלק, דער פרייער פויערים שטאַנד, איז פאַרטריקענט געוואָרען אין דער רוימישער מלוכה, אין אַ פולע געגענדען איז ער אינגאַנצען פאַרשוואונדען. די גרויסקייט און דער רוהם פון דער מלוכה האָבען זיך באַשאַפען אויפ'ן באָדען פון רואינירען דעם פויער. די אייביגע מלחמות, וואָס זיינען געפיהרט געוואָרען מיט דער הילף פון די דאָרפסלייט, האָבען רואינירט דעם פויערים שטאַנד, בעת די גרויסע ערדבאַזיצער, וואָס האָבען באַטריבען זייער ווירטשאַפט מיט דער הילף פון קנעכט, האָבען פון די מלחמות ניט געליטען. פאַרקערט, נאָר אָט די מלחמות האָבען זיי צוגעשטעלט אומגעוועהנליך ביליגע קנעכט. דערום איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס די ווירטשאַפט פון די קנעכט־באַזיצער האָט זיך גיך פאַרנאַדערגעוואַקסען און האָט אַרויסגעשטויסען די ווירטשאַפט פון דעם פרייען פויער. דאָס פרייע, שטאַרקע פויערטום האָט געשמאָלצען, ווי שניי אויף דער זון; ערטערווייז האָט דאָס פויערטום נאָך ווי עס איז זיך דורכגעשלאָגען, נאָר אַ גרויסער טייל פון איהם איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פּראָלעטאַריאַט, ס'הייסט אין אַ לומפּען פּראָלעטאַריאַט, וואָרום די פאָדערונג אויף אָנגעדינגענע אַרבייט איז דעמאָלט געווען נאָך ניט גרויס, און די פויערים האָבען ניט געהאַט וואָס צו טאָן. אויך אין געווערב, אַזוי ווי אין לאַנדווירטשאַפט, האָט געהערשט די אַרבייט פון קנעכט. די ערדלאָזע פויערים האָבען געפּלייצט אין

די גרויסע שטעדט, וואו צוזאמען מיט די באפרייטע קנעכט האָבען זיי געבילדעט דעם נידעריגסטען שיכט פון דער באפעלקערונג".

„נאָר ביז וואנען ס'האָט עקזיסטירט א דעמאָקראטישע רעפובליק, איז די מאסען־אָרימקייט נאָך ניט געווען א מאסען־אביונות. פארלירענדיג אַלץ האָט דאָס פאָלק איינגעהאלטען זיין פּאָליטישע קראפט און האָט אויסגעצייכענט געקאָנט זיך באנוצען מיט איהר, עקספּלאָטירענדיג אויף א פארשידענסטען אופן די רייכע ערבעטע ראיאָנען, וואס האָבען געצאָהלט שטייער. די פּאָליטישע קראפט האָט זיי געגעבען ניט נאָר ברויט און פארשטעלונגען, נאָר אמאָל אויך מיטלען פאר פּראָדוקציאָן, ערד אייגענטום. אין משך פון די לעצטע יאָהר־הונדערטע פון דער עקזיסטענץ פון דער רוימישער רעפּובליק, זיינען אומאויפהערליך פאָרגעקומען פארזוכען צו באשאפען א נייע פּיוערטום דורך דעם, וואָס מ'האָט געוואָלט די פּראָלעטאריער איינטיילען ערד, אזוי ווי די פּויערים. אָבער די אַלע פארזוכען אָפּצושטעלען דעם גאנג פון דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג זיינען געווען ערפאָלגלאָז. אין דעם האָט געשטערט דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער פּארצוג פון די גרויסע ערד־באזיצער. ווען עס פלעגען זיך יאָ איינגעבען אזעלכע פארזוכען, פלעגען די ערד־באזיצער באלד ארויסשטויסען די נייע־אויפגעקומען פּויערים און אָפּקויפען זייערע חלקים ערד. די דאָזיגע פארזוכען פלעגען זיך אויך ניט איינגעבען מחמת דעם, וואָס דער דאָזיגער פּראָלעטאריאט־ארומטרייבער איז געווען פאַרדאָרבען, האָט ניט געוואָלט הארעווען. ער האָט בעסער געוואָלט הוליען אין דער הויפּט־שטאָדט, איידער פיהרען א הארעפּאסנעם לעבען, ווי די פּויערים אין דאָרף. ניט זעלטען האָבען די פּראָלעטאריער אליין געשטערט דורכצופיהרען סאָציאלע רעפאָרמען, וואָס זיינען געווען לטובה פון זיי גופא; זיי האָבען האסטיג פארשווענדעט זייערע פערמעס אָדער פארקויפט זייער פּאָליטישע מאכט צו די רייכע, גרויסע ערד־באזיצער, אָנווענדענדיג זי אויף אזא אופן קעגען די סאָציאלע רעפּארמער."

„דאָס דענקען פון די פּראָלעטאַריער און זייערע פריינד האָט באַזימען אַן אַנדער ריכטונג, בעת דאָס פּאָליטישע לעבען איז אָפּ־געשטאָרבען; די ניט־פאַרמעגליכע זיינען מאָראַליש און פּאָליטיש נעפאַלען אַזוי נידעריג, ווי די פאַרמעגליכע, בעת די דעמאָקראַטיע האָט זיך גענומען שאָקלען, אַזוי ווי די אַריסטאָקראַטיע, און בעת ס'איז געווען צוגעגרייט אַ באָדען פאַר אַ זעלבסטהערשער, אוימ־פעראַטאָר, פאַר אַ באַפעהלער פון די נעדרונגענע חיילות, און פאַר דעם אָנהויב פון אַ ביוראָקראַטיע".

„צוזאַמען מיט דער פּאָליטישער מאַכט איז אויסגעטריקענט געוואָרען דער וויכטיגסטער, ריכטיגער, דער איינציגער איינ־קונפטס־קוואַל פון דעם אַלטערטימליכען פּראָלעטאַריער. איצט האָט אָרימקייט באַדייט אויך אביונות, בעטלעריי. די אָרימקייט פון די מאַסען האָט אַרויסגערופען אין דער רוימישער געזעלשאַפט שרעקליכע ביז איצט אומבאַוואוסטע ערשיינונגען. די אָרימקייט, די אביונות פון די מאַסען איז געוואָרען די וויכטיגסטע סאָציאַלע פראַגע, אַ פראַגע, וואָס האָט אַלץ דרינגענדער געפאָדערט אַ לייז־זונג, ווארום די סאָציאַלע ענטוויקלונג איז נעגאַנגען מיט איהר וועג, די מיטעלסטע שיכטען זיינען אַלץ מעהר און מעהר פאַר־שוואונדען, די רייכע זיינען אַלץ רייכער געוואָרען, די צאָהל פון די אומפאַרמעגליכע האָט אַלץ געשטיגען. די רוימישע קולטור האָט געקאָנט דערגרייכען איהר הויך נאָר אַ דאַנק דער געוועזענער אַרבייטס־קראַפט, וואָס ביי איהר איז געווען אין איבערפלוס, וועלכע זי האָט פאַרשווענדט אָהן אַן אויסרעכענונג. איז צו־נישט געוואָרען די איבערפליסיגע אַרבייטס־קראַפט — איז פאַר־שוואונדען דער איבערפלוס פון פּראָדוקטען. די לאַנדווירט־שאַפט און דאָס געווערב זיינען געפאַלען, מען איז געוואָרען אַלץ מעהר פאַרגרעבט און באַרבאַריש. און דערנאָך האָט די קונסט און די וויסענשאַפט גענומען פאַלען".

„די דאָזיגע סאָציאַלע ירידה איז פאָרגעקומען אין פאַרלויף פון אַ לאַנגען משך. ס'איז אַוועק עטליכע יאָהרהונדערט, ביז רוים האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון איהר שטאָלצער הויך, וואָס זיי

האָט פארנומען אין דער צייט פון אָגוסטוס׳ן און זיינע ערשטע נאָכהערשער, אויף יענער קלעגליכער מדרגה, אויף וועלכע זי איז געשטאַנען אין אָנהויב פון דער פעלקער וואנדערונג. נאָך דער שטוים צו דער ירידה איז שוין געגעבען געוואָרען אין דעם ערשטען יאָהרהונדערט פון אונזער צייטרעכענונג, און אין א סך שטריכען קאָן מען שוין דעמאָלט דערקענען די ירידה. מיט דעם דאָזיגען נידערפאַל און א דאנק איהם איז אויסגעוואקסען א נייע סאָציאַלע קראפט, וואָס האָט געראטעוועט אין אלגעמיינעם אונטערגאַנג אַלץ, וואָס מ׳האָט געקאָנט ראטעווען און וואָס האָט איבערהגעגעבען צו־לעצט די רעשטלאך פון דער רוימישער קולטור צו די גערמאניער, וואו דאָס האָט געמאכט די התחלה פון א נייער העכערער קולטור. די דאָזיגע קראפט איז געווען דאָס קריסטענטום".

אזוי כאראקטעריזירט די סאָציאַלע באדינגונגען פון דער עפּאָכע קארל קאוטסקי. די וויסענשאפט איז געפאלען, געהערשט האָט די אבערגלויבעריי, וואס די שרעקליכע לעבענס באדינגונגען האָבען באשאפען. די נידעריגע שיכטען פון פאָלק זיינען געווען מיעד צו לעבען, האָבען געפיהלט אַן עקעל צו דער וועלט, וועלכע איז פול מיט ליידען, און ניט האָבענדיג קיין אָרט פאר רעאַלע האָ־פענונגען, האָט מען געפלאנצט גאנצע וועלדער פון פאנטאזיעס און מעשיות, וואס האָבען געטרייסט דעם מענשען. מען האָט גע־ווארט אויף א נס, ווארום אָהן א נס האָט מען קיין ישועה ניט געזעהן. אבערגלויבעריי, פאנטאזיעס, ערווארטונגען אויף וואונ־דערליכע, אויף געטליכע קרעפטען, וואָס זאָלען אריינדרינגען אין דער רעאַלער וועלט — דאָס איז געווען דער גייסט פון דער צייט.

דאָס איז געווען די הערשאפט פון אַן אלגעמיינעם היסטאָרי־שען ליגען און זעלבסטבאטרוג, ווייל אין דעם אמת, ווי ס׳האָט זיך אויסגעדאכט, איז קיין אריינגאנג ניט געווען פאר ליכט.

„דאָס קריסטענטום", זאָגט בעבעל, „איז געווען א נויטיגער רעזולטאט פון דער גייסטיגער שטימונג פון דער מענשהייט, וואס איז ארויסגערופען געוואָרען פון די סאָציאַלע לעבענס באדינגונ־גען; די געדריקטע מאסען, די קרבנות פון אומוויסענהייט, האָ־

בען זיך ניט געקאָנט העלפען און זיי זיינען פול געווען מיט פאַר־צווייפלונג. די ניט בענוגע עקאָנאָמישע און וויסענשאַפטליכע ענטוויקעלטקייט פון דער צייט האָט ניט געלאָזט געפינען א רע־טונגס אויסגאנג אפילו די ניט פיעלע קעמפער פאַר א אידעאַל און האָט זיי גענויט צו ווערען דורכגעדרונגען סוף כל סוף מיט יענע קירסטליכע אידעען און זיי פאַרשפּרייטען".

„דאָס קריסטענטום איז ענטשטאַנען אין אזאַ צייט", זאָגט ענגעלס, „בעת אפילו אין רוים און אין גריכענלאנד, און נאָך מעהר אין קליינאזיען, סיריען און מצרים האָט געהערשט א פאָלשטענ־דיג אומקריטיש געמיש פון די גראָבסטע אבערגלויבערייען פון פאַרשידענאַרטיקסטע פעלקער, וואָס איז פון אלעמען אָבגענומען געוואָרען מיט צוטרוי און וואָס איז אויסגעפולט געוואָרען מיט פרומען באטרוג, און אמאָל גאָר מיט פשוט'ע שאַרלאַטאַנעריי. די ערשטע ראָלע האָבען געשפּיעלט נסים, עקסטאַזען, זעהונגען, גייס־טער, באשווערונגען און אַנדערע כישוף. דאס איז געווען די אט־מאָספערע, אין וועלכער דאָס קריסטענטום איז ענטשטאַנען, דערצו נאָך אין א סביבה פון מענשען, וואָס זייערע אויערען זיינען געווען זעהר אָפען פאַר אזעלכע זאַכען".

די פּראָווינצען זיינען געווען צושטערט, אלע היימלענדער דערשלאָגען, פאַר א סאָציאַלען לעבען, אלס נאַטירליכער צוגאָב צום פּערזענליכען לעבען, איז קיין אָרט ניט געבליבען אויף דאָרט, אזוי ווי אין רוים. דער דאָרשט צו פּערזענליכער אומשטערבליכ־קייט האָט געוואַקסען אלץ קימערליכער און איז געוואָרען אלץ שטענדיגער, וואָס אומגליקליכער דאָס פּערזענליך ערדיש לעבען האָט זיך צונויפגעלייגט. און צו אלעם דעם, דאָס טיעפע באַ־וואוסטזיין פון זינדיגקייט. דעם גאנצען ים ליידען האָט מען אנדערש ניט געקאָנט ערקלערען, ווי מיט דער שטראָף, וואָס איז אראָפּגעשיקט געוואָרען אויף דעם גאנצען מענשליכען געשלעכט פאַר זיין זינדיגקייט. און זיין זינדיגקייט, די נידערטרעכטיגקייט פון די מענשען, צווישען די חורבות פון די אלטע קולטורען, האָט געשטאָכען די אויגען. רעליגיעס זיינען ענטשטאַנען אייגע נאָך

דער צווייטער, איטליכע האט געשטרעבט צו ערקלערען די אורזאך פון שלעכטס און געפינען אן אויסוועג פון איהם דורך דער אדער יענער פארמע פון דערלייזונג. צווישען אנדערע רעליגיעס האט פרעטענדירט צו ווערען אן אלמענשליכע רעליגיע אויך די רעליגיע פון די אידען, און צוזאמען מיט'ן אידענטום, וואס איז פארגע־שטעלט געווארען אין די קאלאניעס פון רוים, דערהויפט פאר די ארימע קלאסען, האט זיך פארשפרייט אויך יענע ספעציפישע פארמע פון מאנאטעאיזם, וואס איז דעמאקראטיש און מיסטיש לויט זיין וועזען, לויט זיין מהות, וואס איז קאמוניסטיש לויט זיין ארגאניזאציאנס פארמע, אזוי ווי עס איז געווען דאס פרימי־טיווע קריסטענטום.

רענאן האט געגעבען א מייסטערהאפטע באשרייבונג פון דער דאזיגער אויספליסונג פון די פאלעסטינישע אידעען, אין אלע גע־וועבען פון דער האלב־צוליגטער רוימישער וועלט.

די קריסטליכע פראפאגאנדא איז געגאנגען אין די טריט פונ'ם אידענטום. די אידישע רעליגיע, אפילו אליין פאר זיך, ווי א רע־ליגיעז פילאסאפישע קאנצעפציע, האט אימפאנירט: „דער יודא־איזם איז באזעסען א ניט קליינע צוציהונגס קראפט, זאגט רענאן, און באשטאנען איז די דאזיגע צוציהונגס קראפט, ניט אין זיינע אופנים, וועלכע האבען בכלל זיך ווענינ אויסגעצייכענט פון די צערעמאניעס פון אנדערע רעליגיעס, נאר אין דער אומגעוועהנלי־כער טעאלאגישער איינפאכקייט. מ'האט איהם אנגענומען ווי א דעאיזם, ווי א גאטהייט, וואס איז פול מיט א פילאסאפישען גייסט". א ביישפיעל פון דער דערמאנטער אידעען־אויספליסונג איז די גע־היימע ווירקונג פון דער אידישער קאלאניע אין רוים, ווי רענאן כאראקטעריזירט זי: „דער היפט קווארטאל פון די אידען אין רוים איז געווען די געגענד הינטער'ן טיבר, דאס הייסט דער סאמער שמוציגער ארימער טייל פון שטאדט. דארט, באשיצטע פון דער פאראכטונג, וואס זיי האבען אין אלעמען אנגערעגט, אבער ווייניג עמפפינדליכע בנוגע צו די לצנות און שפאט, וואס האבען זיך גע־שאטען אויף זיי, האבען זיי געפירט א זעהר אקטיווען סאציאלען

לעבען... זייערע סינאַגאָגען זיינען געווען אויסגעצייכענט אָרגאַ־ניזירט... ניט ווייניג רייכע מענשען האָבען זיי פּאַטראָניזירט, אָנגעהמענדיק אפילו אידישע נעמען... די אָרימע אידען האָבען געקאָנט, אויסבעטלענדיג א נדבה מיט א ציטערענדיגער שטים, איבערראַשען די אדער יענע רייכע דאַמע מיט א וועלכען איז שפּרוך פון דער ביבעל. האַלטען שבת און אַנדערע אידישע יום טובים — הייסט עס נאָך האָראַציאָ'ן, זיך ארויסגעבען א צייגנים אויף גיים־טיגער אָרימקייט און זיך אַראָפּלאָזען צום המון. מיט גוטע אבזיכ־טען צו אלעמען, דאָס גליק פון רוה מיט די צדיקים, הילף פאר אָרימע, ריינע זיטען, שטילע פרייד פון פאַמיליען־לעבען, הכנעה פאר'ן טויט, וואָס איז באַטראַכט געוואָרען, ווי א שלאָף, — דאָס זיינען די שטריכען, וואָס די אידישע מצבה־אויפשריפטען ברענגען ארויס, פול מיט ריהרענדיגער מילדקייט און טיפער האָפע־נונג און וועלכע טרעטען ניט אָפּ אין דעם דאָזיגען פּרט די קריסט־ליכע".

די קריסטען זיינען געווען די אָרימסטע פון די אָרימע צווי־שען די אידען: „די דאָזיגע גאַנצע וועלטעלע, זאָגט רענאַן, אָט די פּאָר־עלטערן פון די רוימישע פּרעלאַטען, זיינען געווען האַלב בעטלערישע פּראָלעטאַריער, ס'האָט זיך פון זיי געהערט קנאָבל, זיי האָבען אָפּגעשטויסען פון זיך מיט זייער שמוציגקייט, האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער לאַנגזאַמקייט און גראָבקייט, פלע־גען זיך אָנטאָן אין שמאַטעס, האָבען געאָטעמט מיט א שלעכטען גרוך, ווי אלע מענשען, וואָס עסען שלעכט". — „געוויס, באַ־מערקט רענאַן„ די שטאָלצע פּאַטריצער, שפּאַצירענדיג איבער'ן אַווענטין און וואַרפענדיג א בליק אויף יענעם זייט טיבר, האָבען זיך ניט פאָרגעשטעלט, וואָס עס גרייט זיך אין יענער קופּקע אָרימע הייזער".

דערווייל האָט טאַקי אין אָט אָזעלכע קוואַרטאַלען זיך צוגע־גרייט דער טריאומף פון קריסטענטום. „עס איז דורכאויס פעה־לערהאַפט די פאָרשטעלונג, זאָגט רענאַן, אַז דאָס קריסטענטום האָט זיך פאַרשפּרייט דורך דעם פּריידיגען פון מיסיאָנערען, וואָס

זיינען געגאַנגען פון שטאָדט צו שטאָדט. נאָר פּאול און בר־נבאָ האָבען דאָס געטאָן. די הויפּט מאַסע ארבייט איז געטאָן געוואָרען פון ארבייטער, וואָס זייערע נעמען זיינען געבליבען אומבאַוואוסט. אין רייה מיט די רוהמווירדיגע אַפּאָסטעלן האָט זיך געבילדעט אַן׳אַנדער אַפּאָסטאָלאַט. א דונקעלער, וואס האָט ניט געהאַט קיין דאַגמאַטישען און פּראָפעסיאָנעלען כאַראַקטער, אָבער נאָך מעהר אַ ווירקליכער. די אידען זיינען געווען זעהר באַוועגליך אין יענער צייט. זיי זיינען אַרומגעפאָהרען איבער אַלע שטעדט פון דעם ברעג־לאַנד, אַלס סוחרים, דיענער, קליין האַנדווערקער... זיי האָבען געהערשט צווישען המון, ווי מעשען, וואָס זיינען פול מיט ענטוזיאַזם, הערשען לייכט איבער די גלייכגילטיגע. די מיטגליעדער פון דער קריסטליכער סעקטע האָבען אַרומגערייזט, אַזוי ווי אַנדערע אידען, און האָבען פאַרנאַנדערגעטראָגען מיט זיך אַ גוטע בשורה. זייער מילדקייט, שטילע פרעהליכקייט, געדולד האָבען זיי אומעטום געמאַכט פאַר געווינשטע געסט און צוגעצויגען צו זיי הערצער".

אַזוי האָט זיך צוגאָסען צווישען דער דעמאָקראַטיע צוערשט דאָס אידענטום, און דערנאָך, אין זיינע טריט — דאָס קריסטענטום. אָבער דאָס קריסטענטום האָט געמוזט איבעררייסען מיט׳ן אידענטום און צוברעכען זיינע רעהמלאַך, כדי זיך צו פאַרשפּרייטען מיט אַ פיעל גרעסערער געשווינדקייט, ווי ער, ווי דאָס אידענטום. דאָס אידענטום האָט נאָר בענקשאַפטליך געוואַרט אויף משיח׳ן, ביי די קריסטען איז ער שוין געווען, — אַ קאָנקרעטער, אַ גלויבווירדיגער, אַ נאָהענטער און געליעבטער, וואָס האָט שוין ערפילט זיין דיענסט פון דערלייזונג און וואס האָט פאַרשפּראָכען איננּיכען ווידער צו קומען אין רוהם. דערווייַלע האָט ער געשאנקען דעם הייליגען גייסט. דער דאַזיגער הייליגער גייסט האָט זיך אויסגעדריקט ניט נאָר אין דער שטענדיגער ענטוזיאַסטישער ערוואַרטונג, עקסטאַז און ליעבפולע געגענזייטיגע באַציהונג, נאָר אויך אין דער אָרגאַניזאַציע, וואס די קריסטען האָבען געלאָזט אויסוואַקסען, און וועלכע איז געווען אַמעהרסטען צוגעפּאַסט פאַר דער

איבערגאַנגס צייט, וואָס האָט נאָך זיי אָפּגעטיילט פון דעם פריי־דיגען און שרעקליכען יום הדין איבער די שטאַרקע פון דער וועלט און פון דעם טריאומף פון דעם אָרימען לאַזאַרוס׳ן, די פּערזאָניפי־צירונג פון דער קהלה פון די אביונים.

קאַוטסקי האָט אויסגעצייכענט כאַראַקטעריזירט די דאָזיגע זייט פון דעם ענין. „די כיליאַסטישע ערוואַרטונגען, ס׳הייסט די ערוואַרטונגען אויף קריסטוס׳עס צווייטען קומען און אויף זיין טויזענד יאהריגער הערשאַפט — איז איינער פון די אמעהרסטען בולט׳ע צייכענס פון דעם אַלטקריסטליכען גייסטיגען לעבען. אָבער די השערה, אַז דאָס אַלטע קריסטענטום האָט געשעפּט דעם וועזענט־ליכען טייל פון זיין מאַכטיגקייט אין כיליאַזם, ס׳הייסט אין די ערוואַרטונגען אויף קריסטוס׳עס צווייטען קומען און אויף זיין טויזענד יאָהריגער הערשאַפט, וואָלט געווען פונקט אַזוי פעהלער־האַפט, ווי די מיינונג, אַז די קראַפט פון דער היינטיגער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע באַגרינדעט זיך אויף׳ן צוזאָג פון עפּעס אַ וועלכער „מלוכה פון דער צוקונפט“.

„די נויטבאַדירפטיגע האָט מען ניט געקאָנט העלפען מיט איבערטריבענע טרוימעריייען וועגען גליקזעליגקייט, וואָס משיח וועט ברענגען פון די הימלען. די זעלביגע שיכטען, אין וועלכע דער כיליאַזם איז ענטשטאַנען, זיינען אויך געווען אַ באָדען פאַר ענערגישע פאַרזוכען בייצוקומען די עקזיסטירענדע אביונות. די דאָזיגע פאַרזוכען האָבען געמוזט האָבען אַ גאַנץ אַנדער כאַראַק־טער, ווי די פאַרזוכען פון די ברידער גראַקך. די ברידער גראַקך האָבען זיך געווענדט צו דער מלוכה, אָדער זיי האָבען געוואָלט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל פאַרכאַפּען די פּאָליטישע מאַכט און זיך באַנוצען מיט איהר. איצט אָבער האָט יעדע פּאָליטישע באַ־וועגונג אויפגעהערט, און די מלוכה־מאַכט האָט זיך ניט באַנוצט מיט קיין קרעדיט. ניט מיט דער הילף פון דער מלוכה, נאָר אויסער איהר, מיט דער הילף פון באַזונדערע, פּאַלשטענדיג פון איהר אומאָפּהענגיגע אָרגאַניזאַציעס, האָבען די נייע סאָציאַלע רעפאָר־מאַטאָרען געוואָלט איבערמאַכען די געזעלשאַפט. די קריסטליכע

באוועגונג איז אין אנהויב געווען אויסשליסליך א שטאָדטישע באוועגונג, אזוי, אז דער פויער און דער ניט־קריסט זיינען געוואָרען גלייכבאַדייטענדיגע באַגריפען".*)

„די ריכטונג פון דעם אלטען קריסטענטום איז אין אנהויב באַשטימט געוואָרען פון דעם פּראָלעטאַריאַט פון דער הויפּטשטאָדט, וואָס איז געווען אָפּגעוואוינט פון ארבייט. די דאָזיגע עלעמענטען האָבען זיך פאַרהאַלטען גענוג גלייכגילטיג צו דער פּראָדוקציאָן, צום באַטריב, זייערע אידעאַלען זיינען געווען די הימעלשע פויגלען, וואָס זייהען ניט, וואָס שניידען ניט, און זיינען זאַט. שטרעבנדיג צו א נייער פאַרנאַנדערטיילונג פון אייגענטום, האָבען זיי געהאַט אין זינען ניט די מיטלען פון פּראָדוקציאָן, נאָר די מיטלען פון געברויך. דער קאָמוניזם פון געברויך איז דורכאויס ניט געווען עפּעס וואָס אומגעהערטעס פאַר דעם לומפּען־פּראָלעטאַריאַט פון יענער צייט. אין די לעצטע צייטען פון דער רעפּובליק זיינען די פּעריאָדישע געזעלשאַפטליכע אויסשפּייזונגען פון די גרויסע מאַסען נויטבאַדירפטיגע און דאָס אויסטיילען זיי מיטלען זיך צו ערנעהרען געוואָרען א געוועהנליכע ערשיינונג; פאַרגעקומען זיינען זיי נאָך אויך אין די ערשטע צייטען פון דער אימפּעריע. וואָס האָט געקאָנט זיין נאַטירליכער פון דער שטרעבונג צו ברענגען די דאָזיגע אויסשפּייזונגען און דאָס אויסטיילען אין א סיסטעם, זיך צו דערשלאָגען א ריכטיגען קאָמוניזם פון די אויבענאויפיגע מיטלען פון געברויך, טיילווייז דורך א גלייכמעסיגער צוטיילונג, טיילווייז דורך אַנ'אַלגעמיינעם באַנוצען זיך מיט זיי".

די קריסטען האָבען אין אמת'ן צונויפגעפאַסט די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבען זיך שוין אָנגעמערקט פון פריהער און זיינען געווען דערפיהרט צו דער העכסטער שטופע פון פאָלקאָמענהייט. יאָזעפוס פלאַוויוס דערצעהלט וועגען דעם עסעאישען קאָמוניזם:

---

*) דאָס וואָרט „פּאַגאַנוס", וואָס באַטייט דאָרפישער איינוואוינער, האָבען די קריסטען צולעצט גענומען געברויכען אויף צו באַצייכענען א „געצענדיענער".

„רייכקייט האָט ביי זיי קיין שום ווערדע ניט, און פאַרקעהרט זיי ליבען זעהר די אַלגעמיינהייט פון פאַרמעגען; צווישען זיי איז ניטאָ ניט איינער, וואָס איז רייכער, ווי די איבעריגע. ביי זיי איז דאָ א געזעץ, לויט וועלכען אַלע, וואָס ווילען אריינטרעטען אין זייער אָרדען, מוזען אַוועקגעבען זייער פאַרמעגען פאַר'ן אַלגעמיי־נעם געברויך, דערפאַר איז ביי זיי ניט צו באַמערקען ניט קיין איבערפלוס, ניט קיין מותרות, נאָר אַלץ, וואָס זיי האָבען איז אַלע־מענס, ווי ביי ברידער... זיי וואָהנען ניט אַלע צוזאַמען אין איין שטאָדט, נאָר אין אַלע שטעדט האָבען זיי זייערע אייגענע הייזער, און בעת די מיטגלידער פון זייער אָרדען קומען צו זיי פון אַנדערע ערטער, טיילען זיי זיך מיט זיי זייער גוט, און די נייגעקומענע קאָנען זיך באַנוצען מיט איהם, ווי מיט זייער אייגענם. ניט זייענ־דיג אַפילו באַקאַנט, שטעלען זיי זיך אָפּ איינער ביים צווייטען אָהן צערעמאָניעס, אַזוי ווי זיי וואָלטען דאָס גאַנצע לעבען געווען אין די ענגסטע באַציהונגען איינער מיט'ן צווייטען; אַרומרייזענ־דיג, נעהמען זיי מיט זיך מיט נאָר א וואָפע אויף צו באַשיצען זיך פון גזלנים. אין יעדער שטאָדט איז ביי זיי דאָ א פאַרוואַלטער, וואָס טיילט אויס צו די וואַנדערער קליידער און שפייז... זיי האַנדלען ניט צווישען זיך, נאָר אויב אימיצער גיט דעם נויט־באַדירפטיגען דאָס, וואָס איז איהם נויטיג, באַקומט ער דערפאַר פון איהם דאָס, וואָס ער האָט נויטיג. אויב אַפילו ער איז גיט אימשטאַנד עפּעס־וואָס צו געבען, קאָן ער פונדעסטוועגען דרייסט בעטען ביי איטליכען דאָס, וואָס איז איהם נויטיג“.

פונקט אַזוי זיינען געווען אָרגאַניזירט די ערשטע קריסטליכע קהלות.

יעדען פאַלס האָבען די קריסטליכע קהלות געשווינד איבער־געיאָגט די עסעיער אין איין פּרט: זיי זיינען געווען אינטערנאַ־ציאָנאַל אין איינקלאַנג מיט'ן אינטערנאַציאָנאַליזם פון דער גרוי־סער רוימישער אימפעריע, און דאָס האָט געהאַט א גרויסע באַדיי־טונג. די עסעיער האָבען שטאַרק זיך געהאַלטען פאַר'ן אידענ־טום. זיי זיינען געבליבען א ניט גרויסע סעקטע און האָבען קיים

געצעהלט ווען עס איז מעהר פון פיער טויזענד מיטגלידער. דאס קריסטענטום אבער האט ערארבערט די רוימישע אימפעריע.

אזוי זיינען געווען די באדינגונגען, אזוי איז געווען דער אופן פון דער פארשפרייטונג, אזוי זיינען די קרעפטען פון דעם אור־ערשטען קריסטענטום.

דער כיליאזם גופא, דאס הייסט די ערווארטונג פון משיח'ן האט געווים געמוזט איבערנעמען אנדערע, ניט ריין־אידישע שטרי־כען. איבעריגענס איז דאס שוין טיילווייז צוגעגרייט געווארען פון דעם פאריסייערטום, און דער אפאסטעל פאול, דער גרויסער טרע־גער פון דעם נייעם, אוניווערסאלען קריסטענטום, טאקי אלס גוט געבילדעטער פאריסיי איז געווען פעהיג צו א הויכער און מיסטי־שער פארשטעלונג וועגען קריסטוס'ן און וועגען דער צוקינפטיגער וועלט.

הארנאק באשרייבט אזוי יענעם מיסטישען מעסיאניזם, וועל־כער, ס'פארשטעהט זיך, אונטער דעם איינפלוס פון די שכנים, האט זיך שוין געמוזט איינווארצלען אין א סך אידישע מוחות.

„די ערווארטונגען אויף דער צוקונפט ווערען אלץ מעהר און מעהר אויסערגעוועהנליך; זיי ערווערבען אלץ מעהר און מעהר א איבער־נאטוראלען, איבער־וועלטליכען קאליר; פון די הימלען געהט ארונטער אויף דער ערד עפעס־וואס פאלשטענדיג נייעס, און אויפ'ן ארט פון דעם אלטען גאנג פון געשעהעניסען קומט אויף א פאלשטענדיג נייער גאנג, א פאלשטענדיג נייער סדר; דער לעצ־טער צוועק איז שוין ניט א באנייטע, א אומגעענדערטע ערד, נאר די אידעע פון אבסאלוטער גליקזעליגקייט, וואס איהר ארט וועט זיין דער הימעל אליין, די פערזענליכקייט פון דעם ערווארטעטען משיח'ן ווערט אלץ ענטשידענער אפגעצווינגען פון דער אידעע פון אנ'ערדישען קעניג, אזוי אויך פון א נאציאנאלער אידעע, און אויך פון א גאט־אידעע: משיח ווארפט אראפ פון זיך די לעצטע ערדי־שע שטריכען, הגם ער קומט ווי א מענש צווישען מענשען: ער איז פון קדמונים אן — ביי גאט, ער געהט אראפ פון די הימלען און פיהרט אויס זיין זאך, האבענדיג אין זיין רשות איבער־מענש־

ליבע מיטלען; אין זיין אָנבליק געהען דורך מאָראַלישע שטרי־
כען: ער איז כלו צדיק, וואָס היט אָפּ אַלע געבאָטען; עס ענט־
שטעהט אפילו די פאָרשטעלונג, אַז זיינע פאַרדינסטען רעטען
אַנדערע".

וועגען דער נאָוואָטאָרשער טעטיגקייט פון דעם אַפּאָסטעל
פּאול באַמערקט פפליידערער פאָלגענדעס: „מען מאַכט פּאול'ן
פאָרוואירפע אין דעם, אַז ער האָט כלומרשט צודרעהט דעם עוואַנ־
געליום, האָט אין איהם אריינגעטראָגען פרעמדע עלעמענטען, צו־
מישענדיג דאָס געצענדינערישע מיט דעם אידישען. און ס'איז
געווים אומעגליך אָפּצולייקענען, אַז פּאול'ס אייגענע לעהרע, נעמ־
ליך: די לעהרע וועגען קריסטוס'ן, ווי וועגען אַ וועזען, וואָס איז
נעבוירען געוואָרען אויסער צייט, וואָס איז אַראָפּגעגאַנגען פון הי־
מעל און האָט זיך פאַרמענשליכט, די לעהרע וועגען זיין אויסליי־
זענדיגען קרבן צו פאַרפרידליכען גאָט מיט דער מענשהייט, די
לעהרע וועגען זיין נצחון איבער'ן טויט דורך תחית המתים און
וועגען דער באַנייאונג פון דער מענשהייט, וועגען פאַרוואַנדלען די
מענשען אין גאָט'ס זיהן, אומשטערבליכע און שותפים צו גאָט —
אַט די אַלע לעהרען זיינען פרעמד געווען דער גאָר־ערשטער קריסט־
ליכער קהלה. *)

פאַרקעהרט די דאָזיגע לעהרען קומען גאַנץ נאָהענט אין באַ־
ריהרונג מיט מאַנכע געצענדינערישע פאַרשטעלונגען און מנהגים,
מיט די פאָרשטעלונגען וועגען געטער, וואָס נעהמען אָן אַ מענשליכע
געשטאַלט און לאָזען זיך אַרונטער אויף דער ערד, מיט'ן מיף וועגען אַ ליידענדען, שטאַרבענדען און ווידער לעבעדיג געוואָרענעם גאָט
און מיט די מיסטישע צערעמאָניעס, וואָס מוזען מאַכען דעם מענ־
שען פאַר אַ שותף פון געטליכען לעבען. עהנליכע פאָרשטעלונגען

*) קוים זיינען זיי אינגאַנצען אוז פאָלשטענדיג פרעמד געווען.
נאָר פּאול האָט זיי ענטוויקעלט פיעל ווייטער. פאָלשטענדיג פרעמד איז
געווען דער גאָר־ערשטער קהלה די לעהרע וועגען דער אויפעלקיום פון
געזעץ, פון דין און די רעכטפערטיגונג מיט'ן גלויבען אליין.

און צערעמאָניעס זיינען געווען באַזונדערס פאַרשפּרייט אין סיריען, באַליקיען, בכלל אין לענדער, וואו פּאול איז געווען טעטיג אלס מיסיאָנער אין פאַרלויף פון פערצעהן יאָהר. קענטיג, אַז פּאול איז אַביסעל אריינגעפאַלען אונטער'ן איינפלוס פון דעם, וואָס ער האָט דאָ געהערט און געזעהן, און אַז אָט דער איינפלוס האָט זיך געמערקט אין זיין לעהרע וועגען דערלייזונג."

פפליידערער איז פונדעסטוועגען ווייט פון דעם, אַז ער זאָל פאַרוואַרפען דעם אַפּאָסטעל. ער האַלט זיין אויפפיהרונג פאַר שכל'דיג: „וואָס געמיינשאַפטליכעס האָט געקאָנט זיין ביי די געצענדיענער, צווישען וועלכע ער האָט געפּריידיגט, מיט'ן אידי־שען משיח? ניט זיי האָבען איהם פאַרשטאַנען, ניט זיי האָבען אין איהם אַ אינטערעס געהאַט, און נאָך וויינינער אין דעם אידי־שען דין און קולט. נאָר אַ וועלכער איז קולט איז געווען נויטיג. פון וואַנען האָט מען איהם געקאָנט נעמען, אויב ניט צופּאַסען צו די נייע אידעען די אַלטע פאַרשפּרייטע פאָרמען פון קולט? דאָס אַלץ איז געווען נאַטירליך".

און אַפּילו נאָך מעהר נאַטירליך, ווי פפליידערער מיינט, וועלען מיר מוסיף זיין. פּאול האָט זיכער זיך ניט איבערלייגט וועגען דעם, אויף וואָסער אופן עס איז איהם גרינגער צו פאַנגען די מוחות פון די געצענדיענער, נאָר די מעסיאַנישע אידעען זיינען נאַטירליך אריינגעגאַנגען, אַזוי צו זאָגען, אין דער כעמישער פאַראייניגונג מיט די פאַרוואַנדשאַפטליכע אידעען פון דער געצענדינערישער וועלט. רענאַן ווייזט אָן אויף דער נאָהענטקייט פון דעם גריכישען אָרפיזם (דער קולט פון דער מיסטישער סעקטע — די אָרפיקער) מיט זיינע צערעמאָניעס און אידעען וועגען דער דערלייזונג צו די קריסטליכע.

אָבער וואָס האָט מיט זיך געטראָגען די אידישע דעמאָקראַטיע?

די בשורה וועגען דער דערלייזונג פון אַלע אָרימע דורך גאָט'ס שליח, וועלכער האָט דורך ליידען פאַרדינט מחילה און נצחון פאַר זיי און איז גרייט זיך אומצוקעהרען, כדי צוזאַמען מיט זיי צו פאַר־זוכען די פרוכט פון זיין קאַמף און פון זיין נצחון. ביי די נביאים איז דאָס געווען דער סימבאָל פון ליידען און נצחונות פון דעם

אידישען פאָלק. ביי די קריסטען איז דאָס געווען די קאָנסטאטי־
רונג פון אַ היסטאָרישען פאַקט: יענער, וואָס וועגען איהם האָ־
בען די נביאים גערעדט (ווי זיי האָבען געמיינט) איז געקומען, האָט
געליטען, איז געשטאָרבען און איז לעבעדיג געוואָרען. מיט אַ פריי־
דיגער בשורה וועגען דעם האָט די אידישע דעמאָקראַטיע זיך גע־
ווענדעט צום פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט.

און זי האָט באַגעגענט אַ פּאַרטיגען באָדען. „מיר ווייסען וועגען אַ גאָט אַ ליידענדען, אַ שטאַרבענדען און אַ לעבעדיג געוואָרענעם. אייער יעזוס קריסטוס איז דאָס ניט ער, דער דאָזיגער גאָט?“—„יאַ, דאָס איז געווים ער“.—„ער איז באַשאַפען געוואָרען פריהער פון די יאָהרהונדערטער, ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון די הימלען, ער האָט זיך פאַרמענשליכט, ערפילענדיג זיין דינסט, האָט ער זיך אומגעקעהרט אויף די הימלען און זיכער טיילט ער זיך מיט גאָט דעם וועלט־פיהרער די מאַכט איבער דער גאַנצער וועלט“. — „יאָ, דאָס איז אַזוי“, האָבען פּאַול'ס תלמידים זיך געטראַכט און געזאָגט אין זייערע דרשות. נאָך מעהר האָבען זיי ליעב געקראָגען קריסטוס'ן, זיך איבערצייגענדיג, אַז ער — איז אַ גאָטהייט. ווייטער איז געגאַנגען די פראַגע וועגען דעם תוך פון דער דאָזיגער גאָטהייט און וועגען זיינע באַציהונגען צום וועלט־פיהרער און צום וועלט־באַשאַף, אָבער פּאַול איז נאָר צוגעגאַנגען צו די דאָזיגע פראַגען, איבערלאָזענדיג זייער לייזונג פאַר די צוקינפטיגע יאָהרהונדערטער און פאַר דעם גריכישען פילאָסאָפישען געדאַנק.

לאָמיר זיך איצט צוקוקען צו די ווירקליכע שטריכען פון פּאַול'ס קריסטענטום אין זיין ענטוויקלונג.

דאָס דאָזיגע קריסטענטום קאָנען מיר ווידערשטעלען מיט אַ באַדייטענדער פּולקייט, און דער גאַנג פון זיין ענטוויקלונג איז אונז גענוג קלאָר, ווייל דאָ האָבען מיר צו טאָן מיט טייערע און ווירקליכע דאָקומענטען, מיט פּאַול'ס בריעף.

ניט האָבענדיג די מעגליכקייט צו ווידערהאָלען דאָ די באַוויי־
זען פון דער קריטיק, וועלען מיר דאָ נאָר איבעררעכענען יענע פון
פּאַול'ס בריעף, וואָס מען האַלט פאַר ווירקליכע אין זייער סך־אַלע־

נאָלאָגישער אָרדנונג מיט מאנכע באמערקונגען.

פאר די ווירקליכע פון דעם אפאסטעל׳ס בריעף קאָן מען רעכענען פאָלגענדע:

1) דעם ערשטען בריעף צו די טעסאלוניקער און דעם בריעף צו די גאלאטער, וואָס מאָלען אונז פאול׳ס סיסטעמע אין איהר ערשטער שטופע, אזוי ווי זי האָט זיך צונויפגעלעגט אין זיין קאָפּ. אונטער דער ווירקונג פון די רעליגיעזע שטימונגען פון דער אנטיאָכישער באפעלקערונג און אנדערע געצענדינער. 2) דער ערשטער און צווייטער בריעף צו די קאָרינטער, אויף וועלכע ס׳האָט זיך אָפּגעשפיגעלט די ווירקונג פון דער אלעקסאנדרינישער אידישער טעאָלאָגיע, און טאקי דורך דער פארמיטלונג פון אפאָלאָס׳ן, וואָס איז געווען א האלבער געגנער און א האלבער פריינד פון דעם אפאָסטעל. 3) די בריעף צו די רוימער, וואָס שטעלען מיט זיך פאָר עפּעס ווי א סך הכל צו פאול׳ס גאנצער לעהרע. 4) די בריעף צו די טעסאלוניקער, וואָס זאָגען עדות וועגען פאול׳ס ווייטערדיגען טריט אין דער זייט פון א העלעניזירטען, פארגייכישטען, שוין האלב גנאָסטישען קריסטענטום. 5) דער בריעף צו די פיליפּער, און צולעצט דער בריעף צו די עפעזער און קאָלאָסער, וואָס דער אפאָסטעל האָט געשריבען צו דער עלטער, אין רוימישען פערקאָר פון זיין לעבען. די אויסצייכענונג אין סטיל און געדאנק, וואָס זיינען כאראקטעריסטיש פאר די דאָזיגע לעצטע בריעף, צווינגען א סך קריטיקער זיי אנצוערקענען פאר שאפונגען פון זיין שוהל, פון זיינע תלמידים, וואָס האָבען זיי ארויסגעגעבען אלס די בריעף פון דעם לעהרער גופא, כדי צוצוגעבען צו זיי מעהר חשיבות, מעהר גלויבווירדיגקייט. ווי דאָס זאָל ניט זיין, נאָר זיי זיינען א ווייטערדיגע ענטוויקלונג אין דער אייגענער ריכטונג, אין וועלכער פאול אליין איז געגאנגען.

רענאן האָט עפּעס פאר וואָס געפינען פאר נויטיג צו פאָרענדיגען זיין בוך וועגען פאול׳ן מיט א אומגעדערכטער און פיינדליכער כאראקטעריסטיק פון איהם. ער באמיהט זיך איהם צו דערנידעריגען, ניט נאָר לויט׳ן פארגלייך מיט דער פון איהם אליין

באַשאַפענער פיגור פון קריסטוס'ן, נאָר אַפילו מיט אַנדערע אַפּאָסטלען, וועגען וועלכע מיר ווייסען אין אמת'ן גאָרנישט.

אין אמת'ן אָבער איז פאַר יעדען אומפּאַרטייאישען פאָרשער, וואָס באַקאַנט זיך מיט די דענקמאַלען פון ערשטען יאהרהונדערט, פאול'ס פיגור בולט, זי טרעט ארויס העל און אינטערעסאַנט אויפ'ן מוטנעם פאָן פון די מאַסען־באַוועגונגען, וואָס אין זייער כאַאָס טייל־לען זיך קוים אויס אַנדערע פּערזאָנען. און ניט אויף אַזוי פיעל קלאָר טרעט ער פאַר אונז ארויס פון לוקאס'עס דיפּלאָמאַטישען און שלום מאַכענדיגען ווערק, וואָס איז פול מיט ערצעהלונגען וועגען זיינע גרויסע טאַטען און מופתים, וויפיעל פון זיינע ערשטווינליכע בריעף.

דאָס איז געוועזען אַ מענ'ש מיט אַ פלאַמענדיגער נשמה, מיט אַ אומצושטערבארען ווילען, אַ כעס'ן, אַ שטעכעדיגער, וואָס שאָנע־וועט ניט זיך, ניט אַנדערע, אַ נאַטור כמעט אַ פאַטאָלאָגישע, אַ קרענקליכע אין איהר ריקזיכטסלאָזיגקייט. נאָר אינטערעסאַנטער פון אַלץ אין פאול'ן איז נעמליך דאָס, וואָס דער דאָזיגער אומגע־צוימטער כאַראַקטער האָט זיך אינגאַנצען אָפּגעגעבען צו איין זאַך, צו איין אידעע. עס עקזיסטירט ניט פאַר פאול'ן ניט קיין ליעבע, ניט קיין האַס אויסער זיין אידעען קאַמף, דאָ אָבער איז ער צערטליך און שרעקליך, זעלבסט־פאַרלייקענענד און אייפערזיכטיג, מילד און הערשזיכטיג, נאָר אויסער זיין פריידיגען און אויסער דער וועלט פון זיינע געגרינדעטע קירכען — איז פאַר איהם קיין זאַך ניטאָ און קאָן ניט זיין. דאָס איז אַ מאָנאָמאַן, אַ מענש, וואָס איז משוגע אויף איין זאַך, דערפאַר איז זיין אידעען־איינפלוס אַזוי מעכטיג. ער איז גראַדליניג, ער שלאָגט אין איין פונקט. איהם האָט פאַרכאַפּט די הערליכקייט פון דעם סוד, וואָס האָט זיך פאַר איהם מגלה געוועזען, דער סוד וועגען דעם גיכען סוף פון דער וועלט, ווייל די וועלט האָט שוין פול געמאַכט די מאָס פון גאָט'ס גערולד מיט איהרע אומווירדיגקייטען, דאָס געזעץ, דער דין האָט קיינעם ניט געראַטעט און נאָר מיט אַ בלענדענדיגען שטראַל האָט ער באַ־לויכטען די אָפּגרונדען און העסליכקייטען פון זינד. נאָר גאָט

האָט נאָך אַלץ ליעב די וועלט און האָט איהר מוחל געווען פאַר די פאַרדינסטען פון דעם גרויסען שתדלן פאַר דער וועלט, וועלכען ער אליין האָט געגעבען די מענשען א מתנה, וועלכער האָט אויף זיך געטראָגען די זינד פון דער וועלט: ער איז געקרייציגט געוואָרען — מיט איהם איז געקרייציגט געוואָרען די זינד, ער איז לעבעדיג געוואָרען, און מיט איהם זיינען לעבעדיג געוואָרען די מענשען. און איצט איז נאָר גענוג צו וויסען וועגען דעם דאָזיגען פאקט, גלויבען אין איהם און געדולדיג וואַרטען. ווארום מען דאַרף, אז דער עוואנגעליום, ס'הייסט די בשורה, זאָל ארומפליהען ארום דער וועלט, אז זי זאָל אָנגעזאָגט ווערען ביז אַלע עקען וועלט, ביז דער ווייטער שפּאניען, און דאַן וועט אַלץ זיין פאַרטיג, די שעה וועט קומען, די באַנייאונג וועט געשעהן.

מיט א שפּראַך, וואָס איז פול מיט פּאָעזיע, מיט א הערליך פאַנטאסטישער, ריהרענדער און באַגייסטערטער, מאָלט פּאול זיינע בילדער פון תחית המתים, פון משפּט און גליקזעליגקייט פאַר אַלעמען. ער איז דערפרעהט פון א גרויסער, וואונדערליכער שמחה פאַר וואָס ער קאָן זיך גרוים האַלטען מיט זיין מעשליבקייט, ער איז שוין א מיטבאַטייליגטער פון גאָט, דער יורש פון דעם אייביגען לעבען, דער דערלייזער פון דעם גאַנצען באַשאַף'ס ליידען, ער איז דער שופט פון די מלאכים. נאָר וואָס העכער עס איז פּאול'ס פריידיגע שטאָלצקייט מיט זיין מענשליכקייט, אַלץ טיפער, ליידענשאַפטליכער, צודרינגליכער, באַהויפּט ער, אז דאָס אַלעס איז געשאָנקען געוואָרען דעם מענשען ניט לויט זיינע פאַרדינסטען. פּאול איז א טיפער פּעסימיסט, ער פאַראַכט מענשען; דער גוף איז פאַר איהם פול מיט תאוה'דיגען עקעלהאַפטען שמוץ. נאָר די נשמה, און דאָס אויך ניט די גאַנצע, און נאָר איהרע הויכען, איהרע שפּיצען באַטראַכט ער עפּעס אַזוי ווי א קליין ריין פּייערל, וואָס שימערט קוים־קוים אין אונזער פאַרהאַסטען גוף. וואָס מעהר פּאול פאַרהאַסט דעם מענשען — אַלץ מעהר נויטיגט ער זיך אין א ריזיגען גלויבען אין זיין באַנייאונג, אין זיין איבערגעשטאַלטונג, אין א בלענדענדען חלום וועגען זיין גיבער גדולה, וואָס מעהר ער

ווײל אויסלײטערן און אויפהויבען זײן אידעאַל, פון אמת'ער מענש־ליכקייט (גייסטיגקייט), אַלץ שאַרפער באווייזט ער, אַז צווישען דעם דאָזיגען אידעאַל און דעם קערפּערליכען מענשען ליגט אַן אָפּגרונד. און נאָר דאָס מיטעלסטע וועזען צווישען גאָט און דעם מענשען, מיט'ן פרייז פון ליידען, דערנידערונגען און טויט וואַרפט אַריבער אַ בריק איבער דעם דאָזיגען אָפּגרונד. טאָ לאָמיר ליעבען דאָס דאָזיגע וועזען אָהן אַ גרעניץ, פריי, אומגעצוואונגען. און קריסטוס'ען לעהרע? וועגען דעם רעדט פּאָול ניט, עפּעס אַזוי ווי ער וויים דאָס ניט. די עבודה, דאָס דיענען — אָט וואָס איז פאַר איהם וויכטיג, דער סוד פון דערלייזונג, דער טויפען־טויט, דאָס אויפשטעהן תחית המתים!

און אָט דערפאַר, טראָגענדיג אין האַרצען דעם שיין פון דער דאָזיגער וועלט־רעכטפערטענדיגער אידעע, די דאָזיגע רעגענבויגענדיגע האָפנונג, ווערט פּאָול אַזוי דערביטערט, בעת מען דער־מאָנט איהם וועגען מילה. צו וואָס דאַרף מען דאָס? וואָס וויל מוסיף זיין דאָס שטיקעל בלאָטע — דער קערפּערליכער מענש — מיט זיינע עסקים צו דער אומזיסט געגעבענער ברכה דורך דעם נס פון דעם ליידענדען, פון דעם אויסלייזער קריסטוס'ן?

אָט פאַר וואָס ער ווערט דערשראָקען און דערביטערט, בעת ער הערט, אַז די מענשען, וואָס האָבען זיך שוין דערוואוסט די עוואַנגעלישע אמונה — זינדיגען! פּאָול — דאָס איז אַזאַ אַדלער־פליה פון שטאָלץ און פרייד פון אַנ'אויסגעגלייכטען לעבען, אַז מען קאָן ניט מוחל זיין איהם אַלע דערנידערענדע און דונקעלע זייטען, וואָס זיינען אומצערייסבאַר געוועזען פאַרבונדען פאַר יענער עפּאָכע מיט ליכטיגע זייטען.

ניט זעהענדיג קיין נאַטירליכען וועג צום אידעאַל, האָט פּאָול וואָס איז אַליין אַ קוואַל פון קאָכעדיגע כחות, ענטקראַפטיגט דעם מענשען: דער מענש, זיינע עסקים — זיינען גאָרנישט, ער האָט איהם פאַרוואַנדעלט אין אַ קנעכט, אין אַ זאַך פון דעם וועלט־פיהרער, ווייל ער האָט געוואָלט דערנידעריגען איהם דעם רעאַלען פאַר יענעם אידעאַלען, און דערהויבען די איבערנאַטירליכע קראַפט,

די איינציגע געטוג מאכטיגע אויף איבערצובאשאפען דעם מענשען. און מאכענדיג דעם מענשען פאר גאט'ס קנעכט, פאר אנ'ענטפער־לאזע געמאכטע זאך (ווי מ'קאן זעהן צום ביישפיעל, פון זיין בריעף צו די רוימער), כדי דערנאך איהם צו מאכען פאר א טייערען זוהן פון גאט דורך ליעבע און איינווירקונג פון גאט אליין, האט פאול אויך קיין פארדרוס ניט געהאט וועגען דעם, וואס ער וועט בלייבען א קנעכט פון אנ'אנדער מענשען. אין אונטערשיידונג פון די דעמאקראטען־אביונים (די עביאניטען), וואס זייען געווען גע־שטימט כמעט רעוואלוציאנער, — איז פאול אנ'אפארטוניסט. אלץ מוז בלייבען, ווי פריהער. וויכטיג זיינען די שוואונקען פון דעם גייסט, אויב ניט דאס קאן מען פארבלייבען אויך א קנעכט, אדער בלייבען א האר. נאר ניט ארייטראגען אין די דאזיגע פארהעלטניסען עפעס־וואס, וואס שענדעט די נשמה. פריהער פון אלץ איז וויכטיג צו זיין גלייכגילטיג צו אלץ, וואס איז ערדיש. און אט דא הויבען אן די ליבעראלע קריסטען זיך צו באציהען אויף פאול'ן. זיי פרעהט, זיך שטיצענדיג אויף איהם, צו לערנען, אז דאס קריסטענטום איז ניט פון ד ע ר וועלט, אז דער ארימער מוז שלום מאכען מיט דער ארימקייט און דער רייכער הנאה האבען פון זיין קאמפארט, מחמת דאס אלץ איז הבל הבלים פאר'ן שיין פון דעם קריסטליכען אמת. אבער די ליבעראלען פארגעסען, אז פאול האט ערווארט דעם סוף פון דער וועלט פון טאג צו טאג, אז ער האט נאך זיין דור צוגעזאגט א צוזאמענברוך. פאול'ס אפאר־טוניזם איז ניט געווען עהנליך צו דעם אפארטוניזם פון קארגע, פון ברעקלאך־קלייבער, ווי עס זואלט זיך געוואלט מיינען די אויפ־געקלערטע פאסטארס, דאס איז געווען דער אפארטוניזם פון אנאר־כיסטען, וואס גרייטען צו א גענעראל־סטרייק. פאול איז געווען אנ'אפארטוניסט מחמת דער הערליכקייט און דעם אימפעט פון זיין רעוואלוציאנערער אידעע. קנעכט, זארג ניט וועגען אזעלכע נא־רישקייטען, ווי פרייהייט אויף דעם דאזיגען איבערגעבליבענעם שטיקעל ערד: ליעב, זיי מתפלל, דענק, לייטער אויס און פוץ אויס די נשמה, די כלה, אט קומט ארונטער דער חתן אין האלבער

נאַכט! ער טראָגט פרייהייט אייביגע און ער וועט דיר מאַכען פאַר'ן ברודער פון גאָט און פאַר דעם האַר פון די מלאכים!

לאָמיר זיך צוקוקען אביסעל נעהנטער צו פאול'ס אידעען, אויף וויפיעל דער פלאַץ וועט אונז ערלויבען. לאָמיר אין קור־צען נאכפאָרשען די ענטוויקלונג פון זיין קריסטאָלאָגיע, לאָמיר זיך באַקאַנען מיט זיין לעהרע וועגען רעכטפערטיגונג און מיט זיין מאָראַל אין פאַרבינדונג מיט דער מאָראַל פון דער ערשטער קריסט־ליכער קהלה.

פאול'ס קריסטאָלאָגיע.

פאול האָט יעזוס'ן ניט געקאַנט ביים לעבען. נאָר אלס פאַר־אויסגעהענדער פאַריסיי האָט ער פעסט געגלויבט אין קומען פון משיח'ן, פון אַ מענשען, וואָס איז איבערנאַטירליך באַגאַבט און איז נאָהענט צו גאָט, וועלכער מוז ברענגען אַ ישועה פאַר'ן פאָלק ישראל און פאַר דער וועלט, רעטענדיג דעם גוף פון טויט, שענקענדיג תחית המתים.

די פעסטקייט פון די קריסטען קעגען די רדיפות אויף זיי האָט איהם געצוואונגען זיך צו פאַרטראַכטען, צי איז ניט געווען דער געקרייציגטער און לעבעדיג געוואָרענער יעזוס — משיח? אין אַ בלענדענדען מאָמענט פון פאַראויסזעהן האָט פאול געמאַכט דעם סך הכל פון זיין גאַנצער אינערליכער ארבייט און האָט אָנגע־נומען קריסטוס'ן. יאָ, דאָס איז טאַקע געווען משיח. פאַר איהם, וואָס האָט קריסטוס'ן ניט געקאַנט, איז ניט זיין לעבען, ניט זיין לעהרע געווען וויכטיג; די פאַקטען האָבען ניט געשטערט דעם דאָגמאַט, וואָס ווערט געבאָרען. משיח איז געווען אויף דער וועלט און האָט געבראַכט אַ גלויבען, אַ גלויבווירדיגען צוזאַג פון אַ צוקונפטיגען אייביגען לעבען, דער באַווייז דערצו איז דער נס פון זיין אויפשטעהן תחית המתים, דער נס האָט געוויזען, אַז עס איז שטאַרקער פון טויט. דאָס אמת'ע אָנקומען דאַרף מען וואַר־טען מיט אמונה, אַ צווישענצייט איז געגעבען געוואָרען אום אָנצו־

זאָגען די וועלט וועגען זיין אָנקומען. די קרייציגונג און דער טויט דאָס איז אַנ'אַקט פון א מיסטישען קרבן, איין מאָל פאר אַלע מאָל איז געבראַכט געוואָרען א דערלייזענדער קרבן, וואָס האָט פאַר־פרידליכט דעם מענשען מיט'ן הימעל און פאַלגליך, וואָס באַפרייט די מענשען פון דער לאַסט פון זינד. די פאַריסייאישע האָפנונ־גען האָבען אויפגעלעבט, האָבען זיך באַלויכטען, און די ענטציקונג פון דער גליקליכער בשורה האָט מיט א פייער אַרומגעכאַפּט פאול'ס ליידענשאַפטליכע נשמה.

זיך ווענדענדיג מיט זיין פריידיגען צו די קליינ־אַזיאַטישע געצענדינער, — האָט ער, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, געפונען אַנ'אָנגעגרייטען באָדען. ליידען, טויט און תחית המתים, אַלס דראַמע פון דערלייזונג זיינען געווען די צענטראַל אידעע פון פיעל־צאָהליגע קולטען, צום ביישפּיעל פון אַדאָנים. דער טויט פון גאָט, וואָס ווערט ביטער באַוויינט, זיין אַרונטערגעהן אין העל, זיין פייערליך ווידעראָנקומען, וואָס מאַכט פול די הערצער מיט פרייד, — דאָס איז געווען דער אינהאַלט פון דער רעליגיע פון דער זון, פון פרוכטבאַרקייט און לעבען. ניט אַלע מאָל איז דער דאָזיגער קרייזגאַנג געבראַכט געוואָרען אין פאַרבינדונג מיט גאָט, אַמאָל איז זיין העלד געווען א האַלב־גאָט.

בעת פאול האָט גענומען פריידיגען זיין באַנייטע פאַריסיי־אישע לעהרע, אַרויסשטעלענדיג דערביי יעזוס'ן, אַלס געקומענער משיח, האָט מען איהם פאַלשטענדיג פאַרשטאַנען, די פראַגע, וואָס ער האָט באַגעגענט איז געווען: „איז ניט גאָט דער דאָזיגער יעזוס?“ נאָר די אידעע פון א פאַרמענשליכטען גאָט, פון א גאָט, וואָס האָט אָנגענומען א מענשליכע געשטאַלט איז געווען צו פרעמד פאַר דעם אידען, פאול האָט זיך באַגרעניצט פאַר יעזוס'ן מיט'ן טיטעל גאָט'ס זוהן און מיט דערמאָנען איהם אין רייה מיט גאָט, אַלס העכסטען וועזען נאָך איהם, צו וועלכען מענשען זיינען מיט אַזוי פיעל פאַרפליכט. נאָר אין פאול'ס ערשטע לויט דער צייט בריעף רעדט זיך גאָרניט וועגען דער פאַר־עקזיסטענץ פון קריסטוס'ן, וועגען זיין אָנהויבלאָזער אייביגקייט. מ'קאָן פאַר־

שטעהן אזוי, אז יעזוס איז געווען א מענש־משיח, פאר זיין קרבן, פאר זיין גרויסע טאט פון דערלייזונג, פאר דעם נצחון איבער'ן טויט איז ער דערגרויסט געוואָרען אלס גאָט, אזוי ווי שפּעטער וועלען דורך זיינע פאַרדינסטען דערגרויסט ווערען אלע, וואָס זייר נען אין איהם געווען איינגעגלויבט. ער איז דער ערשטער מענש, וואָס האָט באזיגט דעם טויט, אונזער פיהרער אין דעם דאָזיגען קאַמף. מיר מוזען לויט זיין ביישפּיעל קרייציגען אונזער פליישׁ, אונזער גשמיות, לעבען נאָר מיט'ן גייסט, און מיר וועלען זיך דער־מאָלט אויך אויפקלערען אין גאָט'ס זיהן. פאול'ס פאָרמולא אין די ערשטע צוויי בריעף איז: „מיר ערוואַרטען פון די הימלען דעם זוהן פון גאָט, וועלכען ער האָט לעבעדיג געמאַכט, יעזוס'ן, וואָס רעטעט אונז פון צוקונפטיגען צאָרן". שטענדיג ווערט ווי־דערהאָלט: „דער גאָט און פאטער אונזערער און דער האר אונ־זערער יעזוס קריסטוס".

פאול'ס פריידיגען איז פאָרטגעזעצט געוואָרען אין מאַקעדאָ־ניען און גריכענלאַנד. איז ברייטער געוואָרען צוזאַמען מיט דעם פאול'ס האָריזאָנט? האָט זיך זיין פילאָסאָפיע אויפגעהויבען אויף א גרויסער הויך, זיך באַרייכערענדיג מיט די אידעען פון דער העלענישער חכמה? — ניין. צו דער גריכישער פילאָסאָפיע האָט פאול דערפיהלט א פיינדשאפט און ער האָט מיט ערביטערונג און הויכמוטיגער געפאַלענקייט אנטקעגענגעשטעלט זיין „תם'עוואַט־קייט וועגען קריסטוס'ן" צו דער חכמה פון די חכמים. איהם איז אויסגעקומען צו האָבען צו טאָן אויסשליסליך מיט'ן פּראָסטען המון, וואָס איז ווייניג באַקאַנט געווען אין די ענינים פון פילאָ־סאָפיע; פאול'ן איז גענוג געווען דאָס, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט אין אייראָפּא פון אזיען.

אָבער אין זיינע טריט איז געקומען אין זעלביגען קאָרינט, אין צענטער פון פאול'ס גריכישער קירך, א לעהרער מיט א מעהר אויסגעאַרבייטער סיסטעמע פון אנשויאונגען. דער דאָזיגער לעהרער האָט געלערנט מעהר אין גייסט פון די דיספּוטען און

חקירות פון די פילאָסאָפען, וואָס זייערע אָפּקלאַנגען זיינען דער־גאַנגען, זיכער, אויך אין די אָרימע קוואַרטאַלען.

ביי דער ערשטער ידיעה וועגען דעם נייעם לעהרער איז פּאָול אויפגעבראַכט געוואָרען, זיין אייפערזיכטיגע נשמה האָט א ציטער געטאָן, נאָר, באַקאָנענדיג זיך נעהנטער מיט דער נייער לעהרע, איז ער געוועזען איבערראַשט פון איהר גראַדקייט, ער האָט זי באַנו־מען, מחמת אָט די נייע לעהרע, אַזוי צו זאָגען, האָט געקרוינט די אַרבייט פון זיין אייגענעם געדאַנק. אָבער ער האָט זיכער ניט געוואָלט ערשיינען אַלס תלמיד אין די אויגען פון זיין עדה, וואו ער איז געוועזען דער רבי. דאַרום שרייבט ער די קאָרינטער, אַז ער האָט זיי געלערנט נאָר דעם אָנהויב פון קלוגהייט, אַז ער האָט גע־פלאַנצט, געלעגט א פונדאַמענט; אַפּאָלאָס האָט באַגאָסען, גע־בויט ווייטער.

אין דעם בריעף צו די קאָרינטער באַגעגענען מיר שוין נייע נאָטען: „עס איז דאָ א סך געטער און א סך הארען, נאָר ביי אונז איז איינציג דער גאָט־פאָטער, וואָס פון איהם איז אַלץ, און מיר זיינען פאַר איהם, און איינציג איז דער האר יעזוס קריסטוס, וואָס דורך איהם איז אַלץ, און מיר זיינען דורך איהם".

גאָט און האר צייכענען זיך אויס ווי צוויי פאַרשיידענע באַ־גריפען, מיר האָבען נאָר איין גאָט און נאָר איין האר, א האר — ניט קיין גאָט. דאָס איז אין גייסט פון דער פריהערדיגער לעהרע. נאָר פאַר'ן „האר" ווערט שוין אָנערקענט עפּעס א טיפער אַנטייל אין סאַמען באַשאַף פון דער וועלט. אמת, די אידעע איז נאָך ניט קלאָר. דער גאַנצער בריעף איז טיפער לויט'ן געדאַנק. מיט מיס־טישער פילאָסאָפיע וועיהט פון דער אַנטקעגענשטעלונג פון די צוויי אדם'ס*) זי צוטרייסעלט מיט איהר אויסגעאַרבייטקייט און וויכטיגקייט דעם ריטועלען נאָר ערשטען אָנהויב פון דער מעשה,

---

*) אין זיין בריעף צו די קאָרינטער רעדט פּאָול וועגען דעם אדם החיצון — דעם אויסערליכען מענשען און וועגען דער אדם הפנימי — דעם אינערליכען מענשען. (איבערז.)

וועלכע ווערט אויסגעטייטשט ניט ווי א איינפאכע עראינערונג וועגען קריסטוס׳ן, נאָר ווי א מיסטישע איינינגונג מיט איהם, ווי א וואונדערליכער המשך פון דעם קרבן, וואָס ער האָט געבראכט. יעזוס׳עס פערזענליכקייט ווערט אלץ געהיימניספולער. דעם דאָזיגען ווייטערדיגען טריט אין זיין ענטוויקלונג האָט פאול געמאכט אונטער אפּאָלאָס׳עס איינפלוס, מיט וועלכען עס האָט זיך אריינגעגאָסען אין דעם שטראָם פון דעם יונגען קריסטענטום דער טייך פון דעם אלעקסאנדרינישען פילאזאפירען. אפּלאָס האָט געהאָלפען פאול׳ן מאכען אן ענטשידענעם טריט אין דער ריכטונג אינגאַנצען צו פארגעטליכען יעזוס׳ן, וואָס איז געווען קעגען דעם ריינעם אידישען מאָנאָטעאיזם. אלעקסאנדריען מיט איהר צושפּאָלטענעם מאָנאטעאיזם, מיט איהר אידעע פון אַנ׳איינציגען גאָט און זיין עמאנאציע האָט געמוזט אריבערוואַרפען א בריק צווישען דעם ריינעם מאָנאָטעאיזם פון די נביאים און דעם דורשט צו א קאָנקרעטען מענשענעהנליכען גאָט, וואָס איז געווען אויפ׳ן מערב. ס׳קאָן זיין, אז יעזוס אליין איז געווען גענייגט בעת זיין עבודה אין ירושלים צו אידענטיפיצירען דעם גייסט, וואָס האָט אין איהם געלעבט מיט גאָט גופא. ס׳קאָן זיין, אז טאַקי דאָס האָט איבערגעפיהרט זיין זאָך אין ירושלים. נאָר אלעקסאנדריען האָט געמוזט באגריסען דעם דאָזיגען געדאנק. דאָס איז געווען דער אָפּקלאנג פון איהרע פילאָזאָפירונגען און גריבלערייען, פון איהר אונטערנעמען צו העלעניזירען די היליגע שריפטען, וועלכער האָט זיך צו איהר אומגעקערט. אין אפּאָלאָס׳עס פערזענליכקייט האָט אלעקסאנדריען אייפעריג אונטערשטיצט די אידעע וועגען דער וועזענטליכער געטליכקייט פון דעם סטאָליער׳ס זוהן פון נצרת, א אידעע, וואָס האָט שוין גענומען פארוואקסען ווערען מיט דערנער.

רענאן רעקאָנסטרואירט שארפזיניג פאָול׳ס באציהונגען צו אפּאָלאָס׳ן.

דער וויכטיגסטער פאקט איז געווען דער אומגאנג פון דעם אלעקסאנדרינ׳ישען אידען אפּאָלאָניוס אָדער אפּאָלאָס, וואָס איז אָנגעקומען אין עפעזוס אינגיכען נאָך פאול׳ן. דאָס איז געווען א

טיפער קענער פון די שריפטען אין זייער גריכישער איבערזעצונג, וועלכער האט פארשטאנען זעהר שארפזיניג זיי אויסצוטייטשען, און האט זעהר שעהן גערעדט. ער האט דערמאנט אן פילאן'ען, דעם גירינגען זוכער פון נייקייט, וואס האט זיך פון אלע זייטען דורכגעשלאגען אין דעם אידענטום. ער איז שוין געווען אין ענגע באציהונגען מיט די תלמידים פון יוחנן המבטל און זיי האבען איהם געטויפט. ער האט געהערט גערײדעריי וועגען יעזוס'ן און איז געווען גענייגט איהם אנצוערקענען פאר קריסטוס'ן, ס'הייסט פאר משיח'ן, דאך זיינען זיינע ידיעות וועגען קריסטענטום געווען ניט פול. די אזיגע ידיעות האט ער אויסגעפילט דורך זיינע אונטער־האלטונגען מיט די באשיידענע טרעגער פון דער קריסטליכער פראפאגאנדע, מיט די בעלי מלאכות אקווילא און זיין ווייב פריס־קילא, נאנט פאול'ס פריינד, וואס האבען זיך צו יענער צייט באזעצט אין עפעזוס. אפאלאס'עס פריידיגען אין דער דאזיגער שטאדט האט געהאט א גרויסען ערפאלג. נאך א גרעסערען ערפאלג האט אפאלאס באגעגענט אין דער געלעהרטער קארינט, וואו מ'האט ליעב געהאט דיספוטען. „אפאלאס האט זיך פארגליכען מיט פאול'ן אין קענען די הייליגע שריפטען, זאגט וויטער רענאן, ער האט אבער באדייטענד איהם איבערגעשטייגט מיט זיין ליטערא־רישער געבילדעטקייט. ער האט גערעדט אנ'אויסגעצייכענטען גריכיש, בעת פאול האט גערעדט א שלעכטען גריכיש. קענטיג, אז ער האט איבערשטייגט פאול'ן מיט אויסערליכע אראטארשע באווייזען. אין די דיספוטען מיט די אידען וועגען דעם, צי איז יעזוס באמת געווען משיח, האט ער אלעמאל גובר געווען זיינע געגנער און האט פיעלע באקעהרט צו זיין אמונה".

די אנהענגער פון פאול'ן און אפאלאס'ן האבען זיך שוין גענו־מען טיילען אויף צוויי סעקטען, אוןביידע לעהרער האבען באשלא־סען זיך צו זעהן, וואס איז פארגעקומען אין עפעזוס. „ער האט דארט געפונען פאול'ן, זאגט רענאן, און האט מיט איהם געהאט לאנגע געשפרעכען, ער איז מיט איהם אריין אין ענגע באציהונגען, ניט פון א תלמיד מיט א לעהרער, נאר אין באציהונגען פון צוויי

פריינדה, דאָס איז געווען אַ געפיהל, וואָס איז ווירדיג פאַר אַזעלכע צוויי גרויסע נשמות, וואָס האָבען זיך געקאָנט פארשטעהן און העלפען איינער דעם צווייטען“.

דעם איינפלוס פון אַפּאָלאָס׳ן אויף פּאול׳ן קאָן מען קוים אָפּ־לייקענען. שוין אין דעם בריעף צו די קאָרינטער, ווי מיר האָבען געזאָגט, קלינגען נייע נאָטקעס, וועלכע וואַקסען דערנאָך און ווערען הערשענדע אין די לעצטע בריעף. נאָר אין וואָס באַשטעהט אַפּאָ־לאָס׳עס לעהרע, און וואָס איז געווען איהר אָריגינאַליטעט?

קודם כל אין דער געוואָגטער אַנערקענונג פון דער געטליכער, איבער־נאַטירליכער, געהיימניספולער נאַטור פון יעזוס קריסטוס.

דער גאַנצער ערשטער קאַפּיטעל פון זיין בריעף (ס׳הייסט פון דעם בריעף צו די אידען, וואָס איז פריהער צוגעשריבען פּאול׳ן) איז געווידמעט צו די באַווייזען פון דעם דאָזיגען פּרינציפּ.

„גאָט, וואָס האָט פאַרצייטען פיעל מאָל און אויף פיעלערליי אופנים גערעדט צו די אבות דורך די נביאים,

האָט צום ענד פון די דאָזיגע טעג צו אונז גערעדט דורך דעם זוהן, וועלכען ער האָט געמאַכט פאַר׳ן יורש פון אַלץ, דורך וועלכען ער האָט אויך די וועלטען געמאַכט.

און דער דאָזיגער איז דער גלאַנץ פון זיין הערליכקייט און די געשטאַלט פון זיין וועזען, און דערהאַלט אַלע זאַכען דורך דעם וואָרט פון זיין קראַפט, און ווען ער האָט אונז ריין געמאַכט פון זינד האָט ער זיך געזעצט צו דער רעכטער האַנד פון דער מאַיעס־טעט אין דער הויך. ער איז אַזוי פיעל בעסער געוואָרען פון די מלאכים, אַז ער האָט אַ פיעל העכערען נאָמען ווי זיי גע׳ירשנ׳ט“. (דער בריעף צו די אידען, 1טער קאַפּיטעל, 1, 2, 3, 4). די דאָזיגע אַלעקסאַנדרינישע לעהרע וועגען דער געשטאַלט פון זיין וועזען (איפּאָסטאַס), וועגען דעם גלאַנץ פון זיין הערליכקייט, ווי וועגען אַ באַזונדערער פּערזאָן — איז פאָלשטענדיג פרעמד ניט נאָר דער אָפיציעלער סינאַגאָגישער לעהרע פון די אידען, נאָר די נביאים פון אגדה. נאָר די אגדה האָט זיך ענטוויקעלט, איז געגאַנגען פאָראויס און האָט זיך פאַרהיידעניזירט, „פאַר׳עבודה׳זרה׳ט“[6] אַפּאָלאָס

האָט פונדעסטוועגען ניט געוואָלט איינרייסען מיט דער טראַדיציע און אין דעם בריעף צו די אידען באַמיהט ער זיך צו געפינען אַ שטיצע פאַר זיין לעהרע אין תהלים און אין די שאַפונגען פון די נביאים. זיינע געבראַכטע ציטאַטען ווייזען אויף זיין גרויסער באַלעזענקייט, נאָר זיי זיינען באַגרינדעט אויף אַ מיספאַרשטענדעניס. מיר קאָנען זיך ניט אַריינלאָזען אין דער דאָזיגער פראַגע. פאַר אונז איז וויכטיג אַנ׳אַנדער פראַגע: וואָס האָט געצוואונגען אַפּאָלאָס׳ן צו זוכען גאָטהייט אין רייה מיט׳ן איינציגען גאָט? פאַר וואָס האָט זיך איהם אַזוי שטאַרק געוואָלט אידענטיפיצירען די דאָזיגע גאָטהייט מיט יעזוס׳ן? דער ענטפער וועט וואַרפען אַ שיין אויף די נייע פאַרבינדעטע, וואָס פאול האָט ערוואָרבען. אויף אונזער בליק איז אַפּאָלאָס אַ דערהויבענער מוסטער פון דער אידישער אינטעליגענץ פון יענער צייט. דער אויפגערעגטער געדאַנק, די ברייטע בילדונג האָבען זיי אַזוי ווי געמאַכט פאַר די פיהרער פון זייער פאָלק איבער׳ן וועג פון פראָגרעס דעם גייסטיגען און קולטורעלען. דערצו איז נויטיג געווען צוצוברעכען די מחיצות פון דעם ענגען אידענטום, פון דער אָרטאָדאָקסאַלער געזעצליכקייט פון די אידען. צוברעכען דאָס — האָט באַטייט אָפּשוואַכען די גרויסע מאַכט פון ירושלים, פון בית המקדש, פון די כהנים און די סופרים, פון דער דאָזיגער מאַכטיגער פריסטערהערשאַפט, וואָס האָט געהאַלטען אין איהרע נעגעל די באַגאַבטע נאַציע; דאָס האָט באַטייט אומקעהרען דעם אידענטום צו דער ערד, צו דער קולטור, ענדגילטיג אַוועקשטעלען בראש פון דעם אידענטום זיין אינטעליגענטען קלאַס, ניט דעם פריסטערליכען, ניט דעם אָפיציעלען. די שטרעמונג אין אָט דער זייט איז געווען אויסערגעוועהנליך שטאַרק. דאָס קלאַסען זעלבסט־באַוואוסטזיין אַזוי צו זאָגען פון דער בורזשואזער וועלטליכער אינטעליגענץ האָט זי געשטויסען אין קאַמף מיט ירושלים, און זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנד צום בונט קעגען דער טעאָקראַטיע, וואָס דער פראָסטער המון האָט אויפגעהויבען. זי האָט גענומען פון פראָסטען פאָלק׳ס הענד משיח׳ן, און זיין קרייציגונג, און האָט איהם באַשטראַהלט מיט איהר גאַנצער געלעהר-

זאמקייט. יאָ — ניט דער כהן גדול, ניט דער בית המקדש, נאָר דער גרויסער נביא יעזוס! ער איז העכער פון כהן גדול און פון די לוים, ער איז „אַ כהן גדול לויט מלכי צדק'ס ראַנג", פון גאָט אַליין אוועקגעשטעלט אויף אייביג, מיר נויטיגען זיך מעהר ניט אין לוים! ער איז העכער פון בית המקדש, ער איז אַליין דער גלאַנץ פון גאָט'ס הערליכקייט, ער האָט איינמאָל פאר אַלעמאָל געבראַכט אַ דערלייזענדען קרבן: מיר דאַרפען נישט מעהר קיין ריטואַל. און כדי צו פאַרשטאַרקען דעם וועלטליכען כהן גדול (לויט'ן ראַנג פון מלכי צדק), וואָס פון היינט אָן וועלען זיינע כהנים זיין מענשען פון פרייען גייסט, הויבט מען איהם אויף הויך איבער משה'ן, מען גיסט צונויף די אידעע פון משיח'ן און די אידעע פון דעם לאָגאָס, כדי צו פאַרגעטליכען דעם קוואַל פון דער נייער אמונה, וועלכע איז פריי פון די אָפּיצעלע דינים פון אמונה, ניט שאַקירענדיג דערביי די איינגעוואָרצעלטע אמונה אין איין גאָט. דער איינציגער גאָט — איז דער קוואַל סיי פון דעם אַלטען און סיי פון דעם נייעם טעסטאַמענט, נאָר דאָרט האָט ער גערעדט דורך די נביאים, דאָ דורך דעם נאָהענטסטען וועזען, דורכ'ן זוהן, דורך דער געשטאַלט פון זיין וועזען (איפּאָסטאַס), דורכ'ן לאָגאָס.

דער פלאַמענדיגער פאַריסיי, אינגאַנצען דורכגעדרונגען מיט דער אידעע אָנצוזאָגען אין אַלע עקען וועלט דעם אמת פון אַן אַלגעמיינער רעטונג און דער אידעאַלאָג פון דער אינטעליגענץ פון דער אידישער דיאַספּאָרא, פון דעם אידישען גלות, דער אויפגעקלערטער אגדה'איסט — זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אויפ'ן בעסטען אופן.

פּאָול האָט אָנערקאַנט אין משיח'ן, אין יעזוס'ן אַן איבערנאַטירליך וועזען. און די דאָזיגע אידעען האָבען פון יענער צייט אָן אין איהם זיך פאַרשטאַרקט. מיט אַ גרויסער קראַפט ווערט אָנגעזאָגט די ראַדיקאַלע וועלט ענדערונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרען פון קריסטוס'ן אין צווייטען בריעף צו די קאָרינטער. דאָ ווערט גראַד געזאָגט, אַז קריסטוס'עס פערזענליכע שטריכען זיינען גאָר ניט וויכטיג,, וויכטיג איז דאָ די מיסטישע זייט פון זיין וועזען:

„קריסטוס איז פאַר אַלעמען געשטאָרבען, כדי די וואָס לעבען זאָלען מעהר ניט לעבען פאַר זיך אַליין, נאָר פאַר איהם, וועלכער איז פאַר זיי געשטאָרבען און איז ווידער אויפגעשטאַנען.

דארום פון איצט אָן קענען מיר קיינעם ניט נאָך זיין פלייש; ווען אפילו מיר וואָלטען קריסטוס'ן געקאָנט נאָך דעם פלייש, קאָנען מיר איהם איצט ניט מעהר.

אזוי, אז ווען איינער גלויבט אין קריסטוס'ן, איז ער אַ נייע באשעפענים; דאָס אַלטע איז פאַרביי, איצט איז אַלץ נייעס".

(2טער בריעף צו די קאָרינטער, 5טער קאפּיטעל, 15, 16, 17).

אין פאול'ס בריעף צו די רוימער רעדט זיך וועגען איביגען לעבען אין דעם האר קריסטוס יעזוס, וועגען קריסטוס'עס אויפשטעהן דורכ'ן רוח הקדש און וועגען דעם אויפשטעהן פון די איבריגע מענשען דורך קריסטוס'ן; און אין דעם וואונדערליכען פינאַל פון דעם 8טען קאפּיטעל (צו די רוימער) ווערט גאָט'ס זוהן דערגרויסט העכער פון די מלאכים, נאָך פונדעסטוועגען אפילו אויך דאָ קאָן פאול זיך ניט באשליסען אָפען צו פּראָקלאַמירען יעזוס'עס עקזיסטענץ פון אייביג אָן, וואָס אפּאָלאָ'ס האָט געפּרידיגט. פאול ווייס די דאָזיגע לעהרע, ער איז מיט איהר איינשטימיג, אינערליך האָט ער זי אָנגענוממען, ער גלויבט אין יעזוס'עס פאָר־עקזיסטענץ, אין זיין עקזיסטענץ פון אייביג אָן, נאָר עפּעס באשליסט ער זיך ניט אָפיציעל צו פּראָקלאַמירען די דאָזיגע לעהרע. ערשט אין דעם רוימישען פעריאָד פון זיין טעטיגקייט האָט פאול ענטשלאָסען פּראָקלאַמירט דעם דאָזיגען דאָגמאַט. שוין זייענדיג אַלט האָט ער אין זיינע בריעף (צו די עפעזער און קאָלאָסער) באהויפּט, אז קריסטוס'עס געטליכקייט עקזעסטירט פון אייביג אָן. פיעלע פאַרדעכטיגען די ווירקליכקייט פון די דאָזיגע בריעף, נאָר ווען אפילו זיי זיינען געשריבען געוואָרען פון פאול'ס נאָהענטסטע תלמידים, לעבט אין זיי זיין גייסט, און מען קאָן באהויפּטען, אז אין אזא פאַל האָבען די תלמידים ארויסגעזאָגט עפּענטליך און שריפטליך דאָס, וואָס דער לעהרער האָט מיט'ן מויל געלערנט אין אַ קרייז פון אויסדערוועהלטע. דער

בריעף צו די פיליפּער איז וויניגער באַשטרייטבאַר, נאָר אויך דאָרט באַגעגנען מיר אַ גענוג באַשטימטע אָנצייגונג אויף קריסטוס'עס גלייכהייט צו גאָט פון אייביג אָן: „ער, וועלכער איז געווען אין דער געשטאַלט פון גאָט, דאָך האָט ער ניט געהאַלטען פאַר אַ פּרייז ער זאָל זיין גלייך צו גאָט.*)

געוויס, דער אָנהויב פון דעם בריעף צו די עפעזער געהט ווייטער און ווערט מיט רעכט געהאַלטען פאַר אַן אָנהויב פון גנאָסטיציזם: „אַזוי ווי ער האָט אונז אויסדערוועהלט אין איהם איידער די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען, כדי מיר זאָלען זיין היילig און אָהן אַ פעהלער פאַר איהם אין ליעבע.

אַזוי ווי ער האָט אונז באַשטימט צו זיך אין קינדשאַפט דורך ישוע המשיח, ווי עס איז וואוילגעפאַלען זיין גוטען ווילען.

צום לויב פון דעם כבוד פון זיין גנאָד, וואָס ער האָט אונז באַגנאַדיגט אין דעם געליעבטען.

אין וועלכען מיר האָבען אונזער דערלייזונג דורך זיין בלוט, די פאַרגעבונג פון זינד, נאָך דער רייכקייט פון זיין גנאָד.

אין וועלכער ער האָט זיך קעגען אונז געמעהרט אין אַלער קלוגהייט און פאַרשטאַנד,

ענטפּלעקענדיג אונז דעם סוד פון זיין ווילען נאָך זיין וואויל־געפאַלען, וואָס ער האָט אין זיך פאַרגעזעצט,

אין דער איינאָרדענונג פון דער פולקייט פון די צייטען, כדי אַלע זאַכען פון הימעל און ערד זאָלען פאַראייניגט ווערען אין קריסטוס'ען, ווי אונטער איין הויפּט" (צו די עפעזער 1טער קאַפּי־טעל, 4—10).

עהנליכע אַנשויאונגען האָבען געפיהרט ניט ווילענדיג אַלץ ווייטער און ווייטער, און דער פאַקט פון דערלייזונג, וואָס איז אויך אָהן דעם געווען געהיימניספול, איז געוואָרען נאָך געהיימניספולער־

---

*) אין דער העברעאישער איבערזעצונג איז דער דאָזיגער זאַץ פאַרשטענדליכער: „הוא אשר במוצאתיו נמצא בדמות אלהים ובכל זאת לא חשב היותו שוה לאלהים כשלל לו" (2, 6).

זיך באנוצענדיג (מיט דער געוועהנליכער אומקריטישקייט פאר יע־נער צייט) מיט'ן 68טען קאפיטעל תהלים, האט פאול אדער א תלמיד זיינער גלייך ענטדעקט דעם סוד פון יעזוס'עם עקזיסטענץ נאך פון פאר דער אייביגקייט: „ער איז ארויפגעגאנגען אין דער הויך, ער האט געפאנגען א געפאנגענשאפט און האט געגעבען מתנות צו מענשען". *)

„און וואס באטייט ארויפגעגאנגען, אויב ניט דאס, אז ער איז אויך אראפגעגאנגען אין דעם אונטערשטען טייל פון דער ערד?"

דער, וואס איז אראפגעגאנגען איז דערזעלביגער, וואס איז אויך ארויפגעגאנגען איבער אלע הימלען, כדי ער זאל אלע זאכען דערפילען" (צו די עפעזער 4טער קאפיטעל, 8, 9, 10).

אט אזוי איז געוואקסען פאול'ס קריסטאלאגיע: פון דער פארשטעלונג וועגען יעזוס דעם מענשען, וואס מיט זיינע פאר־דינסטען האט ער אונז דערלייזט, ביז דער פארשטעלונג וועגען דער עמאנאציע פון גאט, וועגען זיין אויסשטראהלונג, אויספליסונג, וואס האט געמאכט אין א פאראויס־באשטימטער צייט א מארא־לישע און קאסמישע איבערקערענים. דא איז קיין אפגרונד ניטא. ס'איז נאר דא א ניט נאכגעבענדיגע דערהויבונג פון דער ראלע פון דער געטליכער התחלה און א ניט נאכגעבענדיגע שטרעבונג צו דער־נידעריגען די מענשליכע נאטור, אפצושטויסען איהר יעדע ראלע, איהר יעדען פארדינסט.

איז דאס א פראגרעס? די דערגרויסונג פון קריסטוס'ן האט באשאפען א גרויסע צוציהונגס־קראפט פאר דער נייער רעליגיע, דאס איז געווען א גאט, וואס קויפט אונטער מיט זיין גיטיגקייט און מענשליכקייט, אבער געוויס, וועלכער, וואס גרעסער מ'האט איהם אנערקאנט, אלץ ווירדיגער איז ער געווען, אז מ'זאל איהם דיענען. נאר דערפאר האט דער מיסטישער און הימעלשער פנים פון קריסטוס'ן געקאנט פון איצט אן פארשטעלען זיין דעמאקראַ־טישען, ערדישען פנים. דאס האט איהם געמאכט אנגעהבאר פאר

---

*) עלית למרום שבית שבי לקחת מתנות באדם, תהלים ס"ח י"ט.

די העברעע קלאַסען, אָבער דאָס האָט געקאָנט איהם אוועקנעהמען ביי די נידעריגע. דער קאַמף צווישען די ערדישע און הימעלשע געשטאַלטען פון קריסטוס'ן בילדעט דעם אינהאַלט פון דעם קאַמף צווישען די גנאָסטיקער און די מילענאַריסטען.

די רעטונג מיט'ן גלויבען אַליין.

פּאַול האָט זיך צונויפגעטראָפען מיט אַפּאָלאָס'ן אויף אין דער פאַלשטענדיג נעגאַטיווער באַציהונג צו די אַלטע דינים, אין דעם אַנזאָגען פון זייער סוף און אַז „די פרייהייט" קומט אָן. די גרונ־דען דערצו זיינען געווען פאַרשידענע. פאַר אַפּאָלאָס'ן איז וויכטיג געווען צו דערלאַנגען אַ קלאַפּ די טעאָקראַטיע פון ירושלים; פּאַול האָט, ערשטענס, ניט געקאָנט מחמת זיין אידעאַליזם, וואָס איז געווען פאַרבונדען מיט פאַראַכטונג צום גוף, אָנערקענען פאַר עפּעס־וואָס ווערטפול איהרע באַמיהונגען זיך אויסצוליימערן מיט קער־פּערליכע עסקים, ווי דינים און מצוות; צווייטענס, זיינען די פאָדערונגען פון די דינים־טרייע קריסטען איהם געשטאַנען אין וועג, זיי האָבען געשטערט זיין ענטוזיאַסטישען שטרעבען אָנצוזאָ־גען זיין אמת איבער דער גאַנצער וועלט. ביי איהם איז די אינטענ־סיווויטעט פון ענטציקונג און גלויבען ווירקליך איבערגעגאַנגען אין אַ ניט־אומפּאַסענדער עקספּאַנסיוויטעט. זיך אָפּשטעלען אויף פּאַול'ס קאַמף מיט קריסטוס'עס תלמידים ווילען מיר. דער דאָזי־גער פאַקט איז איצט פון אַלעמען אָנערקענט און פּינקטליך ווידער־געשטעלט. פּאַול אַליין האָט גענוג אויספיהרליך און אָפענהאַרציג באַשריבען דעם דאָזיגען קאַמף אין דעם בריעף צו די גאַלאַטער. דער קאַמף איז געווען אַ פאַרביטערטער, גאָר ניט אין גייסט, ווי לוקאַס שטעלט איהם פאָר אין דער אַפּאָסטעלגעשיכטע. עטליכע מאָל האָט פּאַול אַרויסגעריסען ביי די ירושלים'ער עביאָניטען די אָנערקענונג פון זיין אַפּאָסטעלשער ווערדע אין אויסטויש פאַר דער קאָנטריבוציע פון זיינע געגרינדעטע קירכען צו גונסטען פון דער קירך פון דער מוטער. אָבער נאָכדעם האָבען ווידער זיך אויפגנע־

הויבען אינטריגען· די אידען האָבען געהאַסט פּאָול׳ן, דעם שונא פון מילה, און די ירושלים׳ער קריסטען האָבען כמעט זיך ניט אונטערגעשיידט פון זיי אין דעם דאָזיגען פּרט. די דאָזיגע פיינדשאַפט האָט צולעצט טאַקי איבערגעגעבען פּאָול׳ן אין די הענד פון די רוימישע באַאַמטע, ווי א געפעהרליכען נאָוואַטאָר און פרידענשטערער. יעקב׳ס אָנפּאַרטרויטע האָבען זיך באַמיהט צו פאַרניכטען אויך פּאָול׳ס אויפטו, זיי פלעגען קומען אין די פון זיי געגרינדעטע קירכען און מיט דעם אויטאָריטעטישען נאָמען פון אמת׳ע תלמידים און אפּאָסטעלן פלעגען זיי איהם אריינלעגען אין חרם און אָפּלייקענען זיין לעהרע. זייער נצחון וואָלט באַטייט דער אונטערגאַנג פון דעם קריסטענטום, דאָס קריסטענטום וואָלט אין אַזאַ פאַל געבליבען אויף דער שטופע פון א סעקטע פון דעם אידענטום. אָבער דער דאָזיגער נצחון איז געווען אומעגליך. ניט נאָר די אידען פון דער דיאַספּאָרא האָבען געהאַט צופיעל פאַר־נייגונג זיך צו באַפרייען פון דער ירושלים׳ער אריסטאָקראַטיע, נאָר דערהויפּט דער געצענדינערשער פראָלעטאַריאַט גופא איז געווען צו פיעל צוגעגרייט אָנצונעמען א מעסיאַניזם, וואָס איז פריי פון פרעמדע צערעמאָניעס.

געוויס. די עביאָניטען זיינען געווען דעמאָקראַטען. זיי זיינען געווען אפילו ראַדיקאַלערע פאָרשטעהער פון דעם לומפּען־פּראָלעטאַריאַט, מעהר אויסגעהאַלטענע קאָמוניסטען, איידער פּאָול, מעהר רעוואָלוציאָנער. נאָר זיי האָבען ניט געקאָנט פאַרשטעהן, אז די דאָזיגע־אידען וועלען באַקומען דעם אמת׳ן שוואונג נאָר מיט דער פאַרניכטונג פון די אַלטע נאַציאָנאַליסטישע רעמלאך. פּאָול, מחמת דעם סאַמע מיסטישען שוואונג זיינעם — איז אַן אָפּאָרטוניסט אין סאָציאַלען פּרט, אין פיעלען איז ער דער אויסדריקער פון די מאָראַלישע אידעאַלען פון די מעהר וואוילהאַבענדע שיכטען צווישען די בעלי מלאכות און הענדלער פון מאַקעדאָניען, נאָר מאַכטיג איז ער געווען טאַקי מיט זיין אינטערנאַציאָנאַליזם.

די אידעע אליין פון רעכטפערטיגען מיט׳ן גלויבען גופא, ס׳הייסט, אז נאָר מיט אמונה אליין, אָהן זייטיגע צערעמאָניעס, קאָן מען זיך רעטען, איז עקסטרעם רעוואָלוציאָנער. מיט איין

קלאַפּ צושטערט זי די פּריווילעגיע פון די מיוחסים און רייכע, פאַר וועלכע עס זיינען גריגגער און צוגענגליכער „וואָהלטעטיגע זאַכען" ס'הייסט קרבנות, צדקה, די דינססען פון די קירכען און ד. ג.; זי צוברעכט אויך די קאָרע פון די בלינדע, פאַרעלטערטע, טרוקענע צערעמאָניעס. זי הויבט אויף איהר שטים און זאָגט אָן פרייהייט און גייסטיגקייט. אזא ראָלע האָט די אידעע געשפּיעלט אויך שפּעטער, צום ביישפּיעל, אין די הענט פון לוטער'ן און די רעפאָר־מאַטאָרס. נאָר זי האָט געהאַט אויך איהר טיפע נעגאַטיווע זייט, וועלכע האָט זיך צולעצט בולט ארויסגעצייגט אין אגוסטין'ס לעה־רע: זי האָט געמאַכט דעם מענשען אבסאָלוט פּאַסיוו פאַר דער גע־שטאַלט פון גאָט; די צוקינפטיגע קינדשאַפט האָט זיך געקויפט פאַר'ן פרייז פון דער גרעסטער קנעכטשאַפט אין דער געגענוואַרט. ס'איז שווער פאָרצושטעלען זיך אַ טיפערן אויסדרוק פון אַן ענט־פערלאָז־קנעכטישען גייסט, ווי מיר באַגעגענען ביי פאָול'ן אין זיין בריף צו די רוימער, ביי דעמזעלביגען פאָול'ן, וואָס האָט פּראָקלאַ־מירט פרייהייט פון געזעץ, פון דין.

„די דערבאַרעמונג הענגט אָפּ ניט פון דעם, וואָס וויל, און ניט פון דעם, וואָס קעמפט, נאָר פון גאָט דעם דערבאַרעמדיגען... ועמען ער וויל — דערבאַרעמט ער; און וועמען ער וויל — מאַכט ער הארט זיין הארץ. דו וועסט מיר זאָגען: וויבאלד זיין ווילען קאָן מען ניט שטערען, פאַר וואָס קומט צו באַשולדיגען? אָ, מענש, ווער ביזטו, אז דו זאָלסט זיך קריגען מיט גאָט? זאָל דאָס ווערק זאָגען צום מייסטער, ווארום האָסטו מיר אַזוי געמאַכט? האָט ניט דער טעפּער מאַכט איבער דעם לייהם, כדי ער זאָל פון דעם אייגענעם שטיק מאַכען איין כלי צו כבוד און אַן אַנדערע צו שאַנד?"

דער דאָזיגער אָרט אין עוואַנגעליום ווערט דער באַזיס פון אָגוסטין'ס לעהרע, וואָס האָט נאָך היינט אויך געפונען אנהענגער, אפילו צווישען די רוסישע אידעאַליסטיש־קאַדעטישע פּראָפעסאָ־רען.

די מאָראַל פון פּאָול'ן און פון די ערשטע קריסטען.

דער יסוד פון פּאָול'ס מאָראַל איז באַשטאַנען פון א דאָפּעלטען דואַליזם: פון דעם גייסט און דעם קערפּער, פון דעם פאַרקריסטליכען און דעם נאָך־קריסטליכען מענשען. גאָר דאָס קערפּערליכע — איז שלעכט, גאָר דאָס גייסטיגע — איז גליק. נאָר אליין פאַר זיך איז דאָס פלייש׳ליכע, דאָס קערפּערליכע שטאַרקער פון דעם גייסט, גאָט'ס געזעץ איז געגעבען געוואָרען אויף איינצוצאַהמען דאָס פליישליכע און צו העלפען דעם גייסט, אָבער אויך דער גייסט איז ניט אימשטאַנד צו ערפילען אַלע פאָדערונגען פון דעם געזעץ, דער גוף ווייזט זיך דאָך ארוים שטאַרקער, און אויף אזא'ן אופן ווערט דאָס געזעץ א קוואַל פון זינד, פון פאַרברעכען, פון א קראַנקען געוויסען.

נאָר קריסטוס האָט מיט זיך געבראַכט א באַפרייאונג פון דעם גוף. דער נייער גוף וועט זיין א ריין גייסטיגער, „עס זעיהט זיך א קערפּער א נשמה'דיגער, עס שטעהט אויף א קערפּער א גייסטיגער". עס וועט דערגרייכט ווערען א פאָלשטענדיגע האַרמאָניע, דאָס געזעץ וועט אויפהערען עקזיסטירען, פרייהייט און ליעבע וועלען הערשען.

דאָס אַלץ זיינען די טיעפסטע באַגריפען: די פּיין פון געוויסען, דאָס באַוואוסטזיין פון דעם מענשען'ס זינדיגקייט זיינען אזוי שרעקליך שטאַרק אין פּאָול'ן, וועלכער שטעלט זיך ארוים אין אָט דעם פּרט אלס אויסדריקער פון מעהר ווי א העלפט פון דער מענשהייט, אַז די שאַרפקייט אַליין פון אָט דעם וועהטאָג צווינגט צו זוכען אַן אויסגאַנג, זיך אָנצוכאַפּען פאַר'ן אויסגאַנג, אזוי דאָרשט דער מענש צו פרייהייט און צו ריינקייט.

קריסטוס האָט פרייוויליג געקרייציגט, באַזיגט דעם גוף, הגם ער איז געווען זינדלאָז. אונז בלייבט אויך צו קרייציגען דעם גוף, דאָס פלייש, ס'הייסט די זינליכע וועלעניסען, דערשטיקען זיי אין זיך. און דאָס קאָן מען שוין איצט. מ'קאָן דאָס דערפאַר, ווייל דער גייסט אונזערער ווערט אין קאַמף געשטיצט פון דעם הייליגען

גייסט, וואָס קריסטוס האָט איבערגעלאָזט, און נעמליך פון אונזער זיכערקייט אין דער גיכער באַנייאונג פון דער וועלט.

דאַן אויפ'ן קול פון מלאך'ס שופר וועט אַלעס אומגעענדערט ווערען, אומגעענדערט וועלען ווערען אויך מיר אַליין כהרף עין און ס'וועט אָנקומען אַ האַרמאָניש, דורך און דורך ליכטיג און פריידיג לעבען. דערוויילע דאַרף מען לעבען מיט דער ערוואַרטונג. דאָס געזעץ, דער דין האָט שוין פאַרלאָרען זיין קראַפט. מיר זיינען שוין פריי. קיין זינד איז שוין ניטאָ. באַטייט דאָס אַז מיר האָבען רעכט צו טאָן שלעכטס? מאַנכע עקסטרעמע סעקטען פון די פּאולי'אַנער האָבען געמאַכט אַזאַ'ן אויספיהר פון דער באַקומע־נער פרייהייט. פּאול טרעט צאָרנדיג אַרויס קעגען אָט דעם אויס־פיהר: מיר קאָנען ניט לעבען אין דעם פלייש, אין דעם גוף, מיר מוזען שוין איצטער לעבען אין קריסטוס'ן, מיט אַ הויך, ריין לעבען, דאָס אַליין (אַזאַ לעבען) — איז אַ באַווייז פון אונזער פריי־הייט: ווארום פריי פון געזעץ זיינען מיר נאָר דערפאַר, וואָס מיר האָבען געקרייציגט, באַזיגט אונזער פלייש! מיר זיינען שוין ריינע גייסטער, וואָס נאָר צייטווייליג היטען זיי צו זייער הייטעל, וואָס איז באַזיגט געוואָרען פון קריסטוס'ן.

אָבער ווי מוז זיך צונויפשטעלען דאָס דאָזיגע צייטווייליגע לעבען? די העכסטע אָריגינאַליטעט האָט די קריסטליכע נייע מאַניער צו לעבען דערגרייכט אין דער סביבה פון דעם פאַלשטענדיג אָרימען און ניט ארבייטענדען, בעטלערשען פּראָלעטאריאַט, וועל־כער האָט אויסגעארבייט, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, אַן אייגענ־אַרטיגען קאָמוניזם. דאָס אָפּזאָגען זיך פון דער ערדישער גדולה, דער האָס צו רייכקייט און הערשאַפט — דאָס אַלעס איז דאָ זעלבסטפאַרשטענדליך, נאָר דערביי האָט זיך ענטוויקעלט אויך אַ נעגאַטיווע באַציהונג צו יעדער ארבייט, ווי צו ערדישער פאַרזאָר־געריי, דערביי האָט זיך אויך ענטוויקעלט פון איין זייט אַסקעטיזם, וואָס איז דערגאַנגען צו זעלבסטפּייניגונג, פון דער צווייטער זייט אומגעצאַהמטע זינליכע תענוגים, צולאָזענקייט, וואָס איז צוגעדעקט געוואָרען מיט אַ רעליגיעזען עקסטאַז און מיט איבערדענקונג וועגען

דער פריהייט, וואָס דער דערלייזער האָט געשאָנקען. פּאַול האָט געקעמפּט קעגען אַלע עקסטרעמען פון דעם קריסטענטום פון די אָרימסטע שיכטען און האָט געפּרעדיגט ארבייטזאַמקייט, שטרענג־קייט פון זיטען, עהרליכקייט, מעסיגקייט אין אַלעם, אַן אָפּגעמאָס־טען, בירגערליך־טוגענדליך לעבען. ס'פאַרשטעהט זיך, ווי אַן איבערגאַנגס צושטאַנד. פּאַול אַליין האָט זיך זעהר גרויס געהאַל־טען, וואָס ער איז אַ בעל מלאכה און לעבט אויסשליסליך מיט דער ארבייט פון זיינע הענד. זיינע באַליעבטע קירכען זיינען גע־ווען די מאַקעדאָנישע, וואָס די מיטגליעדער פון זיי זיינען געווען כמעט אויסשליסליך פון יענעם שיכט, וואָס היינט רופט מען קליין בורזשואַזיע. מיט די דאָזיגע פאַקטען ערקלערט זיך פּאַול'ס נאָ־הענטקייט, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגען, צום קריסטענטום פון רעפאָרמאַציע, צו דעם דאָזיגען לויט פאַרצוג בירגערליכען קריס־טענטום.

רענאַן, כאַראַקטעריזירענדיג פּאַול'ס מאַקעדאָנישע קירכען, ווייזט אָן מיט באַגייסטערונג אויף זייערע פרידליכע טוגענדען, וואָס זיינען געווען אין פולען איינקלאַנג מיט זייער בורזשואַזען כאַראַק־טער. ווען דאָ רעדט זיך וועגען געגענזייטיגער הילף, איז אָבער ביז צום קאָמוניזם די זאַך יעדענפאַלס ניט דערגאַנגען, ס'איז ניט געווען צו באַמערקען ניט די עקזאַלטאַציע, וואָס איז געאייגענט אַנדערע קירכען, ניט דער פאַרשאַרפטער האַס צו די מאַכטהאָבענדע און רייכע. ס'האָט מעהר געהערשט עפּעס אַ אידיליע פון גוטער שכנות'שאַפט און שטילער ערוואַרטונג.

וואָס איז שייך בכלל צו דער מאָראַלישער מדרגה פון דער פּרימיטיווער קירך, קומט אויס אין דעם פּרט צו רעכענען די גע־וועהנליכע פאַרשטעלונג וועגען דער הייליגקייט פון די ערשטע קריסטען פאַר איינזייטיג און איבערטריבען. רענאַן אַליין, וואָס איז גענייגט צו דערהויבען די מילדע און ליעברייכע זיטען פון די קירכען פון ערשטען יאָהרהונדערט, באַצייכענט אַ סך צווייפעל־האַפטעס אין די דאָזיגע זיטען. ער זאָגט: „שלעכטע געוואוינהיי־טען האָבען גענומען אריינדרינגען אין די קירכען און דאָס פאַר־

דארבט זייערע זיטען. די אבסאָלוטע אידישע דינים בנוגע צו הייראטס באציהונגען זיינען ניט אָפּגעהיט געוואָרען. פּאָול האָט ליידענשאפטליך געצאָרנט וועגען דעם, וואָס אימיצער האָט אָפען געלעבט מיט זיין שוויגער. פיעלע זיינען פול געוועזן מיט גאוה, מיט פאלשע ליעבע צו דיספוטען און „צו שלייפען די צונג". אפילו דעם היילינגען גייסט, דעם טאלענט צו ריידען אויף אומפארשטענדליכע שפראכען (גלאָסאָלאַליע), דאָס נביאות זאָגען, און וואונדערשאפען — האָבען זיי דעגענערירט אין אָפּשטויסענדיגע סצענען. ס'איז ביי זיי געווען קנאה און איינער דעם צווייטען פלעגט זאָגען שטעכווערטלאך, אויף די פארזאמלונגען בעת'ן רעדען פלעגט איינער איבערשלאָגען דעם צווייטען און דערפון פלעגט ארויסקומען א שרעקליכע אומאָרדנונג. די פרויען פלעגען ווערען געוואגט און פלעגען פארערן גלייכהייט מיט די מאנספארשוינען, זיי פלעגען אָנגעשטרענגט מתפלל זיין, נביאות זאָגען, אראָפּווארפענדיג דעם צודעק פון קאָפּ, פארנאנדערלאָזענדיג די לאנגע האָר, מאכענדיג אויף אזא'ן אופן די גאנצע פארזאמלונג פאר אן עדות פון זייערע עקסטאזען, ענציקונגען און פרומע זעלבסטפארגעסענהייטען."

אזעלכע זיטען שרייבט צו רענאן נאָר צו דער קארינטישער קירך, אָבער אין גיכען האָבען זיי אָהן צווייפעל זיך פארשפרייט אומעטום.

פפליידערער זאָגט וועגען דעם:

„די באגייסטערטע דרשות וועגען זינד, גיהנום, גוטס און גליקזעליגקייט האָבען געמאכט אויף די צוהערער אן אויסערגעוועהנליך שטארקען איינדרוק, די באקעהרונגען צום קריסטענטום פלעגען פאָרקומען אונטער כליפעריי, הירזשעריי, אויפציטערניסען, זשעטיקולאציעס, יובעל געשרייען און זיפצען". א פאלשטענדיגע בילד פון א היסטערישען אָנפאל. צווישען די קריסטען האָט געהערשט היסטעריקע. מיט דעם היסטעריש-עפילעפטישען צושטאנד ערקלערען זיך א סך איבערמאָסיגע און ווילדע זאכען, וואָס פלעגען פאָרקומען. אָבער אין רייה מיט דעם איז אויך געווען שעהנעס, עס האָט געהערשט א שעהן געפיהל פון ברידערליכקייט.

אלץ צוזאמען האט געווירקט מיט א קראפט פון א פסיכישער מגפה, מיטרייסענדיג אויך מענשען פון דעם העכערען קלאס, באזונדערס פרויען, מיט דער מעגליכקייט איבערצולעבען מאמענטען פון א שארפער נערוועז אנשטרענגונג. א קרענקליכער תענוג פון וואהנזיניגער אויפרעגונג, א היפנאטישע בארוישונג אין א מאסע פון בארוישטע, עקסטאזען פון תפלות, וואס זיינען דערגאנגען צו האלוצינאציעס, זעלבסטדערנידערונגען, וואס זיינען דערגאנגען צו עפענטליכער חרטה און עפענטליכער זעלבסטפייניגונג, ברידערליכע ליעבע, וואס איז איבערגעגאנגען אין א באהאלטענעם און נאך מעהר ברענענדיגען עראטיזם — אט דאס זיינען געווען די רעאלע גליקען, וואס די קירך האט געשאנקען די אריסטאקראטישע בעלי גאוות אין אויסטויש אויף פעטע נדבות. די בעטלער האט זי געגעבען שפייז, מענשליכע באציהונגען, די שטאלצקייט צו זיין אויסדערוועהלטע מחמת זייער ארימקייט גופא. די דאזיגע שטריכען האבען געשפיעלט, זיכער א גרעסערע ראלע, איידער יענע שטילע און רחמנות'דיגע שטימונג, וועלכע מען שטעלט געוועהנליך ארויס אויפ'ן ערשטען פלאן. געוויס, אויך עהנליכע טיפען האבען זיך באגעגענט.

ס'איז אונז ניט נויטיג ספעציעל זיך אפצושטעלען נאך אמאל אויף פאול'ס סאציאלען אפארטוניזם, אויף זיין אנטי־רעוואלוציאנערקייט, אויף דעם, וואס ער האט געהייליגט דעם אינסטיטוט פון קנעכטשאפט און אויף זיינע דרשות זיך צו מאכען אונטערטעניג צו די, וואס האבען די אויבער־מאכט. מיר האבען פריהער ערקלערט דעם פסיכאלאגישען קוואל פון דער דאזיגער שטימונג, א שטימונג, וועלכע איז אנטי־רעוואלוציאנער מחמת דעם אליין, וואס זי איז ראדיקאל אין איהר מיסטישער רעוואלוציאנערקייט. דער סאציאלער קוואל איז געווען קאן זיין דאס, וואס פאול האט אין א גרעסערער מאס זיך ארויסגעוויזען אלס אידעאלאג פון דעם אויבערשטען, ארבייטזאמען, ארימען, פרידליכען שיכט פון דער דעמאקראטיע, און ניט פון דעם נידעריגען, לוידיג געהענדיגען אַרימען און ליידענשאפטליך טרוימערשען.

דריטער קאַפּיטעל.

דער גריכיש־רוימישער באָדען. מילענאַריסטען, גנאָסטיקער, אָרטאָדאָקסען.

מ י ל ע נ א ר י ז ם.*)

דער יסוד פון דעם קריסטענטום אין ירושלים, אזוי ווי אור־מעטום, זיינען געווען די געזעלשאַפטען און ברודערשאַפטען, וואָס זיינען ענטשטאַנען אין די סאַמע נידעריגע שיכטען פון דער באַפעלקערונג. גיוּאָ און לאָקורא גיבען פאָלגענדע בילד פון דער דאָזיגער אייגענאַרטיגער קולטורעלער באוועגונג: „דאָס קריסטענטום אין רוים, אזוי ווי אין פאַלעסטינע, איז געווען אַ פּראָלעטאַרישע באוועגונג. גליקליכע און מאַכטיגע האָבען קיינמאָל קיין רעוואָלוציעס ניט געמאַכט. די רוימער איז געווען פרעמד דאָס מיטלייד׳ס געפיהל. אָבער די אידען האָבען שוין איינגעריכט וואָהלטעטיגע געזעלשאַפטען, אין וואָס זיי האָבען נאָכגעמאַכט די עגיפּטיאַנער, וואָס זייערע טעמפּלען זיינען געווען פאַראייניגט מיט קאַסעס פאַר געגענזייטיגער הילף צו אָרימע. די גריכישע קאַסעס פאַר געגענזייטיגער הילף האָבען נאָך עקזיסטירט, און זייערע מיטגלידער, ניט אויסשליסענדיג פרויען, האָבען זיך פון צייט צו צייט צונויפגעקליבען צו פייערן זייערע יום־טובים. די רוימישע פּאַטריציער,

*) מילענאַריזם אָדער כיליאַזם ווערט אָנגערופען דאָס קריסטענטום, וואָס האָט געזעהן דעם הויפּט פונקט פון דער אמונה אין דעם צוזאָג אויף אַ טויזענדיאָהריגער הערשאַפט פון גליק אויף דער ערד, וועלכע וועט באַניט ווערען נאָכ׳ן יום הדין.

די אַריסטאָקראַטען, האָבען געקעמפט קעגען דער פאַרשפּרייטונג פון אָט די געזעלשאַפטען אין רוים: כדי זיי צו גרינדען האָט זיך געפאָדערט אַ באַזונדערע ערלויבעניש, די צאָל פון זייערע מיטגלידער איז געווען באַגרעניצט, מ'האָט פאַרבאָטען צונויפצוגיסען אַלע קאַסעס אינאיינעם קורץ מ'האָט זיך מיט זיי געראַנגעלט, ווי עס ראַנגעלט זיך איצט די בורזשואַזיע מיט די אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס. אונטער אָט דעם דרוק האָבען זיי זיך אומגעשטאַלטעט, זיי האָבען זיך פאַרוואַנדעלט אין באַערדיגונגס געזעלשאַפטען. זיי האָבען זיך ענגער צוזאַמענגעשלאָסען, מחמת אין רוים, אין דעם דאָזיגען קאָלאָסאַלען קיבוץ פון מענשען פון פאַרשיידענע ראַסען און נאַציאָנען, איז דאָס נאַציאָנאַלע געפיהל פאַרשוואונדען. די געבירטיגע רוימער זיינען פאַרשוואונדען צווישען די גריכען, סיריער, עגיפּטיאַנער, פאַרשיידענע אַזיאַטען, באַפרייטע שקלאַפען אָדער שקלאַפען. די אַלע פאַרנאַנדערגעשיידטע עלעמענטען האָבען געפיהלט אַ באַדערפעניס צו באַשאַפען זיך אַ קינסטליך פאַטערלאַנד, וואָס זאָל העלפען און אויספילען זייער רחמנות'דיגע אינדיווידואַליטעט. דאָס איז געווען דער באָדען, וואָס אויף איהם האָט געשווינד גענומען וואַקסען די זריעה פון דעם קריסטענטום. אָט צו דער גאַנצער מאַסע אביונים, ווייסע שקלאַפען, וואָס האָבען געלעבט אין פינסטערקייט און אָרימקייט, האָט דאָס קריסטענטום געבראַכט אַ העלען שטראַהל פון האָפנונג, פרייד און אַ צוקונפט. דאָס פאָלק איז סענטימענטאַל, דאָס געפיהל פון ברידערליכקייט, וואָס איז דאָס אָנגענעהמסטע געפיהל פאַר די געדריקטע, פאַרלאָזטע, פאַרצווייפעלטע — האָט זיך אויפגעוועקט מיט'ן קריסטענטום. די קריסטליכע מאַרטירער האָבען געהאַט אין זיך מעהר גלויבען, ווי געזונדען פאַרשטאַנד, נאָר זייער העראָאיזם ווייזט די הויך פון דעם ענטוזיאַזם, וואָס די אידעע פון קאָמוניזם האָט אויפגעוועקט. אויב אויף דער ערד האָט דער קאָמוניסטישער אידעאַל נאָר אין אַ שוואַכער מאָס צופרידענגעשטעלט זייערע באַדערפעניסען, האָבען זיי זיך אָבער געטרייסט מיט דער האָפענונג אויף זיין פאָלשטענדיגער פאַרווירקליכונג אויף יענער וועלט. זיי האָבען

געהאַט צוויי אויטאָפּיעס: אַ הימעלשע און אַ ערדישע. די עלענדע האָבען געלעבט אַזוי ווי אין אַ חלום, וואָס איז געוואָרען זייער צווייטע היימאַט.״

אויף אַזאַ׳ן אופן האָבען אין קריסטענטום פון די ערשטע יאָהרהונדערטער בכלל געמוזט נאַטירליך אריבערשטייגען די קאָ־מוניסטישע און כיליאסטישע נאָטען. דאָס קריסטענטום, ווי אַ אידעאָלאָגיע פון די אָרימע קלאַסען, האָט זיך געפיהרט צו צוויי ציעלען: אַ ברידערליכע חלוקה פון פאַר־מעגען, קאָמוניזם פון די געברויכס מיטלען אין דער ערוואַרטונג אויף אַ פאָלשטענדיג גליק, נאָכדעם ווי די וועלט וועט אומגעענדערט ווערען לויט׳ן וואָרט פון דעם דערלייזער. דאָס איבעריגע: די רעטונג פון זינד, דער דואַליזם פון דעם גוף און גייסט, דער סוד פון די פאַרהעלטניסען צווישען דער וועלט און גאָט, האָט גאַנץ ווייניג אינטערעסירט די אָרימע לייט. די דאָזיגע שטריכען פון פּאָול׳ס לעהרע, פון אַפּאָלאָס׳עס און פון די אַנדערע פילאָסאָפען און פאַריסייער, וואָס זיינען באַקעהרט געוואָרען צום קריסטענטום, האָבען געמוזט געפינען אַן אַנדער קלאַס, אַ מעהר געבילדעטען, וואָס האָט זיי אויך ענטוויקעלט אין גנאָסטיציזם אין אַ לעהרע, וואָס איז פיינדליך צום קריסטענטום פון די אָרימע, צום קריסטענ־טום פון ערדישע האָפנונגען, צום האַלב־רעוואָלוציאָנערען קריס־טענטום.

די קריסטען־קאָמוניסטען האָבען ניט געזאָרגט וועגען די עקאָ־נאָמישע שטאַנדהאַפטיגקייטען פון זייערע קהלות, זיי האָבען ווי־עס־איז געלעבט אויף נדבות, וואָס האָבען געשווינד גענומען וואַק־סען. די דאָזיגע קהלות האָבען עפּעס געטראָגען אַ כאַראַקטער פון מאָנאַסטירען, האָבען געלעבט אויף אַ פרועמדען חשבון, אָבער אר־בייטען האָבען די מיטגלידער ניט געוואָלט, ארבייט האָט דאָרט גאָרניט געבליהט. קענטיג, אַז ווי גרויס עס זיינען ניט געווען די נדבות, אָבער מיט דער אויסברייטונג פון די קהלות ביז צו אַן אַר־

גאַניזאַציע פון גאַנצע פעלקער, איז דער קאָמוניזם געוואָרען אונ־מעגליך און די קהלות האָבען געמוזט צופאַלען, אויסטיילענדיג צו־זאַמען מיט׳ן יחיד, וואָס האָט יאָ געאַרבייט, אַ קליינע צאָהל אויס־דערוועהלטע, וואָס האָבען פּרעטענדירט אויף אַ באַזונדערער היי־ליגקייט און האָבען אָפּגעהיט אַ קאָמוניסטישע לעבענס אָרדנונג. מ׳האָט זיכער געמיינט, אַז אָט די הייליגע קאָמוניסטען וועלען לע־בען ווי בעטלער, אין אמת׳ן אָבער האָבען די דאָזיגע הייליגע אויס־דערוועהלטע (די מאָנאַכען) זיך געפּרעגעלט אין וואוילטאָג.

אַ צווייטע אורזאַך פאַר וואָס דער פּרימיטיווער קריסטליכער קאָמוניזם איז געווען אַזוי ניט־שטאַנדהאַפטיג, ווי קאַוטסקי באַ־צייכענט, איז דאָס, וואָס פיהרענדיג אַ חברותא־לעבען, האָבען זיי פונדעסטוועגען אין דער אייגענער צייט אָפּגעהיט זייערע פּערזענ־ליכע הויזגעזינדען, זייערע פּערזענליכע פּאַרדינסטען און ווירטשאַפ־טען. געוויס, די פאָלשטענדיגע פּראָלעטאַריער, פאַר וועלכע אַ פּערזענליכע ווירטשאַפט איז געווען ניט צוגענגליך און די שטילע פריידען פון אַ פאַמיליען לעבען זיינען פרעמד געווען אין זייערע וואָהנונגען, האָבען געקעמפט פאַר אַ ראַדיקאַלער דורכפיהרונג פון דעם קאָמוניסטישען אידעאַל, אָפּלייקענענדיג ניט נאָר אייגענטום, נאָר אויך פאַמיליען לעבען, הייראַט און אויך אַרבייט, אפילו אויף צו פאַרדינען אויף אַ שטיקעל ברויט. אין פאָול׳ס עוואַנגעליען און בריף קאָן מען באַמערקען אי אַ קאַמף אי אַ ספק וועגען דער דאָזי־גער פראַגע: אַ קאַמף פון דעם קריסטענטום, דעם ריין פּראָלעטאַ־רישען און קליינבורזשואַזען. ווען דאָס געזעלשאַפט האָט געמוזט לעבען, אַ געזעלשאַפט, וואָס איז נאָך אויף קיין אופן ניט אריבער־געגאַנגען די שטופע פון קאַפּיטאַליסטישער קאָנצענטראַציע פון באַטריב, האָט דאַן זיכער דער קליינבורזשואַזער אינדיווידואַליס־טישער פּרינציפּ, דער קריסטליכער אַרבייטסזאַמ־קייט און פאַמיליען לעבען געמוזט אין אַלגעמיין טריאומפירען, און דאָס פּראָלעטאַריש־קאָמוניסטישע קריסטענטום האָט געמוזט ווע־רען אַ זאַך פון ניט גרויסע גרופּען (פון מאָנאַכען און קאָמוניסטישע סעקטאַנטען).

נאָר די אַלע פראַגען האָבען גערעגט די ערשטע קריסטען פאַר־הָעלטניסמעסיג ווייניג, מחמת זיי האָבען זיך שטענדיג געפונען אונטער׳ן צוויבער פון ערוואַרטונג אויף אַ גרויסער קאַטאַסטראָפע, וואָס מוז קומען אויסער זייערע אָנשטרענגונגען פון אַן אַנדער וועלט.

הארטמאַן אין זיין בוך: „קריסטענטום דעם נייען טעסטאַ־מענטעס" שילדערט שעהן די דאָזיגע שטימונג: „דער קריסט פון יענער צייט איז פאַרגעקומען ווי אַ רייזענדער, וואָס האָט געקויפט אַ בילעט, אפגעגעבען זיין באַגאַזש און וואַרט נאָר אויפ׳ן סיגנאַל, כדי אריינצוגעהן אין עמיגראַנטען־צוג, וואָס דאַרף איהם אָפּפיה־רען אין אַ נייער היימאַט; דער ווּנש זיך צו נעמען פאַר אַ וועלכע עס איז נייע זאַך אין פאַרלויף פון דער דאָזיגער קורצער צייט קאָן האָבען נאָר איין אומאַנגענעמען אויסגאַנג: — ער וועט פאַרזאַמען דעם צוג, וואָס קאָן אָפּגעהן יעדע מינוט. ווער עס באַטראַכט די ערד נאָר ווי אַ פּלאַץ אויף אַ וואַקזאַל, וואו די פּאַסאַזשירען וואַר־טען אויפ׳ן צוג, ווער עס זוכט די היימאַט פון דעם מענשען אויס־שליסליך אויף יענער זייט וועלט, יענעמס לעהרע קאָן זיין נאָר צושטערענד פאַר יענע אָרדנונגען, וואָס רוהען אויפ׳ן געגענגעזעצ־טען פּרינציפּ, נעמליך: דער מענש מוז שטרעבען איינצואָרדענען זיך אויף דער ערד געמיטליך און אויף אַ פאַמיליען אופן".

די דאָזיגע שטימונג איז געוועזען די פאַר־הערשענדע אין ערשטען יאהרהונדערט. מיט איהר האָט אויך פאַר־געהערשט די ראַדיקאַל רעוואָלוציאָנערע באַציהונג צו די רייכע און די מיוחסים. די סינאָפּ־טישע עוואַנגעליען (די ערשטע דריי) זיינען ענטשטאַנען אין אָט דער צייט. אין זיי מערקען זיך אָנשיכטונגען: אין רייה מיט׳ן טעקסט פון דעם אור־ערשטען נאַציאָנאַליסטישען, ענג־אידישען כאַראַקטער זיינען דאָ טעקסטען און שפּרוכען פון יעזוס׳ן אין דעם אינטערנאַ־ציאָנאַלען גייסט פון פּאולי׳ן, אין רייה מיט רעאַליזם שלאָגט זיך דורך מיסטיציזם, אין רייה מיט האס — אַלפאַרגעצונג. נאָר אין אַלגע־מיין זיינען די דאָזיגע עוואַנגעליען אויסגעהאַלטען מעהר אָדער ווענינער אין גייסט פון דעם דעמאָקראַטישען, כיליאַסטישען און

קאָמוניסטישען קריסטענטום. באַזונדערס דער עוואַנגעליום פון לוקאס'ן. לוקאס באַשרייבט מיט באַגייסטערונג אין דער אַפּאָסטעלגעשיכטע דעם אידעאַלען לויט זיין מיינונג קאָמוניזם פון די ירושלים'ער אביונים:

„און אַלע, וואָס האָבען געגלויבט זיינען צוזאַמען געווען און האָבען אַלעס אין געמיינשאַפט געהאַט". „און קיינער האָט ניט געזאָגט, אַז עפּעס פון זיין פאַרמעגען איז זיין אייגענס, נאָר זיי האָבען אַלעס אין געמיינשאַפט געהאַט". און דערפאַר, „איז ניט געווען צווישען זיי קיין שום נויטבאַדירפטיגער, ווארום אַזעלכע, וואָס זיינען געווען באַזיצער פון לאַנד און הייזער האָבען זיי פאַרקויפט, און האָבען געבראַכט דעם פרייז פון די פאַרקויפטע זאַכען און האָבען עס אַנידערגעלייגט צו די פיס פון די אַפּאָסטאָלען. און דאָס איז צוטיילט געוואָרען צו איטליכען נאָך זיין באַדערפענים". (אַפּאָסטעלגעשיכטע, קאַפּיטעל 2, 44; קאַפּיטעל 4, 32—35).

אין איינקלאַנג מיט אָט דעם אידעאַל ווערט געשילדערט אין דעם דאָזיגען עוואַנגעליום אויך קריסטוס.

„געבענשט זייט איהר אָרימע, וואָרום דאָס קעניגרייך פון גאָט איז אייערס, געבענשט זייט איהר הונגעריגע, וואָרום איהר וועט זאַט זיין. געבענשט זייט איהר וואָס וויינען איצט, ווארום איהר וועט לאַכען. וועה צו אייך רייכע! וועה צו אייך, וואָס זיינען איצט איבערגעזעטיגט!" (לוקאס קאַפּ. 6, 20, 21, 24, 25). „זאַמעלט ניט קיין אוצרות אויף דער ערד", ווארום „איהר קאָנט ניט דיענען גאָט און ממון". ס'איז גרינגער פאַר אַ קעמעל דורכצוגעהן דורך אַ לעכעל פון אַ נאָדעל, איידער פאַר אַ רייכען אריינצוגעהן אין מלכות שמים". יעזוס פאָדערט פון די רייכע, אַז זיי זאָלען זיך אָפּזאָגען פון יעדען אייגענטום און ער ווענדט זיך צו זיינע נאָכפאָלגער: „פאַרקויף אַלעס, וואָס דו האָסט, און גיב אַוועק צו אָרימע לייט... און דאַן קום און פאָלג מיר נאָך". אָדער „איטליכער פון אייך, ווער עס וועט זיך ניט אָפּזאָגען פון אַלץ, וואָס ער האָט, קאָן ניט זיין מיין תלמיד". (לוקאס).

געווים, ריידענדיג וועגען דעם רעוואָלוציאָניזם פון די מילע-

נאַריסטען, דאַרף מען שטענדיג האָבען אין זינען, אַז די רעוואָלוציע, וואָס זיי האָבען געוואָלט, האָבען ניט זיי געדאַרפט מאַכען, נאָר די הימעלשע קרעפטען, זיי אַליין האָבען באַדאַרפט „איבערליידען ביז'ן סוף". פונדעסטוועגען, ניט קוקענדיג אויף אָט דער פּאַסיוויטעט פון די קריסטען, האָט קיינער ניט געצווייפעלט בנוגע צו זייערע געפיהלען: זיי האָבען געהאַסט די יסודות פון דעם אַלטערטימליכען לעבען, זיי האָבען געהאַסט די וועלטליכע קולטור, אויף וועלכער ס'האָט שוין פון אַלע זייטען גענומען אָנדרענגען די פינסטערע וועלט פון די באַרבאַרען, וועלכע איז אָבער געווען פריש מיט קרעפטען. יענע, וועלכע האָבען אָבער געוואָלט, אַז רוים זאָל זיין מאַכטיג, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען פאַר די רעשטלאַך פון דער רוימישער קולטור, אמת פון א קולטור, וואָס האָט שוין געהאַלטען אין פאַלען, האָבען ניט געקאָנט ניט האַסען די ראָזיגע קהלות פון גראָבען המון, וואָס האָבען זיך געפרעהט מיט רוים'ס יעדען גרויסען מיסערפאָלג. זיי האָבען עם באַטראַכט ווי א שטראָף פאַר די שטאָלצע און אין זייער פאַרשטעלונג האָבען זיי צומישט רוים'ס נידערפאַל מיט'ן יום הדין, זיי זיינען געווען גרייט צו זעהן אין די באַרבאַרען, אין איינקלאַנג מיט דער אידישער טראַדיציע, גאָט'ס רוט, די געצייג פון גערעכטען משפט.

גיזאָ זאָגט: „דער המון איז געווען געניינט צו רעכענען די קריסטען פאַר די פאַרבינדעטע פון די באַרבאַרען. דער המון נויטיגט זיך אין א „כפרה־הינדעל", ווי אין געטער און העלדען. אָנשטאַט דעם, וואָס דער המון פלעגט אַמאָל שרייען נאָך יעדער אומגליק'ס ידיעה — „ברויט און פאָרשטעלונגען" — האָט ער איצט געשריען — „וואַרפט די קריסטען פאַר די לייבען". אין אַלעם זיינען די קריסטען שולדיג געווען!

דער גרעסטער פון די קריסטליכע פובליציסטען פון דער ראָזינער עפּאָכע — טערטוליאַן — האָט איבערגעשטייגט רוססאָ מיט'ן ראַדיקאַליזם פון זיין רעוואָלוציאָנערער אפּלייקענונג פון אַלע קולטור־ווערטען. ער איז ענטשידען אַרויסגעטראָטען קעגען שטאַט, פאָטערלאַנד און האָט געפיהרט אן אַנטימיליטאַריסטישע פּראָפּאַ־

גאַנדע. אין אַלע צייטען האָבען די זיילען פון דער געזעלשאַפט, ווי באַוואוסט, באַזונדערס נערוועז זיך פאַרהאַלטען צו אַזאַ אגיטאַציע. טערטוליאַן איז געווען אַ שטאַרקער צושטערער און אַ רעבעל, הגם ער איז אַזוי ווי ניט אַרויסגעגאַנגען פון די רעמלאַך פון דערזעלביגער פאַסיוויטעט. נאָך דעם מילענאַריסט טערטוליאַן, וועלכער האָט קעגען דער אַלטער אָרדנונג פון הערשאַפט, וואָס שאָקעלט זיך שוין, אַוועקגעשטעלט אַ ספּיריטואַליסטישע, דעמאָקראַטישע און אַנטי־קולטורעלע אָרדנונג, איז אויפגעקומען דער ליאָנישער עפּיסקאָפּ אירינעי, אַ מילענאַריסט, אַ מיסטיקער, וואָס האָט זיך באַמיהט צום ערשטען מאָל צו ברענגען אין אַ סיסטעמע די פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע פון קריסטענטום, נאָכצופאָרשען גאָט׳ס וועגען אין דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט. די דאָזיגע אויפגאַבע האָט שפּעטער באַשעפטיגט און נאָך איצט באַשעפטיגט זי אַזוי פיעל מיסטיקער און מעטאַפיזיקער, און אין אַ באַנייטען און קריטישען גייסט איז זי אַוועקגעשטעלט געוואָרען אויך פון דעם וויסענשאַפט־ליכען סאָציאַליזם.

די גנאָסטיקער*).

דער איטאַליענישער היסטאָריקער פון גנאָסטיציזם — בואָנאַיוטי, הגם ער האָט קוים באַזונדערס זיך אַריינגעטראַכט אין דעם עקאָנאָמישען מאַטעריאַליזם און אין דער טעאָריע פון קלאַסען־קאַמף, ווייזט פונדעסטוועגען אַרויס גרויס שאַרפזין אין מאַנכע פון זיינע באַמערקונגען וועגען דעם סאָציאַלען תוך פון דעם גנאָס־טיציזם. ער זאָגט צווישען אַנדערעס:

*) אין די ערשטע צוויי הונדערט יאָהר פון קריסטענטום האָט מען געשטרעבט אויף אַ פילאָזאָפישען וועג צו באַגרינדען די לעהרע וועגען גאָט און וועגען דעם תוך פון זאַכען און צו ברענגען אין איינקלאַנג דאָס קריסטענטום מיט דער געצענדינערשער וויזהייט, אויסשליסענדיג די סאָציאַלע און פּאָליטישע עלעמענטען. די דאָזיגע סיסטעמע הייסט גנאָסטיציזם.

„מיר זיינען איבערצייגט, אז די ענטוויקלונג פון דעם אַל־טערטימליכען קריסטענטום (און זיכער ניט נאָר פון דעם אַלטער־טימליכען, וואָלטען מיר מוסיף געווען פון זיך — א. ל.) וועט שלעכט פארשטאַנען ווערען אַזוי לאַנג, כל זמן דער פונדאמענטאַלער קריטעריום פון דער פאָרשונג וועט ניט אנער־קענט ווערען, אז דאָס אַלטערטימליכע קריסטענטום האָט זיך לגמרי ניט ענטוויקעלט אזוי ווי לויט אַן איינציגען פּלאַן, נאָר עס איז געווען אַ סאָציאַלע קראַפט, וועלכע האָט זיך געענדערט און זיך צוגעפּאַסט צו פארשיידענע סביבות. דער עוואַנגעליום האָט זיך געענדערט, ברעכענדיג זיך אין פארשיידענע סביבות, וואָס ער האָט באַגעגענט. דאָס אָרטאָדאָקסאַלע קריסטענטום איז געווען אַ הארמאָנישע צונויפגיסונג פון די אַלע קריסטענטומס״.

וואָס אַנבאַטרעפט דער הארמאָנישקייט פון דעם אָרטאָדאָק־סאַלען (ס׳הייסט פון דעם קאַטאָלישען) קריסטענטום, בלייבען מיר דאָ ביי אַ באַזונדערער מיינונג; דאָס איבעריגע אין דער גע־בראַכטער ציטאַטע איז זעהר ריכטיג. און דעם פּראָפעסער׳ס שאַרפזין פארנעמט זיך נאָך ווייטער. אזוי אין אַן אנדער אָרט באַ־מערקט ער: „אַזוי ווי דאָס כיליאַסטישע קריסטענטום, אזוי אויך דער גנאָסטיציזם זיינען זעלטענע ערשיינונגען פון אַ קאָלעקטיווער פּסיכאָלאָגיע, — זייער קאָנטראַסט איז דער קאָנטראַסט פון פּאָ־ליטישע (ס׳הייסט פריהער פון אַלץ עקאָנאָמישע) אידעאַלען, אַ פארקליידעטע אין אַ רעליגיעזען קאָנטראַסט. אַ שטענדיג געזעץ פון דער געזעלשאַפט איז די אייגענאַרטיגע און אומבאַוואוסטזי־ניגע שעהמעוודיגקייט, וואָס מיט איהר דעקען צו געוועהנליך די קעמפּפענדע קלאַססען די צוזאַמענשטויסען פון זייערע רעאַלע אינ־טערעסען, זיי זאָגען קיינמאָל גראַד ניט ארויס זייערע אימפּולסען, און אין ס׳רוב פּעלען פארשטעהען זיי זיי אַליין ניט״.

דאָס קריסטענטום האָט זיך געבּרעקעלט, דורכגעהענדיג פאר־שיידענע סביבות. „צו דער צייט, בעת דער עוואַנגעליום האָט זיך באַוויזען, זאָגט ער, האָט אַן אומגעדולדיגער דאָרשט צו אַ מאָראַ־לישען און עקאָנאָמישען פּראָגרעס געעגט דאָס גאַנצע ברעג־לאַנד

פון דעם מיטעלענדישען ים. די עראָבערונג פון דעם מזרח האָט געענדערט די גאנצע פאָליטישע סיטואציע; דאָס געזעלשאפט האָט גענומען זיך אָרגאניזירען אויף נייע התחלות, מחמת אין רייה מיט דער ווירטשאפט, וואָס איז געווען באטריבען פון קנעכט איז געוואקסען די פרייע אָנגעדונגענע ארבייט פון האנדווערקער. די מעסיאנישע הבטחה האָט זיך געגאָסען פון פאלעסטינא, פון דער יורש'טע פון דער אלטער אידישער ערוואַרטונג אויף א נצחון; די מעסיאנישע הבטחה האָט געשווינד דורכגעריסען די גרעניצען פון דעם אידענטום און האָט מיט כוואַליעס גענומען שלאָגען ביי'ם שוועל פון דער רוימישער אימפעריע. זי איז געווען א בשורה פון פרידען און ברידערליכקייט, א געפיהל פון גלייכהייט אין הימעל־שען פאטער, א חלום וועגען דעם צוקונפטיגען געבענשטען קיניג־רייך, א בשורה וועגען פארגעבונג פון די זינד און וועגען דעם סוף פון די ליידען".

מיר האָבען שוין אָנגעוויזען, ווי דערביי האָט דאָס קריסטענ־טום זיך פאר'צוויי'ט. דער היימלאָזער פראָלעטאריאט איז גרייט געווען אָנצונעמען די לעהרע פון די עביאניטען (אביונים): דער קאָמוניזם איז געווען זיין באזיס. געוויס, און דאָ זיינען פאָול'ס פארדינסטען גרויס: מ'האָט געדארפט מאכען דעם גאליל'ער נביא פאר דעם ליידענדען גאָט פון דער מענשהייט, — און דאָס איז פאָרגעקומען דורך דעם, וואָס מ'האָט צונויפגעגאָסען יעזוס'עס פערזענליכקייט מיט דער זונען־גאָטהייט פון די קליינאזיאטישע רעליגיעס. נאָר פאָול איז ווייטער געגאנגען: די מאָראלע און סאָ־ציאלע לעהרע פון קריסטוס'ן (פון די עביאניטען), איז טיילווייז איינגאנצען ניט דערמאנט געוואָרען, טיילווייז אָפּגעווארפען גע־וואָרען און די אָנהענגער פון זיין ריכטונג האָבען ניט נאָר דערהויבען קריסטוס'ן צו דער שטופע פון גאָט'ס זוהן, וואָס איז פון איין וועזען, פון איין תוך מיט'ן איינציגען גאָט, נאָר זיי האָבען איבער־געטראָגען דעם הויפט־פונקט פון דעם סאָציאלען און מאָראלען גע־דאנק אויפ'ן מיסטישען געדאנק. אין דעם זיינען זיי געווען די אויסדריקער ניט נאָר פון די מערב טראדיציעס בכלל, נאָר אויך פון

די מעהר באַשטימט־האַנדוועדקער טראַדיציעס, ניט פון די פּראָ־לעטאַרישע. פּאָול׳ס סאָציאַלער אָפּאָרטוניזם, דאָס פּריידיגען פון ארבייטזאַמקייט, דאָס פאַרשווייגען פון דעם קאָמוניזם און דאָס פאַרהערליכען פון אמונה, וואָס איז צוגענגליך צו אַלע קלאַסען גלייך און איז העכער ניט נאָר פון אַלע ענינים פון געזעץ, נאָר אויך פון דעם טאַט פון אָפּזאָגען זיך פון פּערזענליכען פאַרמעגען, ווי די עביאָניטען האָבען פּראָקלאַמירט, — דאָס אַלעס רעדט גענוג פאַר דעם.

נאָר פּאָול איז דאָך געווען אַ דעמאָקראַט און אַ אידעאָלאָג פון דער דעמאָקראַטיע, דערפאַר האָבען נאָך אַלץ ביי איהם פאַר־נומען דעם צענטראַלען אָרט דאָס אויפשטעהן פון גוף און די אומ־שטאַלטונג פון דער ערד, ווי קאַטאַסטראָפען, און אויך די קריסט־ליכע כיליאַסטישע ערוואַרטונגען. ביז אַ סעריעזען ברוך צווישען די מילענאַריסטען פון מערב און דעם פּאָול׳יאַניזם האָט ניט גע־קאָנט דערגעהן.

דאָך איז שוין באַשאַפען געוואָרען אַ באַרג־אַראָפּ. דאָס קריס־טענטום האָט באַגעגענט נאָך אַ נייע סביבה: וואוילהאַבענדע מענשען, וואָס זיינען אויסגעמאַטערט געוואָרען אין זייער ארומ־געהן „שלינג און שלאַנג", צוגעדריקטע פּאָליטיש מיט׳ן דעספּאָ־טיזם פון דער אימפּעריע, וואָס לעבען שלעכט אין מאָראַלישען זין, אַ סביבה פון הארען, וואָס לעבען אָהן ענטציקונג, פון דעקאַדענטען מיט צובראָכענע נערווען, וואָס האָבען מורא געהאַט פאַר׳ן לעבען, פאַר׳ן גוף און וואָס האָבען געזוכט רעטונג אין ריינער גייסטיג־קייט. די דאָזיגע סביבה איז געווען דורכגעדרונגען אין אַ פאַר־שיידענער שטופע מיט׳ן נעאָ־פּלאַטאָניזם אָדער מיט אַנדערע פאָר־מען פון מיסטיק. אין דעם קריסטענטום, אין דעם מאַכטיגען שטראָם פון פּראָסטען פאָלק׳ס גלויבען, ליעבע און האָפענונג האָ־בען זיי געפונען אַ דערפרישענדיגען קוואַל פאַר זייערע אָפּגע־שוואַכטע קערפּער און דערביי האָבען זיי זיכער אָנגעשטעקט דעם ריינעם קוואַל מיט דעם אייטער פון זייער קרענקליכען דואַליזם.

„פון איין זייט, זאָגט בואָנאַיוטי, האָט מען אין דעם קריס־

טענטום געזעהן דעם ענד־רעזולטאַט און די פּאַראַלגעמיינערונג פון דער פאָרשטעלונג וועגן משיח'ן, ווי וועגן אַ מלך צדק, וואָס מוז באַלוינען די צדיקים (און דאָס מיינט די אַרימע — א. ל.) מיט גליקזעליגקייט, פון דער אַנדער זייט האָט מען גע־שטרעבט צו באַזייטיגען יעדען שפּור פון יודאַאיזם (ס'הייסט פון אַ דעמאָקראַטישער פאַרשפּרעכונג — א. ל.) און אויסטייטשען איהם, ווי אַ דאָקטרין, ווי אַ טעאָריע, וואָס שליסט פאָלשטענדיג אויס די סאָציאַלע און פּאָליטישע עלעמענטען".

דער מערקווירדיגער איטאַליענישער טעאָלאָג, וועלכען איך ציטיר, האָט באַמערקט אויך אַ צווייטע זייט פון אַט דעם ענין. דער גנאָסטיציזם איז ניט נאָר געווען אַן אומגעוועהנליך אינטע־רעסאַנטער ברוך־טייל פון דעם קריסטענטום אין דער אַריסטאָקראַ־טישער סביבה, נאָר אויך אַ רעאַקציע פון דער אַנטיקען געזעל־שאַפט קעגען דעם אָנדראַנג פון דעמאָקראַטיע. אין אמת'ן האָט דאָס קריסטענטום, באַזונדערס אין זיין פּרימיטיווער, ריין פּראָלע־טאַרישער פאָרמע, געמוזט אָדער פיהרען צו אַ רעוואָלוציע, אָדער פאַרזינקען אַ באַדייטענדע סומע פון דער געזעלשאַפט'ס ארבייט'ס קראַפט אין אַ פאָלשטענדיגער אומטעטיגקייט, אין אַפּאַטיע בנוגע צום רעאַלען לעבען, אין אַ פּאַסיוו־באַגייסטערטער ערוואַרטונג פון אַן אומענגליכען „צווייטען קומען" (פון משיח'ן). די אַנטיקען געזעלשאַפט האָט זיך פאַרטיידיגט מיט געריכטליך־פּאָליציייאישער געוואַלטטעטיגקייט. און דערנאָך האָט זי אומבאַוואוסטזיניג גענו־מען פאַרדאַרבען די לעהרע פון די געגנער: די איבערלויפער פון די הערשענדע קלאַסען האָבען וואויל־מיינענדיג דערהויבט און קריטיש פאַרטיפט דאָס קריסטענטום, אַוועקרויבענדיג פון איהם קודם כל אפילו יענעם שאָטען פון רעוואָלוציאָניזם און אָרגאַ־ניזירענדער קראַפט, וואָס איז איהם נאָך געווען געאייגענט. דאָס איז די סאָציאַלע ראָלע פון דעם גנאָסטיציזם. דער דואַליזם פון קערפּער און גייסט, די פאַראַכטונג צו דער וועלט און צום חומר, צום גוף, די טעאָריע וועגען דער אומגלייכהייט פון מענשען, די פּאַראַדאָקסאַלע טעאָריע וועגען רעטונג ניט נאָר דורך אַסקעטיזם,

נאָר אויך דורך צולאָזענקייט (ווי א מיטעל אָפּצושוואַכען דעם גוף, דאָס פליישליכע), דער רעליגיעזער אינדיווידואַליזם, וואָס דערגעהט ביז דער פאַרלייקענונג פון דעם געבאָט פון ליעבע, די קאָמפּליצירטע, קאַפּריז־פאַנטאַסטישע קאָסמאָלאָגיע, וואָס איז צו־זאַמענגעגאָסען מיט טעאָלאָגיע און וואָס איז אַבסאָלוט אומפאַר־שטענדליך פאַר'ן פּראָסטען שכל — דאָס אַלעס זאָגט עדות וועגען דעם אַריסטאָקראַטישען און רעליגיעז־רעאַקציאָנערען כאַראַקטער פון דעם גנאָסטיציזם. נאָר מיר מוזען פונדעסטוועגען גענוג אויס־פיהרליך זיך אָפּשטעלען אויף איהם. וואָרום אין ערגיץ, קאָן זיין, וועלען מיר ניט באַגעגענען אַזאַ ערשטוינענדיגע, פונקען שפּריי־צענדיגע רייכקייט פון רעליגיעזע באַגריפען, אין ערגיץ וועלען מיר ניט באַגעגענען אַזוי פיעל ברייט פאַנאַנדער־געעפענטע פענסטער, דורך וועלכע עס זעהט זיך דער סאַמע דעק פון דעם מענשענ'ס האַרצען, וואָס האָפט אויף רעטונג, די סאַמע וואָרצלען פון זיין אמונה, וואָס זיינען שטאַרק צונויפגעפלאָכטען מיט די וואָרצלען פון זיין קלאַסען זעלבסטבאַוואוסטזיין...

די לעהרע וועגען לאָגאָס *).

דער באַגריף „גנאָזיס" איז געווען ברייט פאַרשפּרייט צווישען די געבילדעטע מענשען פון דער אַנטיקען וועלט. דאָס איז געווען מעהר ווי מעטאַפיזיק, דאָס איז געווען אַ מאַגישע ערקענטניס, אַ איבער־נאַטירליכע איינדרינגונג אין דער פראַגע וועגען דער גע־גענזייטיגער באַציהונג פון גאָט און וועלט, וועלכע לייזט טעאָרע־טיש די פראַגע וועגען שלעכטס אין דער וועלט, און דערמיט צו־זאַמען דערלייזט זי. ווער עס האָט ערקאָנט, דער איז אויך גערע־טעט. דער, וואָס האָט ערקאָנט דאָס שלעכטע אין זיין וואָרצעל,

*) לאָגאָס — 1) דאָס וואָרט; 2) די פאַרנונפט, גאָט'ס געדאַנק, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט אויף צו באַשאַפען די וועלט און צו פיהרען זי; 3) די גאָטהייט.

דאָס גוטע אין זיין אַלערליכטיגער היילינקייט און ריינקייט, איז שוין דערלייזט. דאָס איז געווען פון איין זייט אַ דאָקטרין, אַ טעאָריע פון מענשען מיט „געשליפענע" קעפּ, פאַר וועלכע אַלע לעבענס־פראַגען האָבען זיך געשטעלט, ווי אינטעלעקטועלע פּראָבלעמען; פון דער צווייטער זייט, אַ דאָקטרין פון מענשען וואָס זיינען פרעמד צו דער ווירקליכקייט, וואָס האָסען זי, מחמת זי האָט זיי שוין מיט קיין זאַך מעהר ניט געפאַנגען. איהרע פריידען האָבען שוין לאַנג זיי דערעסען, זיי זיינען געווען ניט צוגענגליך, פאַרניכטענדיג שעדליך פאַר אָט די דעגענעראַנטען; די אימפּעריע, אַ פאַרשאָלטענע מיט אַלגעמיינער שקלאַפעריי, אַ געגרינדעטע אויף רויבעריי, האָט קיין פעלד פאַר פרייער טעטיגקייט ניט געקאָנט זיין. די קעפּ האָבען געאַרבייט ערשטוינליך, גאונים זיינען אויסגעוואַקסען און אריבערגעוואַקסען איינעם דעם צווייטען, און זיי אַלע האָבען זיך געראַנגעלט מיט גייסטער, האָבען געבויט פון לופט, האָבען פאַנטאַזירט אומזיניג, ווי איינעם איז איינגעפאַלען, חריפות'דיג און דרייסט אין אַן אַבסאָלוטער, קאַלטער פוסטקייט, אָפּוואַרפענדיג אַהין גרויסע שאָטענס פון אומעט און בענקשאַפט, וואָס האָבען זיך געדרענגט אין האַרצען.

די וועלט האָבען זיי מבטל געווען און דערפאַר האָבען גע־דאַרשט נאָך גאָט, ס'הייסט נאָך אַן אַנדער וועלט, וועלכע איז אַב־סאָלוט אַנדערש פון דער געגענוואַרטיגער. דער באַגריף וועגען גאָט האָט אין איין צייט זיך פאַראייניפאַכט און אויסגעלייטערט מיט דער ווירקונג פון דעם שטאַרקען און פוסטען געדאַנק פון דעם היי־דענטום. זייער וועלטאַס האָט זיי געצווינגען אויסצולייטערען גאָט פון אַלץ, וואָס איז רעאַל, און האָט זיי געבראַכט, אַזוי ווי די בראַב־מאַנער, צו אַ גאָט ניט־עקזיסטענץ, צו אַ גאָט, וועגען וועל־כען מען טאָר גאָרנישט דענקען, מחמת יעדער געדאַנק וועגען איהם איז פאַר איהם אַ ניט־ווירדיגע באַגרעניצונג און פאַרמענשליכונג, פאַרוועלטליכונג. דער דאָזיגער קאַלטער גאָט האָט גיך אריבער־געוואַקסען דעם „דעמיורג", דעם איינצעלנעם בויער פון דער וועלט, זיין לעבענשאַפענדיגע נשמה, דעם באַגריף „נוס", ס'הייסט דעם

העכסטען שכל. נאָר אָט דער סאַמע דערהויבענער און סאַמע גאָרנישטדיגער פון די געטער האָט ניט איין פּראָבלעמע געקאָנט לייזען. ס׳איז אויסגעקומען איבערצולאָזען אין רייה מיט איהם דעם גאָט „נוס־דעמיורג״, די נשמה פון דער וועלט. „דער גאָט־שכל״ איז נידעריגער פון „דעם העכסטען שכל״, דאָס איז זיין פּנים, וואָס איז געווענדט אונטען צו דער וועלט. „דער גאָט־שכל״ איז אויך איינציג מיט גאָט, מחמת דורך איהם בינדט זיך גאָט מיט דער סאַמער ריינער גייסטיגער התחלה אין מענשען — מיט דער אידעע, און איז אָפּגעטיילט פון גאָט, מחמת „דער שכל״ אפילו אין זיין גרעסטער מעגליכקייט, אין זיין גרעסטער פּאָטענץ איז נאָך אַלץ עפּעס־וואָס צו רעאַלעס, צו מענשליכעס. נאָר אויב „דער שכל״ פאַרבינדט אונזער גייסט מיט גאָט, וואָס אָהן אזא פאַרבינדענים וואָלט גאָט דורכאויס אונז געווען פרעמד און אומנויטיג, צי האָט ער דען געקאָנט, דער עהנליכער צו אונזער גייסט און העכער, ווי ער, זיין דער באַשעפער פון אַן עקעלהאַפטיגער וועלט? זיכער ניט. נאָר די וועלט האָט דאָך גאָט באַשאַפען? געוויס, אָבער דאָס איז נאָך אַנ׳אַנדער גאָט, אַ דריטער, אַ נידעריגער. און אין אמת׳ן, ער איז משמעות ניט אַלמאַכטיג, ווארום ווען ער וואָלט יאָ געווען אַלמאַכטיג, וואָלט ער באַשאַפען די וועלט פאָלקאָם. נאָר וויבאַלד ער איז ניט פאַרטיג געוואָרען מיט זיין אויפגאַבע, ווייזט אויס, אַז דאָס נעמען זיך פאַר אזא אויפגאַבע איז געווען אַ טעות. נאָר „דער גרויסער שכל״ האָט זיך ניט געקאָנט טעות זיין. הייסט עס, אַז „דעמיורג״ האָט באַשאַפען די וועלט קעגען דעם ווילען פון „דעם שכל״. „דעמיורג״ איז אָדער שלעכט, האָט ער אוועקגערויבט די נשמה און זי פאַרשלאָסען אין דער וועלט, און דאַן איז ער עהנליך געוואָרען אויפ׳ן שטן, אויף אַרימאַן׳ען, אָדער ער איז ניט זעהר קלוג און איז אַריינגעפאַלען אין אַ פאַרלעגענהייט, זיך פאַרבינדענדיג מיט׳ן שטאָפליכען עלעמענט, וואָס איז פרעמד דער גאָטהייט. אַלענפאַלס דאַרשט די נשמה אומצוקעהרען זיך אין אַ וועלט פון ריינער געטליכקייט, — צום פּלעראָם. „דער שכל״, געוויס, מוז איהר העלפען אין איהר דאַרשט נאָך דערלייזונג.

נאָר מיט וואָסער קראַפט ווירקט „דער גאָט־שכל?" ער ווירקט מאגיש. מאגיזם, ס'הייסט דאָס דערגרייכען פון רעזולטאט נאָר מיט'ן ווערטערליכען אויסדרוק פון וואונש, איז דער העכסטער גרעניץ פון מאכטיגקייט. דער גאָט אָרמוזד ביי זאראטוסטרא'ן באזיגט דעם ארימאן, ס'הייסט דעם שטן, מיט אַ תפלה, מיט ווער־טער. אלזאָ „דער שכל" האָט געשאפען מיט'ן וואָרט, וואָס איז זיין עמאנאציע, ס'הייסט זיין אויסשטראהלונג, וואָס איז איהם געאייגענט און צוזאמען אַ קראַפט, וואָס אונטערשיידעט זיך פון איהם; אָהן דעם וואָרט וואָלט „דער שכל" געבליבען פארשלאָסען אין זיך. ווען „דער שכל" וויל רעטען די נשמה פון דער וועלט, קאָן ער דאָס טאָן נאָר מיט דער קראַפט פון וואָרט, פון לאָגאָס, שיקענדיג דעם דאָזיגען לאָגאָס אין דער וועלט. אויף וויפיעל אין רייה מיט'ן רצון פון דעמיורג'ן און פון די נאטור־קרעפטען, וואָס באגרעניצען איהם, עס ווירקט אין דער וועלט די השגחה, איז דאָס דער לאָגאָס — וואָרט — שכל. „דער נוס" און „דער לאָגאָס" גיסען זיך שטופענוויז צונויף. אמאָל ביי די וויינינגער פארצוויי־פעלטע דואליסטען און וועלט־פארלייקענער גיסען זיי זיך אויך צונויף מיט דעמיורג'ן. דאַן ווערט דאָס שלעכטע פון דער וועלט צוגעשריבען אָדער צו דעם שטאָף, אָדער צו דעם אנטי־גאָט, אָדער צו די פעהלערען פון דער נשמה פון דער וועלט און פון דעם מענ־שען. דאָ זיינען דאָ קאָמבינאציעס אָהן אַ צאָל. דעם העכסטען גאָט, און אויך „דעם גאָט שכל" איז ניט גרינג צו ליעבען, דעם ערשטען צוליעב זיין אומדערגרייכבארקייט, דעם צווייטען צוליעב זיין אבסטראקטקייט. „דער לאָגאָס" אָבער איז אקטיוו: דאָס איז דאָס פנים פון גאָט, וואָס איז געווענדט צום מענשען. „דער לאגאס" איז אונז פארוואנדט, איהם קאָן מען ליעבען און האָפען אויף זיין הילף, אומבאשטראָפט נאָהענט מאכען איהם מיט'ן מענ־שען; ווארום ער מוז דאָך נאָהענט צוגעהן צו אונז, כדי אונז צו רעטען, צו דערלייזען.

דאָס קריסטענטום האָט ניט נאָר אין דער ריין־גריכישער אידעען־וועלט, נאָר אויך אין דער קליין־אזיאטישער און אפילו

אין דער אידישער וועלט עפּעס־וואָס אָנגעשעפּט פון דער דואַליס־טישער טעאָריע וועגען דערלייזונג. גאַנץ בולט'ע שפּורען פון אָט דער טעאָריע באַגעגענען מיר ביי די עסעיער, וואָס זייער ווירקונג אויף די עביאָניטען איז צווייפעללאָז. די עסעיער, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, זיינען געווען אַ סעקטע אַ קאָמוניסטישע און אַנ'אַסקעטישע. דער אַסקעטיזם איז געווען געאייגענט אויך די מילענאַריסטען; ס'הייסט דער קריסטליכער דעמאָקראַטיע. ביי פּיעלע האָט ער אָנגענומען די פאָרמע פון דעם דואַליזם, וועלכער איז ענטנומען געוואָרען קאָן זיין דירעקט פון אינדיען אָדער עגיפּטען, אָדער פון די אָפּקלאַנגען פון דער פּיטהאַגאָרעאישער פילאָזאָפיע. אַליין פאַר זיך ווידערשפּרעכט אַ האָר ניט ניט דער אַסקעטיזם און ניט דער דואַליזם דעם קריסטענטום פון די אביונים. פּאָול איז פון אָנהויב אָן אַ בולט'ער דואַליסט. דער ווידערשפּרוך האָט זיך אָנגעהויבען דאָרט, וואו דער מעטאַפיזישער רעליגיעזער פּרינציפּ האָט דירעקט אָפּגעלייקענט דעם רעליגיעזען היסטאָריזם.

ווי איז אין דעם דאָזיגען פּרט די זאַך באַשטאַנען ביי די עסעיער און די טעראַפּעווטען (די אַלעקסאַנדרינישע פאַרצווייגונג פון די עסעיער), ווייסען מיר ניט פּינקטליך. דאָס, וואָס מיר ווייסען וועגען זיי איצט האָט שוין געוואוסט אויך שטראוס, וועלכער האָט רעזומירט דעם פילאָזאָפישען גייסט פון די עסעיער אויף פאָל־גענדען אופן:

„די בעסערע רעליגיעזע און מאָראַלישע עלעמענטען פון דעם אַלטען גאָט'ס אויסדערוועהלטען פאָלק האָבען משמעות דעמאָלט זיך צוזאַמענגענומען און געבילדעט די סעקטע פון די עסעיער; אויב וועגען איהר ווערט ווייניג דערמאָנט אין די אַלטסטע דענק־מאַלען פון דעם קריסטענטום, איז דאָס, וואַרשיינליך, דערפאַר וואָס זי איז געווען צו נאָהענט צום קריסטענטום. דער פאַטער פון דער קירכליכער היסטאָריאָגראַפיע האָט זיך טועה געווען, אָננעמענדיג די עגיפּטישע גרופּע עסעיער, די אַזוי גערופענע טעראַפּעווטען, פאַר קריסטען, נאָר די גייסטיגע פאַרוואַנדשאַפט פון דער דאָזיגער סעקטע מיט דער לעהרע און געוואוינהייטען פון דעם אַלטען קריס־

טענטום איז געווען צו גרויס, אַז זי זאָל זיך שוין לאַנג ניט וואַר־פען אין די אויגען. ביי די און יענע האָט עקזיסטירט קהל'שע אייגענטום, דער וואַהל־פּרינציפּ ביים באַשטימען אָנגעשטעלטע; זיי פלעגען ניט שווערען, פלעגען אַכטען אָרימקייט און הייראַטסלאַ־זיגקייט, הייליגע טבילות און סעודות, מיט דעם נאָר אונטערשייד, וואָס ביי די עסעיער האָט דאָס אַלעס געטראָגען אַ שאַרפערען אַסקעטישען כאַראַקטער: אויף דער אַלגעמיינער סעודה, למשל האָ־בען זיי אַנשטאָט ווייַן געטרונקען וואַסער, און בכלל האָבען זיי זיך צוריקגעהאַלטען פון געברויכען פלייש און ווייַן און האָבען געגעסען נאָר וואַקסענדיגע שפּייזען".

„אין די עסעיער און טעראַפּעווטען האָבען מיר אַ גרופּע אידען, וועלכע, ניט געפינענדיג קיין באַפרידיגונג אין דעם אידישען גאָטעס־דינסט, האָבען זיי אויפגעהערט אַנטייל צו נעמען אין דער עבודה אין בית המקדש, אין קרבנות ברענגען און האָבען בכלל אויסגע־מיידעט זיך צו חבר'ן מיט מענשען. זיי האָבען גע־גרינדעט אַן אָרדען אויף צו באַפרייען די נשמה פון דעם קערפּער'ס קייטען, און די מיטלען אויף צו דערגרייכען דעם דאָזיגען ציעל האָבען זיי גערעכענט די צוריקהאַלטונג פון זינליכע תענוגים, אַרבייט און תפלה בצבור און אַ שטרענגע אונטערטעניגקייט צו דער דיסציפּלין פון דעם אָרדען".

די עסעיער האָבען ניט אָפּגעשטויסען משה'ס געזעצען, נאָר זיי האָבען זיי אויסגעטייטשט אַלעגאָריש.

נאָר אויב דער דואַליזם, וואָס איז אַזוי לאַנג פאַרשטויסען געווען, האָט אויך געקאָנט זייַן געאייגענט אפילו דעם אור־ערשטען עביאָניטישען קריסטענטום, איז אויך דערין דער גרונד, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט פון יענער צייט האָט באַשטימט און אויס־דריקליך געוואַרט אויף גליקזעליגקייט, אַלס באַלוינונג, וואָס מוז איהם געגעבען ווערען אין דעם באַשטימטען שרעקליכען מאָמענט פון משפּט. מען איז ניט געווען זיכער, צי דאָס וועט זייַן אַ קער־פּערליכע אָדער גייסטיגע גליקזעליגקייט. אַלענפאַלס האָבען זיי

זיך פאָרגעשטעלט, אַז דער גוף, דער חומר, וועט זיין דורכגעליי־
טערט, און די נשמות זעהר נאָהענט צו קערפּערליכקייט. די
איינפאַכע בירגער האָבען אויך ניט אָפּגעוואָרפען די היסטאָרישע
האָפנונגען אויף אַ ישועה, נאָר ביי זיי האָט די ערוואַרטונג ניט
אָנגענומען אַזאַ שאַרפע פאָרמע, זיי האָבען געזעהן אין די האָפנונ־
גען אויף דער ישועה א טרייסטעדיגע און מאָראַלישע קראַפט,
וואָס איז פעהיג צו ווערען אַ שטיצע פאַר דער בירגערליכער
אָרענטליכקייט. די אַריסטאָקראַטען אָבער, וואָס זיינען געווען
דורכגעדרונגען מיט'ן גנאָסטיציזם, וואָס ווייטער, אַלץ שאַרפער
האָבען זיי אָפּגעלייקענט דעם שרעקליכען יום הדין, די ווידער־
אויפלעבונג פון גוף און יעדע ערדישע שאַטירונג אין דער צוקינפ־
טיגער גליקזעליגקייט. זיי האָבען אויך אָפּגעלייקענט די גלייכ־
הייט פון די טוגענדהאַפטע פאַר קריסטוס'ען און די טוגענד גופא.
אָרימקייט, אומוויסענהייט, מילדקייט, לייברייכע באַציהונגען צום
ברודער, זעלבסט־פאַרלייקענונג און אַ פלאַמענדיגע אמונה זיינען
פאַר די מילענאַריסטען געווען טוגענד, פאַר וועלכער עס וועט
נערעטעט ווערען דער וואָס וועט דורכליידען ביז'ן סוף. ריינע
זיטען, אַרבייטזאַמקייט, פריינדליכקייט, אָרענטליכקייט און אַ
רוהיגע קלאָרע אמונה אין גאָט דעם פאטער און דערלייזער זיינען
פאַר די איינפאַכע בירגער געווען אויך אַזאַ טוגענד. פאַר די
גנאָסטינער איז דאָס און יענעם געווען אַ נאַרעריי, אַן איינבילדונג
נאָר: דאָס וויסען פון די געטליכע סודות, ס'הייסט די פאַרפלאָנ־
טערטע און קאָפּ־ברעכענדיגע פאַנטאַזירונג אויף דער גנאַסטישער
גרונט־טעמע און די אַסקעטישע איבונגען מיט זייער גאַנצען
שטאַרקען עקסטאַז — אָט דאָס איז דער וועג זיך צו פאַראייניגען
מיט גאָט, וואָס איז מעגליך אין יעדער צייט וואָס נויטיגט זיך ניט
אין קיין שום צווייטען קומען.

די טוגענדען פון דעם קאָמוניסט און די טוגענדען פון דעם
קליינבורזשואַ צום שרעק און סקאַנדאַל פון די דעמאָקראַטען האָ־
בען זיך אין־דער־שטיל אומגעביטען מיט פאַלשער חכמה און מיס־
טישע צערעמאָניעס.

נאר א גרויסע מאכט איז געווען פארבארגען אונטער אט די אפשטויסענדיגע פארמען פאר דער קריסטליכער דעמאקראטיע, א גרויסע קראפט האט זיי אונטערגעהאלטען, און געמליך די ענטוישונג אין דעם צו לאנגען ווארטען אויפ'ן יום הדין, די נויט־ווענדיגקייט זיך איינצואורדענען אויף דער ערד, און צו געפינען אין דעם אלטעגליכען לעבען א דערלייזעדיגען אקט. דער פרא־לעטארישער מילענאריזם האט גענומען אויסגעלאשען ווערען, פון צייט צו צייט האט ער אויפ'ס ניי אויפגעפלאמט, ווי א לאמפ, וואס האלט ביים אויסגעהן, און איז ווידער פארזונקען אין טונ־קעלהייט. צוויי קרינסטענטומס זיינען געבליבען איינס קעגען צווייטען: דאס קריסטענטום פון דעם מיסטישען עקסטאז און דאס קריסטענטום פון דער בירגערליכער טוגענד. זיי האבען גע־פיהרט צווישען זיך א קאמף. אין קאמף האט אמאל זיך אריינ־געמישט דער אויפגעלעבטער מילענאריזם אלס אפיקורסת, און דאן האבעןביידע שונאים מיט ערביטערונג פארפאלגט דעם דריטען. געניאל מאנעווורירענדיג צווישען דריי קלאסען־ריכטונגען פון דעם קריסטענטום, האט געלעבט און זיך ענטוויקעלט א נייער קלאס — די גייסטליכע — א קלאס וואס האט זיך אנערקאנט, טאקי פאר א באזונדערען קלאס מיט א באזונדערע פריווילעגיע.

די גרויסע קריסטליכע גנאסטיקער. שמעון דער מאגיקער.

א מאדנע פיגור שטעהט אויף פאר אונז. די קריסטליכע טראדיציעס זאגען אונז, אז צו די אפאסטעלען איז געקומען שוין נאך קריסטוס'עס טויט א מכשף און א וואונדערווייזער פון סא־מאריא (שמרון), א ערשטויגטער פון די איבערראשענדע וואונ־דער, וואס די ערשטע ענטוזיאסטען פון דער נייער אמונה האבען געוויזען. ער האט געבעטען פיליפוס'ן ער זאל איהם טויפען, און נאכדעם האט ער געבראכט פעטער'ן און יוחנן געלד, זאגענדיג: „גיט מיר אויך די ראזיגע מאכט, אז אויף וועמען איך וועל די הענד ארויפלייגען זאל ער דערהאלטען דעם רוח הקודש". נאר פעטער

האָט צו איהם געזאָגט: „לאָז דיין געלד מיט דיר פארלוירען ווערען, ווייל דו האָסט געדענקט, אז די גאָב פון גאָט קאָן פאַר געלד געקויפט ווערען. דו האָסט ניט קיין טייל און קיין גורל אין דיזער זאך, ווארים דיין הארץ איז ניט אויפריכטיג צו גאָט. דארום טהו תשובה פאר דיזער שלעכטיגקייט, און בעט גאָט, טאָמער וועט דיר דער געדאנקען פון דיין הארץ פארגעבען ווערען. ווארום איך זעה, אז דו ביזט אין באנד פון אומרעכט. און שמעון האָט געזאָגט, בעט איהר צום האר פאר מיר, אז עס זאָל אויף מיר ניט קומען קיינע פון די זאכען, וואָס איהר האָט געזאָגט". נאָר אין שמרון האָט מען וועגען איהם געזאָגט דערפאר: „ער איז א גרויסע געטליכע קראפט".

שמעון'ס נאָמען איז געוואקסען. שפּעטער האָט מען איהם צוגעשריבען א וויכטיג גנאָסטיש (זיכער ניט קריסטליך) ווערק: „אפאפהאזים מעגאלע", וואָס מיינט — די גרויסע לעהרע. שמעון האָט מיט זיך פערזאָניפיצירט דעם מאגיזם. יעזוס האָט געשאַפען וואונדער. מארקוס'עס עוואנגעליום גיט זיי צו א גרויסע באדייטונג. שמעון אָבער האָט געוואָלט בויען זיין גאנצען רוהם, זיין גאנצע באדייטונג אויף היפּנאָטיזם, פאָקוס און מיסטיפיקאַציע. דערביי האָט מען ביי איהם, אזוי ווי ביי אנדערע צו איהם עהנליכע (פיטהאָגאָרא'ס, עמפעדאָקל, אפּאָלאָניוס) ניט געקאָנט אונטערשיידען די נארעריי פון דער זעלבסט-נארעריי. איהם איז געווען ניט אינטערעסאנט די נייע מאראל און דער נייער סאָציאַלער סדר, וואָס די עביאָניטען האָבען פּראָקלאמירט, נאָר די נערוועזע אויפגערודערטקייט דורך עקסטאַז, ערשיינונגען פון מאָסען-היסטעריקע, די אטמאָספערע פון וואונדער — האָבען איהם געצויגען.

דאָס, וואָס וועהט אין עוואנגעליום, דאָמינירט ביי שמעון'ען. און ווי עס שיינט האָט ער אין זיין משוגע'נער שארלאטאנעריי דערגרייכט א גרויסען ערפאָלג. יוסטין זאָגט עדות וועגען זיין טראַדיציע: זיינע מיסטישע פּריסטער לעבען צולאָזען, זיי באשעפטיגען זיך מיט כישוף, ווי איינער קאָן. זיי פּריידיגען,

זינגען הימנען, זיי האבען שמעון'ס נעטצענבילד עהנליך צו זעוועס'ן, און העלענא'ס בילד, עהנליך צו מינערווא, און צו די דאזיגע בילדער דינען זיי.

אט דערין איז דאס אינטערעסאנטסטע און וואהנזיניגסטע. שמעון האט געוואוסט דעם געצענדינערישען גנאסטיציזם, קאן זיין פון הערען, אין א גראבער פארמע. ער האט געוואוסט, אז די וועלט איז די געפאנגענשאפט פון דער נשמה, וועלכע שטרעבט צו גאט, אז גאט מוז זי אויסלייזען. כמעט א פאלק'ס מענש — איז ער נאהענט געשטאנען צו די מיטהוס'ן, צו די לעגענדען, פון וועלכע עס איז אויסגעוואקסען דער ראפינירטער מיסטיציזם פון די פילאסאפען מיסטיקער. ביי איהם איז אלעס ארויסגעקומען איינפאך, אבער שעהן, אנציהענד. גאט אין זיין פארנונפט האט געבארען דעם געדאנק, די אידעע. אזוי ווי זעוועס האט געבוירען אטהענא, די געטין פון חכמה. די דאזיגע אידעע (ענגאיא) איז געווארען די מוטער פון אנדערע אידעען, פון מעהר אפטע אפשפיג־לונגען פון גאט'ס שכל, פון אלץ מעהר בלאסע. דאס זיינען די ערץ־מלאכים און די מלאכים. אט די בלאסע קאפיעס פון גאט האבען איהם ניט געקאנט ארומנעמען אין זיין גאנצען, זיי האבען איהם פארגעסען, האבען איהם ניט פארשטאנען, נאר זיי האבען געוואלט הערשען, זיין זעלבסטשטענדיגע געטער, און דערפאר האבען זיי באשאפען א מאטעריעלע וועלט. נאר זייער מוטער „די ענגאיא", די אידעע האבען זיי ניט געוואלט אפלאזען צו גאט דעם העכסטען. זיי האבען זיך פארליעבט אין דער דאזיגער שטראַ־לענדער שעהנקייט, אין דער דאזיגער וואונדערליכער הארמאניע פון דעם אלגעדאנק. זיי האבען זי פארהאלטען אין דער וועלט, און זי ליידט אין איהר. ווארום די וועלט איז פיעלפאכיג און פארגענגליך, די שעהנקייט, די הארמאניע בענקט אין איהר נאך פולקייט, פארעגדיגטקייט און אייביגקייט, וועלכע איז ניט צוגענג־ליך צו דער הערשאפט פון די מלאכים, פון די דאזיגע שטיקלעך פון דער אידעע, פון די דאזיגע דעגענעראנטען פון גאט, פון אט די ספעציעלע, ענגע גייסטער. מיט א זיפץ הויבט זיך אויף דאס

גייסטיגע, דאָס שעהנע, צו דער איינהייט, וואָס איהר ריכטונג איז פון דער שטאַפּליכער וועלט, פון די רואינען, פון טויט און פינסטערקייט — צו גאָט. און נאָט האָט געוואָלט רעטען זיין טאָכטער און פריינדין, די מוטער פון דעם ווירקליך עקזיסירענ־דען, פון דער איינהייט און שעהנקייט, וועלכע איז אריינגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט ביי דער פּילפּאַכיגקייט און אומפאָלקאָמענהייט, וואָס איז פון איהר נאַטירליך באַשאַפען געוואָרען. אָט דאָס איז אומגעפעהר שמעון'ס גנאָסטישע קאָנצעפּציע. ס'קאָן זיין, אַז זי איז נאָך איינפאַכער געווען. נאָר ער האָט פעסט פארשטאַנען, אַז די אַבסטראַקטע ענגאָיא איז יענע שעהנע יונגפרוי, וועלכע די דונקעלע ריזען האָבען אַוועקגערויבט ביים ליכטיגען גאָט, די פערזאָניפיצירונג פון דער ערד, וועלכע איז באַהאַלטען פון דער זון אונטער וואָלקענס, צו וועלכער זי דרינגט צולעצט דורך זיי מיט אַ זיגענדיגען שטראַהל, וועלכע באַגעגענט איהם, פלאַמט אויף מיט אַ וואונדערליכען שמייכעל; די פערזאָניפיצירונג פון דער נאַטור, וואָס איז באַדעקט מיט דער פינסטערקייט פון דער נאַכט, די פערזאָניפיצירונג פון לעבען, וואָס איז פארכאַפּט געוואָרען פון די טיפעניסען פון דער ערד, נאָר וועלכע ווערט באַפרייט דורך דער זון אין געשטאַלט פון בלומען, גראָזען און וויינטרויבען.

ענגאָיא איז די שעהנע העלענא, וועלכע די שונאים האָבען אַוועקגערויבט. ביי שמעון'ען איז אַזוי אויסגעקומען: די ענגאָיאַ געפינט פון צייט צו צייט איהר פולע פאַרקערפּערונג אין אַ פרוי און לעבט איבער איהר מעטאַפיזישען שיקזאַל: געפאַנ־גענשאַפט, טרויער, באַפרייאונג. ביי דעם ראָזיגען זונדערבאַרען און גרויסען פּאָעט שנעון פון שמרון פארפלעכטען זיך לעבעדיג מיטהוס און מעטאַפיזיק. ער האָט באַגעגענט אין טירוס (צור) אַ שעהנהייט. עפּעס־וואָס האָט איהם אַ צופּ געטאָן ביים האַרצען. ס'האָט אויפגעפלאַמט אַ פלוצלינגע ליעבע, נאָר אַזוי, אַז עס דאַכט זיך לאַנג, לאַנג, גאַנצע יאָהרטויזענדע צוריק איז מען שוין ערגעץ־וואו צו איהר געפּרופט געוואָרען און זי איז ווידער פארלאָרען געוואָרען. די דאָזיגע פרוי איז געווען אַ פּראָסטיטוטקע. איבער־

נעוואלד האט מען זי געהאלטען אין אן עפענטליכען הויז. ער האט זי אויסגעקויפט, אומעטום געוויזען זי, ער האט זי געוויזען אין שמרון און אין דער גאנצער וועלט, לאזענדיג וויסען, אז ער, שמעון, דער זעלביגער סאמאריער, אן ארימער, באיאהרענדער וואנדערער — איז א גאט, יא ער אליין איז אן אלגעוועלטיגענדער אומבא־גרייפליכער גאט. זעהט איהר, ער האט זיך פארגעשטעלט פאר א מענשען, כדי אראפצוקומען אויף דער ערד און צו באפרייען די נשמה, כדי צו רעטען די טאכטער און פריינדין זייגע די ענגאיא, העלענא'ן, וועלכע איז געפאנגען געווארען פון די מלאכים וועלט־הערשער. און ער האט זי באגעגענט אין אן עפענטליכען הויז אין טירוס, ער האט זי דערקענט אונטער דער אנגעפארבטקייט פון איהר פנים, אונטער איהרע העלפארבינע קליידער, אין איהר פארשוועכטען גוף האט ער דערקאנט איהר נשמה און ער האט זיך מיט איהר פאראייניגט. גלויבט אין איהם און אין איהר! ס'קומען אן די לעצטע צייטען: גאט האט אראפגענידערט נאך זיין פריינדין, וועלכע בענקט מיט דער נשמה. אט געהען זיי: דער באיאהרענטער סאמאריער, וואס שפרייזט שטאלץ, מיט וואהנזין אין די אויגען, וואס קלאפט הערשעריש מיט'ן שטעקען איבער די שטיינער פון וועג, און זי, וואס פארשטעהט גארנישט, די באטויבטע זונה, וועלכער מ'האט געזאגט, אז זי איז א געטין, דאס העכסע וועזען פון דער וועלט נאך גאט, וועלכע מ'האט ארומ־גערינגעלט מיט ליעבע, מיט עהרפורכט. איז דען געהערט געוואו־רען אן עהנליכע מעשה? פונדעסטוועגען האט מען עס געגלויבט און פריסטער, און וועלטליכע מענשען האבען א סך יאהרען מיט צערעמאניעס געעהרט דעם משוגע'נעם טרוימער און די ארימע פראסטיטוטקע אין דער געשטאלט פון יופיטער'ן און מיגערווא! שמעון האט גענומען די גנאסטישע פילאסאפיע פון די ראפינירטע חכמים, וועלכע האבען זי ארויסגעדעסטעלירט פון דעם פאלק'ס מיטהוס און ער האט זי אויפ'ס ניי איבערגעשמאלצען מיט א משוגענער האנד אין א מיטהוס, אין א זאגע פון דעם פראסטען פאלק און האט א נעשריי געטאן: מענש — דו ביזט א גאט!

פרוי, אָרימע געפאַנגענע, פאַרשוועכטע, — דו ביזט אַ נעמין! דו ביזט דאָס אייביג ווייבליכע, דו ביזט שעהנקייט!

וואָס פאַר אַ ווילדער אינסטינקט איז דאָס געווען, וואָס האָט פאַרדאַרבליך געשלאָגען אין שמעון דעם מאַגיקער? — דער אינסטינקט פון לעבען.

די גנאסטיקער פון דער שפּעטערדיגער צייט, וואָס זיינען אַריינגעפאַלען אין אַלץ מעהר אַבערגלויבען, האָבען מיט ערשטוינונג זיך אָפּגעשטעלט אויף דער פיגור פון דעם חוצפּה׳דיגען פּאָקוסניק פון שמרון, וועלכער האָט געמאַכט אַזאַ מאָנסטעריעז־הויכמוטיגען אויספיהר פון זייער ווייזהייט און, גרייט איהם צו גלויבען, האָבען זיי איהם צוגעשריבען איינס פון די צענטראַלע ווערק פון דעם גנאסטיציזם (אַפּאָפהאַזיס מעגאַלע).

שמעון פאַרטראָגט זיך ניט אין פולען זינען צו די קריסטליכע גנאסטיקער. ער לערנט, אַז יעזוס איז ער דאָס כלומרשט געווען; דאָס האָט אַלץ ער, שמעון, געליטען אויף דעם קרייץ, נאָר געליטען האָט ער שיינבאַר, ניט ווירקליך. ער האָט באַהויפּט, אַז די אידען אַכטען איהם, ווי אַ זוהן, די גריכען, ווי אַ גייסט, פאַר די שמרונים אָבער האָט ער זיך באַוויזען, ווי אַ פאָטער!

אין אונזער צייט זיצען אַזעלכע שמעון׳ס אין די משוגעים־הייזער. אָבער דומהייט איז נויטיג פאַר דער קולטור, ווארום אין דומהייט ווערט די אָדער יענע אידעע צוגעפיהרט ביז אַן עקסטרעם.

סאַטורנין (2טער יאהרהונדערט נאָך קריסטוס׳ן). סאַטורנין, דער סירישער גנאסטיקער, האָט אַרויסגעזאָגט מערקווירדיגע געדאַנקען. איינעם פון זיי איז נויטיג צו דערמאָנען. די מלאכים, וואָס זיינען באַשאַפען געוואָרען פון גאָט, נאָר וועלכע זיינען פון איהם אָפּגעפאַלען, האָבען באַשאַפען די וועלט. זיי האָבען זיך זעהר שטאַרק געבונטעוועט, זיי האָבען געהאַסט גאָט, מחמת זיי האָבען געוואָלט זיין די שפּיצען פון „דעם זיין״. אָבער זיי זיינען געווען גאָט׳ס זיהן. זיין געשטאַלט האָט געלעבט אין זיי. און זיי האָבען באַשאַפען דעם מענשען, אומגערן. זיי האָבען ניט

נעקאנט אין זייערע פארביטערטע הערצער איינהאלטען זייער באַ־גייסטערונג. אמת, דער מענש איז ארויסגעקומען א פארמלאזער, א האלב פארגייסטיגטער, מיט א פארפעסטעטען אטהעם פון די אומ־פאלקאמענע גייסטער. ער איז געקראכען אזוי ווי א ווארעם איבער דער טרוקענער ערד. נאר די מלאכים האבען זיך געוואונדערט אויף איהם און מורא געהאט פאר איהם. זיי האבען געפיהלט אין איהם עפעס־וואס העכערעס און האבען בכיוון צוגעבויגען זיין קאפ אונטען צו. דאך האט דער העכסטער גאט ליעב געהאט דעם מענשען, זיין צו זיך עהנליכען אייניקעל. צוויי מאל האט ער איהם ארויסגעוויזען זיין חסד: ער האט איהם געשאנקען פייער, וואס נעמט אן ביי סאטורנין'ען גיכער א מאראלישען כאראקטער, א כאראקטער פון שיין, פארנונפט, זכרון און געדאנקען; א צוויי־טען מאל האט ער געשיקט זיין זוהן, כדי ענדגילטיג צו דערלייזען דעם מענשען. מענשען האט זיך נאר אויסגעוויזען, אז קריסטוס איז געוועזן קערפערליך, ער איז אבער געווען א גייסט. ער האט ניט געליטען. דאס אלץ איז גארנישט, דאס אלץ האט זיך די מענשען אויסגעדאכט, די הויפטזאך איז דאס, וואס ער האט פאר די מענשען ענטדעקט, אז די וועלט — איז שלעכט, אז די געטער זיינען געפאלענע מלאכים, און אז עס עקזיסטירט א אומבאוואוס־טער פאר זיי איבער־גאט, צו וועלכען מען קאן קומען דורך אסקע־טיזם און וועלט־פארלייקענונג.

באליזיד. דער דאזיגער אלעסאנדרינישער גנאסטיק איז איין צייט געווארען דער לעהרער פון גאנץ עגיפטען; זיין לעהרע האט זיך שטארק פארשפרייט אויך אין אזיען, אפילו ביז סאמע פערזיען. לויט באזיליד'ן שאפט געוועהנליך דער אייביגער פאטער א לאנגע קייט העכערע קרעפטען און גייסטער. די לעצטע פון זיי זיינען מלאכים, וואס פארוואלטען מיט'ן נידעריגען הימעל, ס'הייסט מיט די זיבעטבארע שטערן. דער קעניג פון אט די מלאכים (פון די הי־מעלשע שטערן) איז יעהאווא. יעהאווא האט זיך אויסדערוועהלט דאס אידיש פאלק און האט געהאט בדעה צו מאכען דאס אידיש פאלק פאר דעם האר פון אלע אנדערע פעלקער, דעמאלט האבען

די אַנדערע געטער זיך געשטעלט קעגען איהם. דער געטער קאַמף וואָלט געקאָנט אומברענגען די וועלט. דער אייבערשטער פּאָטער האָט דאַן באַשלאָסען צו שיקען זיין זוהן „נוס" (די העכסטע פארנונפט) און באַפרייען די וועלט פון די דאָזיגע געטער. „נוס" האָט אָנגענומען די אויסערליכע געשטאַלט פון אַ מענשען, ער האָט ענטדעקט דעם אמת פאַר די מענשען, ווידערלייגענדיג יעהאָווא און זיין געזעץ און לערנענדיג דעם ריינעם געזעץ פון גייסט: וועלטפאַרלייקענונג און אסקעטיזם. ער איז ניט געקרייצט געוואָרען. אנשטאַט איהם איז געקרייציגט געוואָרען שמעון קירענעיאַנין. ווער עס גלויבט אין קריסטוס דעם געקרייציגטען — יענער איז אַ קנעכט.

אויף אַזאַ'ן אופן טרעט אויך דאָ ארוים דער דאָקעטיזם (ס'הייסט די לעהרע וועגען דעם, אז קריסטוס'עס קערפּערליכקייט און זיינע ליידען זיינען נאָר געוועזען שיינבאַר) און דער אַנטי־יעהאָוויזם אויפ'ן ערשטען פּלאַן. איבעריגענס, באַזיליד'ס לעהרע ווערט איבערגעגעבען פון פאַרשיידענע קוועלען פאַרשידען. נאָר קיינער לייקענט ניט, אז ער איז געוועזען אַ דאָקעטיסט און אַ אַנטי־יעהאָוויסט.

עפּיפאַניוס. די דאָזיגע ערשטוינליכע פּערזענליכקייט האָט געלעבט, ריכטיגער, האָט אַ גלאַנץ געטאָן אין סוף פון דעם צווייטען יאָהר־הונדערט. ער איז געוועזען דער זוהן פון דעם גנאָסטיק קאַרפּאָקראַט, דער הויפּט פון זעהר אַ פאַרשפּרייטער סעקטע. קלימענט דער אַלעקסאַנדרינישער האָט וועגען איהם געזאָגט: „ער האָט געלעבט נאָר 17 יאָהר, אין סאַמאָס ווערט ער געאַכטעט, ווי אַ גאָט. יעדען אָנהויב חדש פאַרזאַמלען זיך די קעפּאַליער, זיי מאַכען אַ סעודה, זינגען הימנען אין אָנדענק פון דעם טאָג פון זיין טויט. ער האָט דערלערענט דעם פּלאַטאָניזם ביי זיין פאָטער, ער האָט געהאַט גרויסע פילאָסאָפישע קענטניסען. ער איז געוועזען אַן אָנהענגער פון דער לעהרע וועגען דער מאָנאַדע".

אין וואָס איז באַשטאַנען די לעהרע פון די קאַרפּאָקראַטיאַנער, וואָס זייער צירונג איז געוועזען דאָס דאָזיגע קינד דער געשטאָרבענער האַלב־גאָט? און אויך נאָך זייער לעהרע איז די וועלט באַשאַפען געוואָרען פון מלאכים. נאָר יעזוס איז ניט געוועזען גאָט'ס

זוהן, וואס איז אראפגעגאנגען פון די הימלען. דאס איז א מענש,
וואס האט זיך דערמאנט דאס, וואס איטליכער פון אונז האט גע־
וואוסט לאנג פאר זיין געבארען ווערען, נאר וואס מיר האבען
פארגעסען — וואס האט זיך דערמאנט דעם אמת וועגען דעם
גייסט, וואס איז געווען באהאלטען הינטער דעם הימעלס־געוועלב,
וואס די מלאכים האבען אויפגעשטעלט. יעזוס האט אויסגע־
לערנט צו קעמפען מיט די שטארקע פון דער וועלט, מיט די דע־
מאנס. דער דאזיגער קאמף באשטעהט אין דער ענטוויקלונג פון
אלע פעהיגקייטען פון גייסט. מען דארף לעבען וואס פאלשטענדי־
גער. גוטע מעשים — איז נארישקייט. ס'איז ניטא ניט קיין
גוטס און ניט קיין שלעכטס, אויסער דער ערציהונג פון דעם גייסט.
דער גייסט מוז דורכגעהן אלע שטופען פון פארפיינערונג, זיך בא־
נוצענדיג פאר דעם דאזיגען צוועק מיט'ן גוף, מיט'ן חומר. דעם
גוף, דעם חומר דארף מען צושטערען, נאר ניט מיט אסקעטיזם,
נאר פארקעהרט, זיך איבערגעבענדיג צו תאות, צו איבערפליסיג־
קייטען, צו אלע וואויל־לוסטיגע זינד און תענוגים. אין דער דומ־
הייט פון צולאזענקייט, אין דער בארוישונג פון תענוגים דארף מען
זוכען רעטונג און טויט, נצחון איבער'ן גוף. דערביי האט דער
דאזיגער וואונדערליכער אינגעל געפריידיגט קאמוניזם און פריי־
הייט אין העכסטען גראד, ער האט אפילו געפריידיגט פרייע ליעבע.
די גנאסטיקער בכלל זיינען אבער געווען געגען קאמוניזם, אין
פאול'ס גייסט. פאול'ן שרייבט מען צו די גרינדונג פון דעם
קריסטליכען אינדיווידואליזם. טיילווייז איז דאס אמת, אבער
ביי פאול'ן זיינען נאך שטארק געווען די דעמאקראטישע פרינצי־
פען: ליעבע, צוקונפטיגע גליקזעליגקייט פאר אלעמען און תחית
המתים מיט'ן גוף. אבער די גנאסטיקער האבען ניט נאר אפגע־
לייקענט קאמוניזם, נאר זיי זיינען געווען אינגאנצען גלייכגילטיג
צו ליעבע. די אידעע פון יום הדין איז זיי פרעמד געווען, תחית
המתים מיט'ן גוף איז אין זייערע אויגען געווען א טעות. איטלי־
כער דארף אינדיווידועל זוכען זיין פערזענליכע רעטונג און אזא
רעטונג געפינט יעדע נשמה אין עקסטאז, אין הארמאניע מיט זיך

אָדער אונמיטעלבאר נאָך'ן פערזענליכען טויט. אָט די וועלט־אנשויאונג האָט אויפגעלייזט דעם קאָמוניזם פון דעם קריסטענטום און האָט זיך באמיהט צו מאכען פון קריסטענטום א זייל פון דעם אינדיווידואליזם. דער קריסטליכער פראָלעטאריאט איז אבער אלץ געווען קאָמוניסטיש, ער איז ניט פארבלענדעט געוואָרען פון דעם רוימישען דעקאדאנס, ווי שעהן עס זיינען ניט געווען זיינע פאָעטישע און מעטאפיזישע תקירות.

די קריסטליכע אָרטאָדאָקסיע.

דער מילענאריזם איז געווען ניט אין גוסט פון די העכערע קלאסען. און אויך בכלל איז ער געווען געפעהרליך. ער האָט גע־קאָנט פיהרען צו בונטען, צו פאסיווּיטעט, וואָס קומט פון א הויכער באגייסטערונג, צום דאָרשט נאָך מארטירערטום — זאכען, וואס זיינען ניט באקוועם. דערצו נאָך איז די צייט געגאנגען, און די ערווארטונגען פון די מילענאריסטען זיינען ניט פארווירקליכט גע־וואָרען. פאַר די פיהרער פון דער קירך איז געווען זיכטבאר, אז מען דארף מעסיגען די שארפקייט פון די פראָלעטארישע האָפנונ־גען. דער אָפּאָרטוניזם און דער אינדיווידואליזם פון די גנאסטי־קער, פארפלאָנטערט מיט שעהנע און אונטערקויפענדיגע פאנטא־זיעס, האָט אויסגעצייכענט געקאָנט העלפען אין אָט דעם פרט. מ'האָט אָבער געוויס ניט געקאָנט זיך איבערגעבען אין געפאנגענ־שאפט צו אלע זינלאָזיגקייטען פון גנאָזיזם, מ'האָט ניט געקאָנט זיך שיידען מיט יעזוס'ן דעם מאָראליסט און דעמאָקראט, מיט יעזוס'ען דעם מארטירער: דאָס וואָלט באטייט אפשטויסען פון קירך איהר הויפט קראפט — די מאסען. האָט מען באדארפט געפינען א סינטעז.

נאָר א סינטעז קאָן זיין פון צוויי ארטען: א סינטעז א שאפענדיגער, וואָס גיסט אָרגאניש צוזאמען דאָס פארשידענארטיגע אין עפּעס־וואָס גאנצעס און העכערעס, און א סינטעז א עקלעקטי־שער, א אָפּאָרטוניסטישער, וואָס טעמפּט אָפּ די שארפע ווינקלען

פון די נעגענזייטיגע טעזיסען, וואס בויגט זיי ארונטער און מאכט זיי פארבלאז אויף א קאמפראמיס, אפט א אומזיניגען.

צוויי גרויסע גייסטער האבען געארבייט אויף א שאפענדיגען סינטעז פון א דעמאקראטישען און אריסטאקראטישען קריסטענ־טום: קלימענט דער אלעקסאנדרינישער און אריגען. נאר די קירך האט סוף כל סוף אפגעשטויסען זייערע גייסטיגע בנינים און איז ארויפגעטראטען אויפ'ן צווייטען וועג, אויפ'ן וועג פון דעם אפאר־טוניסטישען עקלעקטיזם. דאס האבען געפאדערט די אינטערעסען פון די גייסטליכע, וואס האבען אנגעהויבען דיענען ביידע צדדים — אונזערע און אייערע.

אט די ביידע דענקער האבען צווישען אנדערעס געלערנט, אז די הייליגע שריפטען דארף מען אויסטייטשען אלעגאריש. אריגען האט אין דער ווירקליכקייט אפגעלייקענט אלע געדאנקען פון דעם אלטען און דעם נייעם טעסטאמענטען. די קירך האט אבער גע־וואלט, ערשטענס, זיך באשטימען, איינשטעלען איהרע דאגמען, און צווייטענס, באשאפען א וועלכע עס איז גלייכגעוויכט צווישען אלע קלאסען, וואס זי האט געוואלט ארומנעמען; נאר דערפאר האט זי געמוזט אויסקלייבען דעם וועג פון עקלעקטיזם, נעהמען צו ביסלאך פון אלע טעאריעס און לעהרען, כדי זיך צוצופאסען צו אלעמען. זי האט זיך באמיהט זיך צו האלטען פאר'ן בוכשטאב, אבער אין דער אייגענער צייט אויסצולעשען אויף ווי ווייט מעגליך דעם געפעהרליכען גייסט, דעם עביאניטישען און דעם פראלעטא־רישען. קלימענט און אריגען האבען געדענקט, ווי אינטעליגענטען, וואס זיינען איבערגעגעבען צום דענקען גופא, צום אמת גופא. די ווייטערדיגע קירכען פאטערס האבען גערענקט, ווי אידעאלאגען פון א באזונדערען קלאס — פון די קירכלייט.

דאס קלאסען זעלבסט-באוואוסטזיין פון די גייסטליכע.

הארנאק באשרייבט אויף אזא'ן אופן דעם צושטאנד פון די קהלות, צום סוף פון 2טען יאהרהונדערט, בעת דער איינפלוס פון

די קירכלייט, ווי פון א באַזונדערען קלאַס, איז שוין געוואָרען זעהר באַדייטענד.

מיר זעהען איין גרויסע קירכליך־פּאָליטישע געזעלשאפט און אין רייה מיט איהר פּיעלצאָליגע „סעקטען", וועלכע רופען זיך קריסטליכע, נאָר ביי וועלכע מען וויל אַזאַ נאמען ניט אַנערקענען, און מיט וועלכע עס ווערט געפיהרט א פארביטערטער קאמף. די דאָזיגע גרויסע קירכליך־פּאָליטישע געזעלשאפט שטעלט מיט זיך פּאָר א פארבאנד פון באזונדערע קהלות, וואָס כאַפּען אַרום די גאַנצע אימפּעריע. יעדע קהלה איז זעלבסטשטענדיג, נאָר אין אמת'ן זיינען זיי אַלע איינגעאָרדענט איינארטיג און זיינען צונויפּ־געבונדען איינע מיט דער צווייטער אויך מיט דיזעלביגע דינים, מיט דערזעלביגער רעליגיאָנס לעהרע און מיט פעסטע כללים פאָר־געגענזייטיגער הילף. די דאָזיגע רעליגיאָנס לעהרע ווייזט אויס אויפ'ן ערשטען בליק ניט זעהר ברייטאומפאַסענד, נאָר אין דער ווירקליכקייט איז איהר יעדער פּרינציפּ פול מיט טיפער באַדייטונג: אין סך הכל כאַפּען זיי אַרום אַלע מעטאַפיזישע, קאסמאָלאגישע און היסטאָרישע פראגען, זיי גיבען אויף זיי א באַשטימטען ענטפער און אויספיהר וועגען דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט, אָנהויבענדיג פון דעם וועלט־באשאף ביז דער צוקינפטיגער פאָרמע פון דער וועלט־עקזיסטענץ. אין דער דאָזיגער רעליגיאָנס לעהרע האָבען פאַר זיך קיין אָרט ניט געפונען יעזוס'עס אָנצייגונגען וועגען דעם, ווי צו פיהרען דאָס לעבען אלס „כללים פון דיסציפּלין" האָבען זיי שטרענג זיך אָפּגעגרעניצט פון „כלים פון אמונה". יע־דער קירך שטעלט מיט זיך אויך פּאָר א געוויסע קולט אינסטיטוציע, וואו די גאָטעספאַרעהרונג ווערט אָפּגעריכט פייערליך ריטועל. אין אָט דער אינסטיטוציע, ווערען אָפּגעגרענעצט די גייסטליכע און די וועלטליכע: די הויפּט צערעמאָניעס פון דער עבודה, בכלל רעדענדיג, ווערען דורכגעפיהרט פון די פּריסטער; זייער פאַר־מיטלונג איז אומבאַדינגט נויטיג. נאָך מעהר, צו גאָט קען מען זיך דערנעהנטערען ניט אַנדערש, ווי דורך פארמיטלונג — דורך דער פארמיטלונג פון דער רעכטליכער לעהרע, פון די רעכטליכע

אינסטיטוציעס און די הייליגע שריפטען. ס'האט אויסגעוויזען, אז די לעבעדיגע אמונה איז פארוואנדעלט געווארען אין א לעהרע וועגען אמונה, די ליידענשאפטליכע האפנונג אויף צו דערגרייכען מלכות שמים איז פארוואנדעלט געווארען אין א לעהרע וועגען אומ־שטערבליכקייט, פארגעטליכונג און נביאות, די טרעגער פון גייסט — אין קירכלייט, וואס היטען די נשמות פון די וועלטליכע מענ־שען, וואס ווייזען מופתים, אין פריסטער־פאקוסניקעס, „דער גייסט" איז פארוואנדעלט געווארען אין רעגבט און צוואנג.

די קהלה האט פארלארען איהר טיף דעמאקראטישע אָרדענונג, האט פרארלארען איהר אקטיוויטעט, איהר זעלבסטשטענדיגקייט. זי האט פון זיך אויסגעטיילט אן אדמיניסטראטיווען און פאר־טיידיגונגס ארגאן, וואס האט זי באהערשט און פארדארבען איהר גאנצען גייסט.

די גייסטליכע האבען געהאט צוויי פונקציעס: זיי האבען געדארפט פארוואלטען מיט דעם פארמעגען פון דער קהלה, און זיין אפעקונען איבער די נשמות, באשיצען די אמונה, וואס איז פון אלע זייטען געווען באדראהט פון שונאים.

דאס קריסטענטום איז ניט נאר ניט געווען אימשטאנד אפצו־שאפען קלאסען פארשיידענהייטען, וואס האבען עקזיסטירט ביי זיין ענטשטעהונג — זאגט קאוטסקי, — נאר, ווערענדיג שטארקער און רייכער, האט עס באשאפען א נייעם קלאסען ווידערשפרוך: אינעווייניג אין דער קירך האט זיך געבילדעט א הערשענדער קלאס, גייסטליכע, וואס צו איהם, צום גייסטליכען קלאס, איז געווען אונ־טערוואַרפען די פאלקס־מאסע, די וועלט.

אין אנהויב האט אין די קריסטליכע קהלות געהערשט א פאלשטענדיגע זעלבסטפארוואלטונג. די אנפארטרויטע, וואס זיי־נען געשטאנען בראש, די עפיסקאפען און פרעסוויטארען, פלעגען די מיטגליעדער פון דער קהלה אויסערוועהלען פון זייער אייגענעם קרייז און זיי פלעגען אפגעבען חשבון דער קהלה. זיי האבען זיך ניט באנוצט מיט קיינע פריווילעגיען מחמת זייער אמט. נאר בעת איינציגע קהלות זיינען געווארען ברייטער און רייכער, איז

די ארבייט, וואס איז אויסגעפאלען אויף די פארוואלטער, געווארען אזוי באדייטענד, אז עס זיינען נויטיג געווארען ספּעציעלע מענ־שען, מ'האָט שוין ניט געקאָנט ערפילען אָט די ארבייט צוזאמען מיט אן אנדער ארבייט. די אַמטען אין די קריסטליכע קהלות זיינען געווארען ספעציאליטעטען, וואס האָבען געפאדערט די קרעפ־טען פון דעם גאנצען מענשען. דאס פארמעגען פון דער קירך האָט שוין ניט געקאָנט געברויכט ווערען נאָר אויף אויסצוהאלטען די ארימע; עס זיינען צוגעקומען הוצאות, מ'האָט באדארפט באצאָה־לען די אנגעשטעלטע, מ'האָט געדארפט בויען בנינים אויף געזעל־שאפטליכע פארזאמלונגען און אז. וו.

ווער האָט געבילדעט די מערהייט פון דער קהלה? דער בארוויסער פראלעטאריאט, און ער איז קיינמאָל ניט געווען אימ־שטאנד איינצוהאלטען די מאכט, וואס די דעמאָקראטישע מלוכה אָרדענונג האָט איהם פאָרגעלעגט. אין קירך האָט ער פארקויפט און אפגעטראטען זיין קראפט פאר דעם עפּיסקאָפּ פונקט אזוי, ווי ער האָט זי אפגעטראטען אין דער רעפּובליק פאר דעם צעזאר.

דער עפּיסקאָפּ האָט פארוואלטעט מיט'ן פארמעגען פון זיין קירך, ס'הייסט פון זיין רעליגיעזער געמיינדע, און האָט באשטימט, אויף וואס די הכנסות פון דער קירך דארפען אויסגעגעבען ווערען. דאָס האָט איהם געגעבען אַ גרויסע מאכט איבער דעם בארוויסען פראָלעטאריאַט, אַ מאכט וואס איז געוואקסען אומאויפהערליך לויט'ן מאסשטאב פון דעם, ווי די רייכקייט פון דער קירך איז פארגרעסערט געווארען. די עפּיסקאָפּען זיינען געווארען אלץ ווייַ־ניגער אפהענגיג פון זייערע וועהלער, אבער די וועהלער זיינען גע־ווארען אלץ מעהר און מעהר אפהענגיג פון די עפּיעסקאָפּען.

צווישען פאָלק און די גייסטליכע, זאָגט קאוטסקי, איז פאָר־געקומען אַ קאמף, נאָר שוין אין דריטען יאָהרהונדערט איז כמעט אומעטום געבליבען ביים פאָלק נאָר דאָס רעכט צו באשטעטיגען די קירכליכע דיענער; די לעצטע האָבען געבילדעט אַ פארשלאָ־סענע קאָרפּאָראציע, וואָס איז אויסגעפולט געווארען פון דעם איי־

גענעם קרייז און האט פארוואלט מיט'ן קירכליכען פארמעגען, ווי איהר איז וואוילגעפאלען.

דערוויילע איז די באדייטונג פון דער קירך, ווי פון א פאָ־ליטישער קראפט, געוואקסען, און צוזאמען דערמיט איז געוואק־סען די קירכליכע רייכקייט; די אימפעראטארס און פריוואט מענשען האבען זיך באמיהט צו קויפען די גענייגטקייט פון דער נייער קראפט מיט רייכע מתנות. די קירך איז אלץ רייכער גע־ווארען און צוזאמען מיט דעם איז דער גייסטליכער קלאס געוואָ־רען פאלשטענדיג אומאפהענגיג פון די וועלטליכע מענשען. ס'איז קיין וואונדער ניט, אז ווען זי איז גאנץ רייך געווארען האט זי אויפ־געהערט צו פארוואלטען מיט איהר פארמעגען לטובה פון די ארי־מע. דער גייסטליכער קלאס האט דאס פארמעגען באנוצט פאר זיך, ער איז געווארען גיריג, פארשווענדעריש. פון א קאמונים־טישער אינסטיטוציע איז די קירך פארוואנדעלט געווארען אין א גראנדיעזען מעכאניזם פאר עקספלואטאציע, וואס די וועלט האט ווען עס איז געזעהן. שוין אין 5טען יאהרהונדערט זעהען מיר, אז די קירכליכע הכנסות טיילען זיך אויף פיער טיילען. איין טייל האט געהערט צום עפיסקאפ, דער צווייטער טייל צו דער גייסט־ליכקייט, דער דריטער טייל איז געגאנגען אויף די באדערפעניסען פון קולט (בינינם הוצאות אויף די קירכען און אז. וו.) און נאר איין פערטעל האט געהערט צו די ארימע, וואס אלע צוזאמען האָ־בען באקומען אזוי פיעל, וויפיעל ס'איז אויסגעקומען אויפ'ן חלק פון איין עפיסקאפ.

די קירך — זאגט וויטער קאוטסקי — האט איינגעהיט איהר רייכקייט אין דער שטורעמדיגער עפאכע פון דער פעלקער וואנדע־רונג און האט די עשירות איבערגעטראגען פון דער אלטער אין דער נייער געזעלשאפט. וויפיעל זי זאל ניט האבען געהאט פארלארען פון איהר, האט זי אלעמאל געקאנט אזוי פיעל קריגען פון ס'ניי אדער נאך מעהר. אין אלע קריסטליך־גערמאנישע מלוכות איז זי געווארען די גרעסטע ערדבאזיצערין; געוועהנליך האט איהר גע־הערט איין דריטעל פון גאר דער ערד, און אין מאנכע ערטער

אפילו מעהר. איצט האָט דאָס גרויסע קירכליכע פארמעגען איינ־גאַנצען אויפגעהערט זיין דאָס פארמעגען פון די אָרימע. אין 12־טען יאהרהונדערט האבען זיי געמאכט א לאָגישען אויספיהר פון דער דאָזיגער טעאָריע, באהויפטענדיג, אז אַלע קירכליכע גיטער באַלאַנגען צום פאפסט, וועלכער קאָן מיט זיי טאָן, וואָס ער וויל.

אויף אזא'ן אופן האָט די נייע און מאכטיגע אריסטאָקראַ־טיע זיך ארויסגעוויזען פאר'ן הויפט סאָציאַלען רעזולטאט פון דער פראַלעטארישער באוועגונג אין די ערשטע יאהרהונדערטער פון אונזער צייטרעכענונג.

דעם קריסטליכען פראָלעטאריאט איז געווים נויטיג געווען אן ארטאָדאָקסאַלע אמונה, מחמת איהם איז נויטיג געווען א פעס־טע און ברייטע אַלוועלטליכע ארגאַניזאציע. כדי די וועלט פון ליעבע און קאָמוניזם זאָל זיעגען איבער דער אימפעראטארשער וועלט, דאָס האָבען אַלע געפיהלט, — איז נויטיג געווען אן איינ־ציגע אַלוועלטליכע ברידערליכע ארגאַניזאציע. נאָר די אפיקורסות האָט צעריסען די קירך און געשטערט איהר פראָגרעס. די געזונ־טע שטרעבונג צו איינהייט האָט געבראכט דערצו, אז די גייסט־ליכע האָט מען איבערגעגעבען אויסצואַרבייטען און צו היטען די איינציגע אָרטאָדאָקסישע לעהרע. דערצו נאָך קומט צו דאָס גע־זעץ, וואָס הערשט אין אַלע ניט געניג אינטעליגענטע געזעלשאפ־טען, לויט וועלכען יעדע לעהרע ווערט גערעכענט פאר אַלץ מעהר געאכט, וואָס עלטער זי איז: מ'האָט געזוכט אן אפאָסטאלשע טראדיציע, און ווער קאָן די דאָזיגע טראדיציע וויסען בעסער פון די עלטסטע?

אויף אזא'ן אופן צוליעב דער איינהייט פון דער אָרגאַניזאַ־ציע, צוליעב דער איינהייט פון זיינע כחות האָט דער אָרגאַני־זירטער פראָלעטאריאט פון די ערשטע יאָהרהונדערטער איבער־געגעבען זיינע פיהרער א שרעקליכע מאכט איבער זיך. און די פיהרער האָבען זיך באַנוצט מיט איהר, כדי צו פארקויפען דעם פראָלעטאריאט צו „די פירסטען פון דער וועלט". ווי האָט אַנ־דערש געקאָנט זיין? די פסיכאָלאָגיע פון די הארען איז אַלעמאָל

דיזעלבינגע, און די עפיסקאפען האבען זיך זיך דערפיהלט פאר הארען. שוין איגנאטיוס, איינער פון די ערשטע עפיסקאפען, א מענש וואס האט פערזענליך געקאנט די אפאסטאלען, ווייזט ארויס א פאלשטענדיג קלארען קלאסען זעלבסט-באוואוסטזיין. פאר איהם איז דער עפיסקאפ ניט אן אויסערוועהלטער פון דער געמיינדע, נאר איהר באאמטער: זיין מאכט געהט פון די אפאס־טאלען און פון גאט. „א קריסטליכע נשמה״, שרייבט איגנא־טיוס — „זאל זיך אונטערווארפען דעם עפיסקאפ, ווי קריסטוס'ן אליין... געזעטע ווערט יענער, וואס לעבט און גלויבט אין הסכם מיט זיין עפיסקאפ.״ די עפיסקאפען האבען ענערגיש פארטיי־דיגט דעם דאזיגען בליק און האבען זיך געהאלטען פאר אמת'ע מאנארכען, פאר קעניגע פון די נשמות און קערפער פון זייערע רעליגיעזע קהלות.

פון קאנסטאנטינ'ס צייט אן איז די קריסטליכע קירך געווא־רען אן אפיציעלע מלוכה אינסטיטוציע. צום ענד פון 4טען יאהר־הונדערט האט דער קעניג טהעאדאסי געגעבען די עפיסקאפען אלמעגליכע שטאטליכע רעכטען און פריווילעגיען; אין דער איי־גענער צייט האט ער פארבאטען דעם קולט פון געצענדינעריי, פון „עבודה זרה״.

איצט האבען די אימפעראטארען געהאלטען פאר זייער באַ־רוף צו באשטימען און אפצוהיטען „די אמת'ע רעליגיע״. געצענ־דינעריי איז אנערקענט געווארען פאר א פאליטישען פאר־ברעכען.

ווערענדיג די רעליגיע פון שטאט האט דאס קריסטענטום קאנפיסקירט דאס פארמעגען פון די געצענדינערשע פריסטער; די טעמפלען זיינען שוין פריהער צושטערט געווארען.

זינט די קירך, ריכטיגער די גייסטליכע, אלס קלאס האט גע־פונען איהר פארקערפערונג אין פאפסט, האט זיך אנגעהויבען א קאמף פון דעם קלאסען אינסטינקט קעגען דער גיריגקייט פון איינצעלנע פארשטעהער פון די גייסטליכע. אינאקענטיוס דער 1טער און לעא דער 1טער (אין 5טען יאהרהונדערט) טרוימען

שוין וועגען דעם, אז די גייסטליכע זאלען ניט טאָרען חתונה האָבען. גריגאָרי דעם 7טען גיט זיך דאָס איין. דער העכסטער קאָלעקטיוויזם, וועגען וועלכען ס'האָבען גע'חלומ'ט די פּראָלע־טאַריער און די קאָמוניסטען פון ערשטען יאָהרהונדערט, איז פארווירקליכט געוואָרען. נאָר בלויז אין די גרעניצען פון א נייעם קלאַס פון אומגעהייערליך - מאַכטיגע עקספּלואַטאַטאָרס און הערשער.

בעת די קירכליכע גיטער זיינען געוואָרען דאָס אייגענטום פון די קירכלייט, פון דער גייסטליכקייט גופא, זאָגט קאַוטסקי, האָט יעדער גלח, וואָס האָט געהאַט קינדער, זיך באַמיהט אַראָפּ־צוּרייסען פאר זיי פון דעם קירכליכען פארמעגען וואס מעהר. און ענד דערצו האָט געקאנט געמאַכט ווערען נאָר דאַן, בעת אין דער קירך איז געוואָרען אַלמעכטיג דער פּאַפּסט. איינע פון די ערשטע אויפגאַבען פון פּאַפּסטענטום איז געווען דער קאַמף קעגען די הייראַטען פון די גייסטליכע.

פערטער קאפיטעל.

דער קריסטליכער סאָציאַליזם.

אין דעם קאָמוניסטישען גייסט פון דעם אור־ערשטען פאָלק'ס קריסטענטום איז קיין צווייפעל נישטאָ. מיר זעהען אויך, אז דאָס איז געווען אַ קאָמוניזם נאָר פון פארברויך, אַ טיף־אסקעטי־שער. איז ער געווען רעוואָלוציאָנער?

יאָ, געוויס. לויט דער ראדיקאַלער, מיטליידסלאָזע אָפּלייקענונג פון דער גאַנצער דאמאָלסדיגער קולטורעלער וועלט, לויט דעם ווי ער האָט אנטקעגען איהר אוועקגעשטעלט פאָלשטענדיג נייע לעבענ'ס פאָרמען, איז ער רעוואָלוציאָנער. יעדע אידעאָלאָגיע, וואָס שפּיגעלט אויפריכטיג אָפּ די שטימונג פון די גע־דריקטע מאסען, קאָן ניט זיין אין איהר טיפעניש רעוואלוציאנער.

נאָר דאָס קריסטענטום איז געווען פּאסיוו. אין איהם איז ווירקליך דאָ די אידעע וועגען דעם, אז קעגען שלעכטס דארף מען קיין ווידערשטאנד ניט ארויסווייזען. פונדעסטוועגען איז ביי קריסטוס'ן דאָ צוויי פּנים'ער. אלס קאָמוניסט, אלס לעהרער פון הכנעה'דיגער קלוגשאפט, פון אַ קימערלאָזען פולען לעבען אין גאָט, אין דעם גראדען גלויבען, אז עס עקזיסטירט אַ העכערער חסד, אַ העכערע גוטיגקייט, וואָס פיהרט אַלעס צו גליק, — איז ער אַ מוסטער פון מילדקייט, פון הכנעה, פון אלפארגעבונג. אלס באשולדיגער, אלס אָנקלאָגער פון די הערשענדע אָרדנונגען, אלס טרעגער פון דער נקמה, וואָס האָט אנגעקאָכט אין די הערצער פון פאָלק, איז ער שרעקליך און פינסטער. ער איז אַ גרויסער זידלער,

ער איז גרייט צו שטראָפען מיט ריטער, און זיינע דראָהונגען זיי־נען פול מיט ווילדער פאַנטאַזיע.

זיין נקמה האָט דאָס מאַכטלאָז פאָלק פאַראָרדענט צו זיין אַלמעכטיגען באַשיצער — צו גאָט. און אפילו די בילדער פון דעם טריאומף פון די צדיקים, די שטראַהלענדיגע בילדער פון מלכות שמים ווערען בלאָס פאַר די אויפטרייסלענדיגע בילדער פון גאָט׳ס צאָרן. מיט דער דאָזיגער זייט זיינער גרענעצט זיך דאָס עוואַנגעליום אויך אָן צו די נביאים פון דעם אַלטען טעסטאַ־מענט, אַזוי ווי מיט אַנדערע זייטען.

גאָר אין אָנהויב האָט די קריסטליכע קהלה פאַרשטאַנען צו האַרמאָניזירען איהר האַס און איהר ליעבע, דעם דאָרשט צו נקמה און די פּאַסיוויטעט. דער מענש מוז זיין אונטערטעניג און פּאַסיוו. זיינע קריוודעס װעלען פאַררעכענט ווערען, פאַר איהם וועט קאָנען שווער נקמה נעמען אין יענעם טאָג דער גרויסער בעל נקמה.

וואָס ווייטער די יאָהרען זיינען געגאַנגען, אַלץ מעהר איז בלאָס געוואָרען אין די הערצער די האָפענונג אויף אַ גיכען, גע־רעכטען און שרעקליכען משפט פון דעם לעבעדיג געוואָרענעם, אַלץ מעהר האָט זיך צוריסען די אור־ערשטע האַרמאָניע.

איין טייל פון די קריסטען איז געגאַנגען איבער׳ן וועג פון פריעדען. מ׳האָט געזאָגט, אַז אין הכנעה איז דער גאַנצער תוך פון דעם קריסטענטום, אַז די מאַכטען (ס׳הייסט דער גאַנצער מלוכה סדר) איז פון גאָט, מ׳האָט אָפּגעלייקענט די געזעצליכקייט פון האַס, אפילו פון פאַרבאָרגענער, דעם שרעקליכען משפט האָט מען פאַרביטען אויפ׳ן שכר נאָכ׳ן טויט, און דער שכר, די פאַר־געלטיגונג האָט אויפגעהערט זיין אַ שטראָף פאַר די רייכע און די מיוחסים פאַר זייער פּאַראַזיטישען גליק אויף דער וועלט און אַ באַלוינונג פאַר׳ן אָרימאַן פאַר זיין אָרימקייט, נאָר דאָס איז געוואָרען אַ באַלוינונג און אַ שטראָף: אַ באַלוינונג פאַר פאַר־דינסטען בנוגע צו דער קירך און אַ שטראָף פאַר איהרע טאַדלער. עס זיינען אויפגעקומען „פרומע” אימפּעראַטאָרען, קריסטוס׳עס

שטעלפאַרטרעטער, פּרעכטיגע פּאַפּסטען. עס זיינען אויפגעקומען זינדיגע אָרימעלייט, וואָס האָבען געוואגט צו פאָדערן פון די באַזינדיגע גאָלדעטע עפּיסקאָפּען, זיי זאָלען נאָכטאָן די געלד־פיינדליכע אַפּאָסטעלן. ווער עס טראָגט געדולדיג, ניט נאָר אויס מורא, נאָר אויך צוליעב'ן געוויסען, דעם יאָך פון די פירסטען פון דער וועלט, דער איז אויך א פרומער, און דער קריטיקירער און רעבעל, אפילו מיט'ן ווירקליכען נאָמען און מיט די ווערטער פון קריסטוס'ן, איז פאַרשאָלטען און געהט אין גיהנום.

דער אמעהרסטען לייִדענשאפטליכער און אקטיווער טייל פון די קריסטען איז אוועק איבער'ן וועג פון שווערד. זייער פרומען צאָרן האָבען זיי באגרינדעט אויף גאָט, קריסטוס איז געוואָרען אומערביטליך און שרעקליך. די שרעקליכע בילדער פון דער לעצטער נקמה, פון דער פייערדיגער רעוואָלוציע, וואָס לייטערט אויס די וועלט, זיינען געוואָרען די געליעבטעסטע און טייערסטע.

דורך כמעט צוויי יאָהרהונדערטע ציהט זיך דער פייערדיגער פאָדים פון די וואָס ערוואַרטען די גיכע שרפה פון דער וועלט. געוועהנליך וואַרטען זיי נאָר און זאָגען אָן, מחמת שטאַרק איז אין זיי דער האַס, נאָר שוואַך זיינען זייערע נשמות. דאָך איז פון דאַנען איין טריט, כדי „א קלאַפּ צו טאָן מיט'ן שווערד".

די נביאים האָבען גערעכענט אשור און בבל פאַר די אויספיהרער פון גאָט'ס צאָרנדיגע פּלענער. די קירכען־פּאַטערס האָבען פאַרהערליכט די זיעגען פון די באַרבאַרען אַלס טאַטען פון גאָט'ס רוט. פאַר וואָס זאָלען די געדריקטע, וואָס רעבעלירען, זיך ניט פאַרשטעהן, ווי א געצייג פון גאָט?

און דאָס איז אויך געווען. א גאַנצע רייה פון גרויסע רעוואָלויאַנערע באַוועגונגען האָט זיך טאַקע אַזוי אויסגעטייטשט. נאָר די מיסטיקער־סאָציאַליסטען, די ווירקליכע יורשים פון דעם עוואַנגעלישען גייסט, זיינען זעלטען געוועזן גענוג שטאַרק, כדי צו פיהרען אַן אייגענעם רעוואָלוציאָנערען קאַמף און נאָך אונטער דער פאָהן פון זייער אייגענעם קאָמוניזם. די בויערן־מלחמות אין דייטשלאַנד און די ענגלישע רעוואָלוציע, די דאָזיגע גרעסטע פון

די רעליגיעז באַקליידעטע פֿאָלקס באַוועגונגען, זיינען געווען אויפֿ־שטאַנדען פֿון קליין באַזיצער, וואָס האָבען נאַטירליך געפֿונען זייער אידעאָלאָגיע גיכער אין דער קליינבירגערליכער און דעמאָ־קראַטישער ביבעל, ווי אין דעם קאָמוניסטישען, פּראָלעטאַרישען עוואַנגעליום.

אַ גאַנצע רייה קירכען פֿאָטערס פֿון מזרח און טיילווייז פֿון מערב זיינען געווען פֿאַרשטעהער פֿון פֿאָלק'ס קריסטענטום און האָבען ענערגיש געקעמפֿט קעגען דעם, אַז דאָס קריסטענטום זאָל פֿאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ געצייג פֿון עקספּלואַטאַציע. גראָד די אמעהרסטען באַגאַבטע מענשען, וואָס זיינען געוואָרען גייסט־ליכע ניט צוליעב אַ קאַריערע, נאָר צוליעב'ן אידעאַל, האָבען ניט געקאָנט ניט פֿיהלען די שעהנקייט און מעכטיגקייט פֿון דעם ווירקליכען אור־ערשטען פּראָלעטאַרישען קריסטענטום, דעם אַס־קעטישען און קאָמוניסטישען. אָט איז צום ביישפּיעל אַן אויסצוג פֿון יאָהאַן זלאַטאָאוסט, וואָס איהם שרייבט מען צו דעם אַפּאָ־קאַליפּסיס*) : „אַ ברכה האָט גערוהט אויף די ערשטע קריסטען, מחמת עס איז ניט געווען קיין נויטבאַדערפֿטיגער, ס'הייסט וויל זיי האָבען געגעבען אַזוי פֿלייסיג, אַז קיינער איז ניט געבליבען אָרים. זיי האָבען געגעבען ניט נאָר אַ טייל, איבערלאָזענדיג דעם צווייטען טייל פֿאַר זיך, און זיי האָבען געגעבען ניט אַזוי, ווי זייער אייגענס. זיי האָבען אָפּגעשאַפֿט אומגלייכהייט און האָבען געלעבט אין זאַטקייט; און געטאָן האָבען דאָס אויף אַ לויבענס־ווערטהען אופֿן. זיי האָבען ניט געוואַגט אָוועקצוגעבען זייערע מתנות אין די הענד פֿון די נויטבאַדערפֿטיגע, זיי האָבען אויך ניט געשאָנקען מיט אַ הויכמוטיגער נאָכזיכט, נאָר זיי האָבען גע־בראַכט זייערע מתנות צו די טריט פֿון די אַפּאָסטעלן. אַלץ, וואָס איז נויטיג האָט מען דעמאָלט גענומען פֿון דעם קהלה־דעזערוו,

*) געוויסע קריסטליכע האַלבהייליגע ביכער, וואָס ענטהאַלטען נביאות, ביכער וועגען דער געטליכער ענטפּלעקונג, רעוואָלוציאָנער־מיסטישע.

און ניט פון פריוואט אייגענטום. די געבער האבען זיך ניט גע־קענט גרויס האלטען. ווען מיר וואלטען אימער געטאן דאס זעלביגע, וואלטען מיר אלע, רייכע און ארימע געלעבט א סך גליקליכער. די רייכע וואלטען דערפון אויך געוואונען, אזוי ווי די ארימע.״

ווייטער קומט א חשבון, נאך וועלכען עס איז מעגליך צונויפ־צוקלייבען, ווען מ׳זאל צונויפנעהמען נאר דאס פארמעגען פון די איינוואוינער פון ביזאנץ, דריי מיליאן פונט גאלד און פון דעם זאלען זיך מפרנס זיין אלע צוזאמען: „מיינסטו, אז די מלוכה־קאסע קאן ווען עס איז אויסגעליידיגט ווערען? און וועט דען אויף אונז ניט אראפנידערען גאט׳ס ברכה אויף טויזענד מאל מעהר? וואלטען מיר דען ניט פארוואנדעלט די ערד אין א גן עדן? ווען דאס האט ביי דריי אדער פיער טויזענד (פון די ערשטע קריסטען) געגעבען אזעלכע גלענצענדע רעזולטאטען און קיינער פון זיי האט פון נויט ניט געוואוסט, אויף וויפיעל בעסער מוז זיך דאס איינגעבען אין אזא גרויסער מאסע. ווארום איט־ליכער פון די נייצוגעקומענע וועט עפעס וואס מוסיף זיין צו אונזער רייכקייט.״

קאוטסקי, קאמענטירענדיג דעם דאזיגען מערקווירדיגען פרע־דיגט, זאגט: „זלאטאאוסט באמיהט זיך צו צוציהען זיינע צוהע־רער צום קאמוניזם, באווייזענדיג זיי מיט ציפער, אויף וויפיעל אן אלגעמיינעווירטשאפט איז עקאנאמישער פון א צוברעקלונג אויף א סך קליינע ווירטשאפטען. נאר וועגען דעם, ווער עס מוז פראדוצירען נאר דאס נויטיגע פאר דער דאזיגער קאמוניסטישער ווירטשאפט, זאגט זלאטאאוסט א ווארט ניט. אויף דעם דאזיגען געביט מוז אלץ בלייבען ווי געווען.״

ווי דאס זאל ניט זיין, זלאטאאוסט׳ן איז אויסגעקומען ניט ווייניג צו ליידען פאר זיין „דעמאגאגיע״. די אפיציעלע קירך איז אלץ ווייטער אוועק אין א זייט, פון א קירך פון ארימעלייט איז זי פארוואנדעלט געווארען אין א הויפט שטיצע פון דער ארדנונג. דאך איז דער קאמוניסטישער און רעוואלוציאנערער גייסט

פון עוואַנגעליום ניט אויסגעשלאָסען געוואָרען. פראַנציסק דער הייליגער, דער גרינדער פון דעם פראַנציסקאַנעם אָרדען, האָט אין 13טען יאָהרהונדערט געגרינדעט רעליגיעזע קאָמוניסטישע קהלות, וועלכע דער פּאַפּסט האָט מיט דער צייט פאַרוואַנדעלט אין אַ שטיצע פון דער „אָרדערונג". עס זיינען אויפגעשטאַנען אפּיקורסים־רעוואָלוציאָנערען, ווי טאָמאַס מיונצער און אַנדערע, וואָס האָבען שטיצענדיג זיך אויפ'ן עוואַנגעליום, אַרויסגערופען פאָלק'ס אויפשטאַנדען.

דער נייסטער קריסטליכער סאָציאַליזם.

דער נייסטער קריסטליכער סאָציאַליזם האָט וועניג אַלגע־מיינס מיט'ן אַפּיקורסישען קאָמוניזם פון מיטעלאַלטער, פון דעם 16טען און 17טען יאָהרהונדערט.

דער קאַטאָלישער סאָציאַליזם אין פראַנקרייך און איטאַליען, וואָס האָט אין צייט באַקומען עפּעס אַזוי ווי אַ מין אָפיציעלע ברכה פון דעם פּאַפּסט לעאָ דעם 13טען, שטעלט מיט זיך פאָר אַ וואָהל מאַנעווער פון דער צום וואַנט צוגעדריקטער קירך. די קירך, זייענדיג אין קריעג מיט די רעגיערונגען פון פראַנקרייך און איטאַליען, האָט געזוכט צו פאַרשטאַרקערען איהר איינפלוס אויף די פאָלק'ס מאַסען און דערום האָט זי זיך באַמיהט אָפּצו־פאַרבען איהר פּרעדיגט כאָטש מיט אַ שוואַכען קאָליר פון פאָלק'ס ליעבע און סאָציאַלע גערעכטיגקייט. געוויס, צווישען די אַב־באַטען, וואָס האָבען אַרויסגעטראָטען מיט דרושות וועגען דע־מאָקראַטיזם און סאָציאַליזם, זיינען אויך געוועזען אויפריכטיגע מענ־שען, קינדער פון דער זעלביגער דעמאָקראַטיע. נאָר די העכערע גייסטליכע איז גיך אויסגעקומען צו מעסיגען זייער צו גרויסען אייפער, די קירך האָט ניט געוואָלט אַוועקגעהן צו ווייט מיט איהר דעמאָקראַטיזם, כדי ניט אייגצורייסען מיט די הערשענדע קלאַסען.

די קריסטליכע סאציאליסטען פון ענגלאנד האבען געקאנט ענערגיש און בולט קריטיקירען דאס שלעכטע פון קאפיטאליזם, נאר זיי האבען זיך ארויסגעוויזען פאר סאציאל־עקאנאמישע רע־אקציאנערען און הילפלאזע אוטאפיסטען, בעת זיי זיינען אריבער־געגאנגען צו פאזיטיווער ארבייט.

אין דייטשלאנד האט דער קריסטליכער סאציאליזם זיך אויסגעדריקט, קאן זיין, אין סאמע אינטערעסאנטע פארמען. דער אפיציעלער און קאנסערוואטיווער (קריסטליכער סאציאליזם) מיט שטעקער׳ן, דער רוהיגער און פאטריאטיש - ליבעראלער מיט נאומאנ׳ען, דער רעכטער־סאציאלדעמאקראטישער מיט גערע, דער רעוואלוציאנערער מיט קוטער׳ן.

דער הויף־פאסטאר שטעקער האט פארטראכט אין קריסטוס׳עס נאמען אוועקצונעמען ביי דער סאציאל־דעמאקראטיע „אונזער גוט דייטשעס פאלק". זיינע פארזוכען האבען זיך געענדיגט מיט א פאלשטענדיגען דורכפאל. פאר א כאראקטעריסטיק פון זיין ריכ־טונג ווע׳לען מיר ברענגען א קליינעם אויסצוג פון זיינע דרשות:

„מיר קאנען אייך ניט צוזאגען א סאציאליסטישע מלוכה, לויט דעם מוסטער פון אייערע אגיטאטרען, ווייל דאס איז אומערפיל־באר. מיר ווייסען אבער אייער נויט און אייערע זארגען; און אלץ, וואס מיר קאנען טאן, ארבייטענדיג צוזאמען מיט אייך, כדי אויס־צובעסערען אייער לאגע, וועלען מיר דאס עהרליך טאן. און אויב די צאלרייכע ארבייטער פארטיי וועט ווייטער לעבען אין פרידען מיט אנדערע קלאסען, וועט דעמאלט לייכטער זיין צו העלפען, ווי איצטער."

נאך אינטערעסאנטער איז נאומאן. זיין קריטיק פון דער סא־ציאל־דעמאקראטיע איז טשיקאווע.

„אין וואס", זאגט נאומאן, „איז דער גרונד פעהלער פון דער סאציאל דעמאקראטיע? אין דעם, וואס דאס איז — א דאקטרי־נערישע, אלוועלטליכע סיסטעמע. די סאציאל־דעמאקראטיע איז — העגעל׳ס לעצט געבאקען קינד, די טאכטער פון דער פילאסאפיע פון אבסאלוטען. אלס אזעלכע, ווייס זי גאר ניט וועגען א לע־

בעדיגען גאָט און וועגען אַ לעבעדיגען פאָלק. גאָט האָט זי פאַר־ביטען מיט דער ענטוויקלונג פון דער טעכניק, און דאָס פאָלק — מיט'ן פּראָלעטאַריאַט — צוויי באַגריפען אַנשטאַט צוויי לעבענס־קרעפטען... די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — איז שוואַך און אָרים מיט'ן גייסט. ניט קוקענדיג אויף די רויטע פאַרבען, האָט זי קיין בלוט ניט, זי איז בלאַס און אומעטיג... זי גיט דעם פאָלק אַנ־שטאַט ברויט אַ פּאָליטיש־עקאָנאָמישע טעאָריע, ס'הייסט אַ דאָג־מע. אָבער דאָגמאַטען לעבען זיך איבער. אייביגע סיסטעמען זיינען ניטאָ. און ווען די טעאָריע וועט פאַרוואַרפען ווערען, וועט אונטער איהר בלייבען ווי פריהער דאָס אַלטע מענשליכע האַרץ און וועט פאַדערען זיין גאָט".

וואָס איז אָבער די אייגענטליכע פּראָגראַמע פון די קריסט־ליכע סאָציאַליסטען? אָט איז איהר תוך:

„מיר מוזען נאָכדענקען די עקאָנאָמישע פאַרהעלטניסען גראַד פון יענעם פּונקט, וואו די סאָציאַל־דעמאָקראַטען פאַרלאָזען זיי. זיי דענקען וועגען דער גאַנצער געזעלשאַפט, — מיר מוזען נאָכ־דענקען וועגען באַזונדערע טיילען פון דער דאָזיגער געזעלשאַפט: וועגען אַרבייטסלאָזע, טאָג־אַרבייטער, געווערב אַרבייטער, פויע־רים, האַנד־ווערקער, סוחרים, בעאַמטע; וועגען יעדען טייל באַ־זונדער"...

„קריסטוס איז ניט קיין קאָמוניסט: ער דענקט ניט אַפּצו־רייסען די גליל'שע פישער פון זייערע שיפלאַך און שטיבלאַך, ער איז נאָר קעגען אַן איבערפלוס פון אייגענטום און לערנט, אַז יעדע אייגענטום געהערט צו גאָט, און די מענשען קאָנען נאָר זיך באַ־נוצען מיט דעם... קריסטוס וויל פאַרקלענערען נויט, ליידען, זינד. דערפאַר שאַפט ער וואונדער און גיטיגקייט."

פּאַסטאָר גערע, וואָס איז גאָר אין אָנהויב געווען נאומאַן'ס פריינד און מיטקעמפּפער, האָט אין זיך געפונען קראַפט איהם צו פאַרלאָזען, זיך אָפּצוזאָגען פון זיין פּאַסטאָרשען ראַנג און אַריינ־צוטרעטען אין די רייהען פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער פּאַרטיי; נאָר דאָ איז ער נאַטירליך צוגעשטאַנען צו

איהר סאמע רעכטען פליגעל, האט מיט זיך פארגרעסערט די צאל פון איהרע צוויופעלהאפטע עלעמענטען.

די העכסטע פארמע פון קריסטליכען סאציאליזם איז יענע, וועלכע איז ערקלערט געווארען אין דער העכסט טשיקאווער, פלא־מענדיגער בראשורע פון פאסטאר קוטער — „זיי מוזען!״ אויף איהר מוזען מיר זיך אפשטעלען אויספיהרליך.

* * *

קוטער'ס בראשורע — „זיי מוזען!״ — שטעלט מיט זיך פאר ניט פשוט א דרייסטען פאמפלעט, נאר א מין העלדענטאט, וואס מאכט גלייך פאסטאר קוטער כמעט מיט איבסען'ס פאסטאר בראנד. ווארום ער האט געוואגט שארף, אפילו צארנדיג ארויס־צוזאגען, אז די סאציאל־דעמאקראטען זיינען אין היינטיגער צייט די איינציגע אמת'ע קריסטען, ניט אכטענדיג אפילו אויף דעם, וואס זיי לייקענען אפ סיי קריסטוס'ן סיי גאט. שווער איז איי־גענטליך געווען זיך צו באשליסען ארויסצוזאגען דעם דאזיגען גע־דאנק, אבער קומען צו איהם איז געווען ניט אזוי שווער.

די סאציאל־דעמאקראטען ראנגלען זיך מיט'ן גאט פון רייכ־קייט — מאמאן, מיט'ן שרעקליכען פירסט פון דער וועלט, וואס האט אלץ פארדארבען און צולאזען געמאכט, וואס האט געשא־פען א ים פון צרות און אומגליקען. דעם קאמף מיט איהם פיה־רען זיי פארלייקענענדיג זיך אליין ביז צו מארטירערטום. דער אידעאל זייערער, איז דער אידעאל פון ברידערליכקייט, פרידען און ליעבע. וואס מאכט עס אויס, אין וועלכע פארמען עס איז באקליידט די דאזיגע „לעבענס אויפפיהרונג״, דער תוך איז דאך אין לעבעדיגע ענינים, און זיי — זיינען קריסטליכע.

און דאס איז אמת. אמת, מחמת אזוי ווי דאס אור־ערשטע קריסטענטום, אזוי איז אויך דער וויסענשאפטליכער סאציאליזם א טיעף פראלעטארישע וועלטאנשויאונג, אט דערפאר פאלען אויך די אידעאלען טיילווייז צוזאמען. נאר אין פיעל זאכען געהען זיי זיך אויך פאנאנדער, און דאס איז דערפאר וויל דער היינטיגער

פּראָלעטאַריאַט איז אין פּיעלעס ניט עהנליך אויפ'ן המון פון פּאַ־לעסטינא און פון דער אַלטערטימליכער רוימישער אימפּעריע.

ווער עס וועט וועלען פּאָלשטענדיג דערגעהנטערען דאָס קריס־טענטום (ס'פאַרשטעהט זיך, אז דאָ האַנדעלט זיך וועגען דעם קאָמוניסטישען, פּאָלק'ס קריסטענטום, און ניט וועגען דעם שפּעטערדיגען „גייסטיגען", אַריסטאָקראַטישען) מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, מוז אָדער שווייגען, אָדער ניט פאַרשטעהן מאַנכע וועזענטליכסטע שטריכען פון דער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פון דעם היינטיגען פּראָלעטאַריאַט, אָדער אַרויפצווינגען אויפ'ן קריס־טענטום עלעמענטען, וואָס זיינען איהם פרעמד.

פאָלשטענדיג אויפריכטיג, מיט פולער געוויסענהאַפטיגקייט מאַכט עס דורך אויך קוטער. און ווי גוט עס זיינען ניט דערביי זיינע ציעלען, ווי ריין די נשמה איז ניט, באַווייזט ער אָבער בע־סער פון אַלץ מיט זיין בוך, אַז ביי אַ עהנליכער גוואַלדזאַמער אי־דענטיפיצירונג ליידט אי דאָס קריסטענטום אי די סאָציאַל־דע־מאָקראַטיע.

קוטער פאַרשטעהט שלעכט די וויכטיגקייט פון דער פילאָסאָ־פישער און סאָציאַליסטישער לעהרע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טיע, ריכטיגער געזאָגט, העכסט אויפריכטיג מאַכט ער דעם אָנ־שטעל פאַר זיך אַליין, אַז ער פאַרשטעהט כלומר'שט ניט איהר וויכטיגקייט, ווייל זי איז אויסגעהאַלטען רעאַליסטיש און זי אָנ־ערקענט ניט אויסער דער עוואָלוציע „פון דער מאַטעריעלער וועלט", ס'הייסט אויסער דער עמפּירישער, עקספּערימענטאַלער ווירקליכ־קייט, קיין אַנדער באַוועגער, קיין אַנדער קוואַל פון טאַטען, פון וויר־קונגען.

קוטער קאָן אָבער אויף דעם ניט איינגעהן. יאָ, דער מענש מוז פאַרווירקליכען די וואַרהייט אין רעאַליטעט, אין „מאַטעריע", אין שטאָף, דאָס איז ער אויך מודה, נאָר די דאָזיגע וואַרהייט איז דעם מענשען געגעבען פון אויבען, אַזוי אויך ווי דאָס פליכטס גע־פיהל, וואָס באַפעהלט איהם אומאויפהערליך צו שטרעבען צו איהר נצחון. דער דאָזיגער טראַנסצענדענטאַלער, ס'הייסט דער זעהר

אבסטראַקטער, וואָס קאָן ניט באַגריפען ווערען דורכ'ן געוועהנלי־כען דענקען, מאַראַליזם, וואָס איז קוטער'ן ענדלאָז טייער, איז ניט נויטיג פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פּאַסט זיך ניט אריין אין איהר פילאָסאָפיע, אָט דערפאַר געהט ער זי פאַרביי.

קוטער שרייבט: „מיר האָבען שוין געזאָגט און מיר ווידער־האָלען וויעדער: די זאַך איז לגמרי ניט אין די וויסענשאַפטליכע טעאָריען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. איז דען די זאַך באַ־שטאַנען אין דעם, אויף וואָסער אופן די ערשטע קריסטען האָבען זיך פאָרגעשטעלט די נייע אימפּולסען, וואָס פון זיי זיינען זיי גע־ווען די טרעגער? איז דען די גרויסע קראַפט, וואָס האָט זיי באַ־וועגט, אָפּגעהאַנגען פון זייער שוואַכער, אומבאַשטימטער דאָגמאַ־טיק? „דער גייסט אָטעמט, וואו ער וויל, און די שטימע זיינע הערסטו, און ווייסט ניט, פון וואַנען זי קומט און וואוהין זי געהט אוועק.“

און ווען אין דער היינטיגער צייט איז די לופט אָנגעפילט מיט ווערטער וועגען דעם שטאַאט פון דער צוקונפט, וועגען דער מעהרווערט טעאָריע און ד. ג., ווערט דען דערמיט אויסגעשעפּט די הויפּט זאַך, דער אינערליכער אינהאַלט פון דער סאָציאַל־דע־מאָקראַטישער באַוועגונג? איהר מיסיע איז — צו שאַפען נייעס, א וואונדערליכער און אונאיבערווינדערליכער ענטוזיאַזם דרינגט זי אַדורך: איז דאָס דען ניט פיעל מעהר באַדייטענדעס? זאָ־לען די טעאָרעטיקער־סאָציאַל־דעמאָקראַטען זיצען איבער זייערע פאָרמולען! ווער עס גלויבט נאָך אין אונזערע טעג, אַז, למשל, מאַרקס'עס מעהרווערט טעאָריע איז אַ אימפּולס פון אַ נייער ברוי־זענדער קראַפט פון גייסט, דער ווייס ניט, ווי עס באַוועגט זיך די וועלט געשיכטע, דער פאַרשטעהט ניט די פאַרבאָרגענע טיעפ־קייטען, פון וואַנען יעדע נייע פאָרמירונג עס שעפּט איהרע ברוי־ענדע קרעפטען.“

אזוי מיינט קוטער. נאָר ווען מיר וועלען זיך צוקוקען צו יענע וויכטיגע נייע, וואָס איז דאָ אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און וואָס עס איז גאַר נישטאָ אין קריסטענטום, וועלען מיר זעהן,

אַז דאָס דאָזיגע נייע איז צו וועזענטליך און גיך פאַרטיג ווערען מיט דעם דורך אַ שעהנעם אַנטידאָגמאַטישען מאַראַליזם וועט מען ניט.

דאָס קריסטענטום פאַרוואַרפט די קולטור, עס רופט צו פריי־וויליגער אָרימקייט און צו פאַסיווער ערוואַרטונג אויף מלכות שמים. מיט פאַסיוויטעט מוז קעמפען אַן אמת׳ער קריסט אפילו אויף אַ מאָראַלישען באָדען, אָבער אַנערקענען אין מאַטעריעלער אַר־בייט, אין דער ענטוויקלונג פון די אַרבייטס פאָרמען און אין דעם וואוקס פון רייכקייט די ערשטע באַדייטונג אין דעם זין פון „דער־לייזונג", דאָס איז אַזוי פרעמד דעם קריסטענטום, אַז קיין בריק איז ניט מעגליך אַריבערצוואַרפען איבער דעם דאָזיגען אָפּגרונד: מאַמאָן! מאַמאָן! אָבער קוטער פאַרגעסט אַז, קעמפענדיג קע־גען קאַפּיטאַל, אַנערקענט אין דער אייגענער צייט די סאָציאַל־דע־מאָקראַטיע דעם וועג פון דער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג פאַר דעם איינציג דענקבאַרען, פאַר דעם איינציגען, וואָס פיהרט צו „רעטונג". און דאָס איז אַזוי וויכטיג, אַז וויכטיגער קאָן ניט זיין. מחמת אויסער דעם דאָזיגען וויסענשאַפטליכען אַנאַליז פון די אמת׳ע וועגען פון ענטוויקלונג וואַרט אויף אונז אַ ברעגלאָזער ים פון אוטאָפּיסטישער טרוימעריי, וואָס איז אַמאָל געניינט צו שטע־לען די עטיק העכער פון דער קולטור, וואָס קערט אונז אום צו די אַמגליגע טעותן.

אין אמת׳ן האָט קוטער אַליין אַ סך זיך אויסגעלערנט ביי דער „מאַטעריאַליסטישער דאָגמאַ" פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע: „גאָט׳ס פּלענער ווערען ערפילט דורך דער אומבילדונג פון דער מאַ־טעריע", זאָגט ער: „דער סוף פון גאָט׳ס וועג איז קערפּערליכעס". איז דער דאָזיגער אויסדרוק אַ ווירקליך קריסטליכער? לאָמיר אָנ־נעמען, אַז די כיליאַסטען (די אַממעהרסטען „פּראָסטע"!) האָבען זיך פאָרגעשטעלט מלכות שמים ווי אַ אומבילדונג, אַ וואונדערליכע, נאָר דורכאויס ניט ווי אַ עקאָנאָמישע, היסטאָרישע אומבילדונג פון דער סביבה, און מיט איהר אויך פון דעם מענשען. ביי קוטער׳ן איז דאָ אַן אויסגעצייכענטער אָרט, וואו ער פאַרטיידיגט דאָס קער־

פערליכע. ער האַלט דעם קריסטליכען ספּיריטואַליזם פאַר היפּאָ־קריטיש.

„איהר גלויבט, אַז מאַטעריע האָט קיין באַדייטונג ניט. נאָר גאָט האָט דעם מענשען באַשאַפען פון מאַטעריע און פון גייסט.

איהר גלויבט, אַז מען מוז פון זיך אָרונטערציהען די מאַטע־ריע. נאָר גאָט האָט מיט איהר אייך איינגעהילט און אַלע מענשען.

איהר קוקט אויפ׳ן הימעל. גאָט האָט געגעבען מענשען די ערד.

איהר באַשאַפט אייך אייער אייגען קעניגרייך פון גייסט. גאָט האָט אַריינגעבלאָזען דעם גייסט זיינעם אין מאַטעריע, בעת ער האָט באַשאַפען דעם מענשען נאָך זיין געשטאַלט און גלייכען.

איהר ראַנגעלט זיך קעגען גאָט׳ס געזעץ, איהר שטעלט אַוועק אייער קריסטענטום קעגען זיין טעסטאַמענט פון לעבען.

ס׳איז קלאָר, אַז אייער קריסטענטום מוז זיין אַ היפּאָקריטי־שער. וואָרום עס פאַרצוימט דעם וועג צו גאָט. די פאַנאַנדערטיי־לונג צווישען גייסט און מאַטעריע, וועלכע אייער קריסטענטום טראָגט אַריין, ענטעהרט איהם, פאַרשוועכט איהם. אייער קעניגרייך פון גייסט איז אַ קעניגרייך פון אַ גייסטיגען אידעאַל, און ניט גאָט׳ס קעניגרייך״.

און ניט קוקענדיג דערויף, וואָס דער דאָזיגער פלאַמענדיגער גלח אַנערקענט דעם מאַטעריאַליזם, איז ער פונדעסטוועגען ניט גאַנץ נאָהענט צוגעקומען צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז רעוואָלוציע ניט אַ גע־היימניספולע ערשיינונג, ניט אַן אַריינמישונג פון דעם גייסט אין דעם גאַנג פון די געשעהענישען פון דער עקאָנאָמישער אָרדנונג, ווען אפילו אין דער פאָרמע פון אַ מאָראַלישען אימפּעראַטיוו, וואָס שטויסט דעם רצון פון מענשען. דאָס איז ניט קיין אַקט פון דעם גייסט, ווי פון אַ באַזונדערען יסוד, וואָס ענדערט אום דעם מאַטעריעלען פּראָצעס, דאָס איז נאָר אַ פאָרמע, איינע פון די פאָר־מען פון דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישען פּראָגרעס. זיין תוך ליגט אין דעם פּראָגרעס פון דער טעכניק; אַ נייע טעכניק, אַ נייע

שטופּע, טיילווייז פון דער רעאַלער, טיילווייז פון דער פּאָטענציאַ־לער מאַכטיגקייט פון מענשען איבער דער נאַטור, טרעט אריין אין קאָנפליקט מיט די פּארעלטערטע שטאַטליכע און רעכטליכע נאָרמען און וועקט אויף די נייע קלאַסען, וואָס זיינען אויסגעוואַק־סען אין זייער אייגענער מאַכטיגקייט צו צוברעכען זיי, בייקומענ־דיג דעם ווידערשטאַנד פון די קראַפטלאָזע קלאַסען, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין דעם, אז זיי זאָלען אָפּגעהיט ווערען.

קוטער רופט ניט און אנערקענט ניט „די מלאכים'שע לעגיאָ־נען", ער ערוואַרט ניט די אריינמישונג פון די העכערע געטליכע קרעפטען אין נידעריגען ערדישען לעבען, ער האָפּט אויף די פּראָ־לעטאַרישע לעגיאָנען, אבער דאָס, וואָס באַוועגט זיי, איז פאַר איהם גאָט'ס שטימע, די אבסאָלוטע, וואָס שאַלט אין גערויש פון די שטור־רעמס: גאָר אָדער גאָרנישט.

אָט, ווי ראָמאַנטיש און מיסטיש אונזער ליעבער נביא מאָלט זיך די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע: „וואָס וויל זי? אין אמת'ן ווייס זי דאָס אליין ניט. יאָ, זי ווייס דאָס ניט! און דערין איז טאַקי איהר פאָרצוג קעגען די אנדערע פּאַרטייען. די איבעריגע פּאַר־טייען ווייסען אזוי גוט, וואָס זיי ווילען! אָך, ס'איז דאָך אזוי לייכט ארומצוכאַפּען דעם שמאָלען קרייזבליק פון אייגענעם ווילען. ווער עס וויל אומערמעסליכעס, גרענצלאָזעס, וועמענס שטרעבונגען עס שטויסען זיך ניט אָן אויף גרעניצען, ווער עס קאָן ניט אריינלע־גען זיינע ציעלען אין קלוגע ווערטער — דער אליין האָט נאָר א ווירקליכען ווילען. הינטער אזא ווילען שטעהט — א לעבעדיגער גאָט! האָבען דען געוואוסט די אַלטע נביאים, דערוועקטע פון גאָט'ס גייסט, וואָס זיי האָבען געוואָלט? מיט שרעק זעהט ירמיה זיין שיקזאַל, וואָס ערוואַרט איהם. פאַר איהם וואָלט בעסער גע־ווען צו שטאַרבען, איידער צו לעבען אזוי, ווי ער מוז לעבען. נאָר ער מוז. און איצט מוזען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען. זיי טראָגען אין זיך א גרויסע, אומאיבערווינדליכע פליכט. וואוהין זי פיהרט — ווייסען זיי ניט. זיי דאַרפען דאָס ניט ווייסען. אן אנדערער ווייס דאָס."

קוטער זעהט דעם יסוד פון קריסטענטום אין פאָלגענדעם:

„אָט איז די נייע גרונדלאַגע פון קריסטענטום. פאר קריסטען איז גוטעס ניט פשוט א געזעץ, נאָר אויך א קראַפט. זיי זיינען דורכגעדרונגען געווארען מיט זיין אומענדליכער ווירקליכקייט. זיי לעבען אין דעם גוטען. זיי זיינען דאָ פאר גוטעס. דאָס איז שוין ניט מעהר פאר זיי א געזעץ, דאס איז דאָס קלאפען פון זייער הארץ, זייער סטיכיע. זיי אנערקענען מעהר ניט קיין אנדערעס. זיין גוט הייסט פאר זיי באשטעטיגען די הערשאפט פון גאָט אויף דער ערד און אויפ'ן הימעל. דאָס איז — די וואונדערליכע איינפאַכקייט, וואָס מיט איהר זיינען זיי ארומגענומען לויט קריסטוס'עס וואָרט."

קוטער'ס סענטימענטאלער רעוואלוציאניזם קאָן נאָר זיין שעדליך פון אונזער שטאנדפונקט, דאָס איז דער ערגסטער מין אוטאָפיזם, וואָס מען קאָן נאָך דולדען, כל זמן ער שטרעבט ניט אריבערצוגעהן אין טאַט.

און דער דאָזיגער שעדליכער, פאנאטישער כאראקטער איז דאָ אין קוטער'ס סאָציאליזם טאקי דערפאר, וואס ער האלט זיך שטארק פאר זיין גאָט.

ווער אזעלכער איז קוטער'ס גאָט? איז ער אונז נויטיג? איז ער, פארקערט, ניט שעדליך?

קוטער'ס גאָט איז די אייביגע אידעע פון גערעכטיגקייט, די אייביגע אומאיינגעהאלטענע באוועגונג צום אידעאל, וואָס ציינט זיך ארוים אין דער גאנצער וועלט, באזונדערס אין דער מענשליכער געזעלשאפט:

„פאר גאָט איז אלץ איינס, וואו ער געפינט מענשען. די געלאדענע זיינען ניט געקומען צו דער ארבייט, — האָט ער דערמאָלט אויסגעשטרעקט די האנד צו די אטעאיסטען, און יענע האָבען זי אָנגענומען. וואָרום ער מוז געהן פאָראוים. די אייביגע פאָסטולאטען צורייסען פון ס'ניי די אנגעוואקסענע איבער זיי הארטע קאָרע פון דער צייט. גערעכטיגקייט, ליעבע, ברידערליכקייט — וואכען אויף. און ווען די גערעכטיגקייט הויבט זיך

אויף, מוז דען דעמאָלט ניט ציטערען דער שטויב פון נישטיגקייט
אויף איהר אויבערפלאַך? דער האַרטער פעלז ציטערט און ווערט
פאַנאַנדערגעריסען, בעת דער וואולקאַן ענטפּלעקט זיינע פאַרבאַר־
גענע קרעפטען. ווי זאַרגזאַם די היינטיגע געזעלשאַפט וועבט דעם
טעפּיך פון איהר וואוילזיין און דעקט צו מיט איהם די נאַקעטע
ביינער פון די געדריקטע! אבער מוז ער זיך דען ניט צורייסען,
בעת די פאָדערונגען פון ליעבע וועלען באַקומען קראַפט? יא, די
אייביגע פאָסטולאַטען זיינען וויעדער פאַרגעצייגט, דער וואולקאַן
פון דער אייביגקייט אַרבייט אויפ'ניי. עס הערט זיך שוין אינע־
ווייניג אַ טעמפּער געריוש. די מאַסען רעגען זיך און הויבען זיך
אָן באַוועגען. די אייביגקייט ברענט און פלאַקערט, מוז דען ניט
פּלאַצען דער פעלז פון מאַמאָן, וואָס מיר האָבען אויף איהר אָנגע־
הויפט? אין זייער שרעק מורמלען זיי: דאָס איז די גיריגקייט
פון המון, די פאַרפלוכטע אומצופרידענהייט פון די מאַסען, דאָס
איז רעוואָלוציע און נידערשטירצונג. נאָר דורך דעם דאָזיגען
שרעק, דורך זייער אומריינעם געוויסען, קלינגט די שטימע פון
גאָט דעם לעבעדיגען: איך וועל קומען באַפרייען פון געפאַנגענ־
שאַפט מיין פאָלק. איך וועל זיי ברענגען צו די קוועלען וואַסער,
וואו זיי וועלען שטילען זייער דאָרשט, און איך וועל אָפּוואַשען דעם
שטויב פון זייער שטערען און איך וועל באַפרייען זייערע גלידער
פון מאַמאָנ'ס מאַרטער־געצייג. לענגער וועל איך ניט פאַרציהען.
מיין וואַרהייט איז פאַרשפּאַט, מיין געדולד איז אויסגעשעפּט. איך
וועל ערשיטערען יענע, וואָס האָבען פאַרשפּאַט די אומפאַרמעגלי־
כע, איך וועל אומוועגדען מיין גוואַלדזאַמקייט אויף יענע, וואָס
האָבען אָנגעהויפט גוואַלדזאַמע טאַטען און אומוואַרהייטען אויף
אָט די קליינע מענשען. וואָרום איך בין גאָט. — דאָס איז אַ רע־
וואָלוציע, נאָר אַ רעוואָלוציע מאַכט גאָט."

געוויס איז קוטער'ס סאָציאַליזם ווייט פון דעם וויסענשאַפט־
ליכען סאָציאַליזם און געוויס איז נויטיג שאַרף צו קריטיקירען אַלע
„ביימישונגען", אַלע אומגערעכדיגע פעלשונגען פון דעם וויסענ־
שאַפטליכען סאַציאַליזם, נאָר דאָס, וואָס זיי זיינען דאָ, זאָגט עדות

וועגען דער גרויסער צוציהונגס קראפט פון פראלעטאריאט און פון זיין וועלטאנשויאונג.

דער קריסטליכער סאציאליזם אין רוסלאנד.

צווישען די קריסטליכע סאציאליסטען און די קריסטליכע אנארכיסטען אין רוסלאנד פארנעמט דעם ערשטען ארט, געוויס, טאלסטאי.

דער איינפלוס, וועלכען ער האט ארויסגעצייגט אין דער סביבה פון דעם גאטזוכענדיגען פויערטום, ווי מען זאגט, איז גענוג שטארק. אבער בכלל רעדענדיג, ווערען פיעלע ענציקט פון דער לעהרע פון דעם גרויסען שריפטשטעלער, אבער זעהר ניט פיעלע נעמען זי פראקטיש אן. פאר דער רעכטגלויביגער (פראוואסלאווער) קויפמאנשאפט, אזוי ווי פאר דער בירגערשאפט איז אנגענעם צו דענקען, אז עס זיינען דא אזעלכע אסקעטען און גרויסע פאסטער, וואס באצירען די רוסישע פרומקייט, דורכאויס ניט מיינענדיג דערביי זיי נאכצוטאן אפילו אויף א געמעסיגטען אופן. די רוסישע געזעלשאפט און בכלל די ציוויליזירטע געזעלשאפט, שטאלצירט כלומר'שט מיט איהר „נביא", מיט איהר חכם און מאראליסט, וואס זיין כאראקטער איז אומבויגזאם. מען שטאלצירט, מען ווערט גערירהט, דערמיט ענדיגט זיך.

ס'איז קיין צווייפעל ניט, אז דער נעגאטיווער טייל פון טאלסטאי'ס לעהרע, ס'הייסט זיין קריטיק, איז נוצליך פאר בלינדע און האלבזעהענדיגע. ער איז ריזיג באגאבט מיט אן אויסערגעווהנליכער איינפאכקייט צו קוקען אויף די ערשיינונגען פון אונזער מיאוס'ן סאציאלען לעבען און פון דער ארימער אפיציעלער רעליגיעזיטעט. זיין קריטיק איז גיפטיג און טויטליך מיט איהר קלארער איינפאכקייט.

מיר זיינען ווייט פון דעם, כדי אפצולייקענען די הערליכקייט פון מאנכע עלעמענטען פון טאלסטאי'ס פאזיטיווער לעהרע. ליעבע איז א גרויסער פרינציפ. איהם איז באשערט ווען עס איז צו

שיינען איבער דער פארפרידליכטער מענשהייט. נאָר טאָלסטאָי פארשטעהט גאָרנישט די וועגען פון ליעבע. ער זעהט ניט, ניט אַכ־טענדיג אויף די יאָהרטויזענדער פון ערפאהרונג, אז אליין פאר זיך, אלס אזעלכער, איז ליעבע ניט קיין געזעלשאפטליכע קראַפט, אז זי ווערט צובראָכען פון דער אייזערנער נויטווענדיגקייט פון דער געזעלשאפטליכער ווירטשאפטליכער ענטוויקלונג. טאָלסטאָי פאר־שטעהט ניט, אז דער מענש איז נאָך אַלץ אין גרויס קנעכטשאפט קעגען די נאַטור־קרעפטען, ער פארשטעהט ניט די אבסאָלוט נויט־ווענדיגקייט פון די נייע טעכנישע נצחונות און פון דער נייער אר־גאניזאציע פון מיטארבייטערשאפט אויף צו דערגרייכען אן אָביעקטיווע מעגליכקייט, אז מענשען זאָלען קאָנען לעבען צוזאמען אויף דער וועלט אין ליעבע.

די קולטור געהט מיט א קאפריזנעם וועג, זי שטרעבט ניט גראד צום ציעל, נאָר מיט א ברייטען און געהאַסטען פאר יעדען מאָראַ־ליסט אומוועג, דורך דעם צופאַלען פון דעם געזעלשאפט׳ס לעבען און דורך די שרעקען פון דער געזעלשאפטליכער דיפערענצירונג. דאָך קאָן מען אנדערש ניט דערגרייכען קיין רייכקייט, וואָס איז גענוג אויף צו פארזיכערען פאר אלעמען א מענשליכע און באַ־קוועמליכע עקזיסטענץ. טאָלסטאָי אבער, עהנליך צו אלע אידעאַ־לאָגען פון דער נאַטורעלער ווירטשאפט, וואָס שטעלען זיך אנטקעגען דעם פראגרעס פון קאפיטאל, שטעלט אוועק קעגען דער קולטור — די ליעבע.

דאָס גיט איהם אָפט די מעגליכקייט גלענצענד צו קריטיקירען דעם שקר און די שאנד פון דער היינטיגער ציוויליזאציע, נאָר דאָס גיט איהם אוועק פאר א קרבן צום אוטאָפּיזם, און דערביי נאָך פון עפּעס א גרויהען און פריידלאָזען כאראקטער, צו א אוטאפּיזם, וואס אידעאליזירט די הערשאפט פון „די איוואנושקעס נאראָנים" אין סערמענגעס.

ניט פארשטעהענדיג און פארוואָרפענדיג אינגאנצען די קול־טור, פארשטעהט טאָלסטאָי ניט אויך יענע נאַטירליכע מעטאָדע, מיט וועלכער די קולטור וויקעלט זיך רעוואָלוציאנער פאנאַנדער,

ארויפגעהענדיג אויף מדרגות אלץ מעהר נאהענטע צום נצחון, און מיט דער נייער ווענדונג (פון קאפיטאליזם צום קאלעקטי־וויזם) אויך צו ליעבע, די דאזיגע נאטירליכע מאטאדע איז דער קלאסענקאמף. טאלסטאי אבער זעהט ניט קיין קלאסען, קורצ־זיכטיג דערזעהט ער אומעטום נאר גוטע און שלעכטע מענשען, און דעם קאמף לייקענט ער אפ, אלס ווידערשפרעכענדיג צו דער ליעבע, ווארום ליעבע פארשטעהט ער אבסטראקט, ווי אן אב־סאלוטע פאדערונג און א לייטענדעס געבאט, און ניט ווי א ציעל, וואס איז דערוויילע נאר א וואונש. דאס, וואס טאלסטאי פאר־שטעהט ליעבע פאלש און אבסטראקט, האט איהם געבראכט צו דעם שעדליכען פריידיגען, אז קעגען שלעכטס דארף מען קיין ווידערשטאנד ניט ארויסציינען, וואס מיינט, אז שלעכטס קאן דערלאזען ווערען, און צו זיינע ניט גוטע האנדלונגען קעגען דער באפרייאונגס־באוועגונג און דערצו נאך — אין א פאלשען נא־מען — אין נאמען פון דעם גאנצען רוסישען פאלק.

אן אנדער צווייג פון דעם קריסטליכען „סאציאליזם” איז געגאנגען פון וולאדימיר סאלאוויאוו. ער אליין איז שוין ניטא אויף דער וועלט, איבעריגענס, ס'איז ניטא קיין גרונד איהם צו־צורעכענען צו די סאציאליסטען אפילו אין „גענזעפיסלעך” (קאוויטשקעס).

די כאראקטעריסטישע פיגור צווישען די „סאציאליסטישע” תלמידים פון דעם זייל פון דעם רוסישען מיסטיציזם איז פראפע־סאר בולגאקאוו.

דער דאזיגער מענש באזיצט א גרויסען רעזערוו פון דעם בורזשואזען קלאסען אינסטינקט. פון זיין ערשטער באגייסטע־רונג מיט'ן רעוואלוציאנערען מארקסיזם, וואס האט ניט לאנג אנ־געהאלטען, האט ער זיך אויסגעהיילט גאנץ געשווינד. פון דער נאהענטער באקאנטשאפט מיט דער סאציאל־דעמאקראטיע האט בולגאקאוו ארויסגעטראגען א קלארע פארשטעלונג וועגען איהר קראפט, וועגען דער בייזער געפאהר, וואס קלייבט זיך אויף דער בורזשואזער וועלט. דער קאמף מיט דער סאציאל־דעמאקראטיע

איז דערפאַר געוואָרען די הויפּט זאָרג פון דעם ראָזיגען עקס־מאַרקסיסט (אַזוי ווי ביי זיינע מיטברידער, וואָס זיינען, אַזוי ווי ער, אָפּגעפאַלען: סטרוּווע, בערדיאַעוו, איזגאָעוו, גאַליטש און אַנדערע, די ווירדיגע נייבאַקעהרטע פון דעם קאַדעטיזם).

זיין ערשטער ביטרער טריט אין קאַמף מיט׳ן רעוואָלוציאָנערען וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אָנגעזאָגט דעם באַנקראָט פון דעם ווירקליכען מאַרקסיזם. מיט פרייד האָט בולגאַקאָוו קאָנסטאַטירט דעם נצחון פון „דעם וויסענשאַפטליך־דענקענדען און קריטישען רעפאָרמיזם”. דער רעפאָרמיזם איז אויך אַליין פאַר זיך וועניגער גע־פעהרליך פאַר דער בורזשואַזיע, און דערהויפּט, ווי בולגאַקאָוו האָט באַלד באַצייכענט, אין איהם איז ניטאָ קיין ברייטקייט, שוואונג, צויבער פון אַ גרויסען, ערגרייפענדען, וועלט־באַנייענדיגען אידעאַליזם.

קוים איז וואָרט זיך צו פאַרשפּרייטען דאָ וועגען אַזעלכע מאָדנע שרייער פון דעם מיסטישען היסטערישען קריסטענטום, ווי סווענציצקי און ערן. זייער ריכטונג וועט אויף אַלעמאָל בלייבען באַשרענקט מיט אַן עדה פון תם׳עוואַטע און פּוסטע בעלי גאוות.

אינטערעסאַנטער איז דער „פּיעלזייטיגער” מערעזשקאָווסקי. זיין אַרבייט דעפינירט ער אַזוי: געוועזן זיינען אין רוס־לאַנד גרויסע רעליגיעזע חכמים, גאָטזוכער, אמת׳ע נביאים פון דערהויבענדסטער מיסטיק, פון וועלכער אַנדערע פּעלקער האָבען ניט גע׳חלום׳ט, נאָר אָט די ליכט־טראָגענדיגע מענער האָבען אַזוי אָדער אַנדערש זיך געאייניגט מיט דער זעלבסטהערשאַפט, ניט פאַרשטעהענדיג, אַז אויסער פרייהייט איז ניטאָ קיין גרויסע צו־קונפט פאַר אונזער אומפאַרגלייכליכען פאָלק. פון דער צווייטער זייט זיינען ביי אונז געוועזן דרייסטע, זיך אַליין פאַרלייקענענדיגע פרייהייטס קעמפער, נאָר זיי האָבען ווייניג זיך אינטערעסירט מיט קריסטוס׳ן, האָבען אָפּגעקעהרט די נעזער פון דער מיסטיק און דערמיט אַליין האָבען זיי אַרויסגעצייגט אַ גרויס ניט פאַרשטעהן פון אונזער פאָלקס גייסט און פון דעם אומגעוועהנליכען כאַראַק־

טער פון דער צוקינפטיגער אויפקלעהרונג, וואָס ערוואַרט רוסלאַנד.

ענדליך האָט זיך באַוויזען מערעזשקאָווסקי. לאַנג האָט ער גע־האַלטען אין צייטיג ווערען, ער איז אָבער צייטיג געוואָרען און האָט פאַרשטאַנען, אַז איהם איז באַשערט צו פאַראייניגען אין איין פאָלק'ס גאָטזוכעניש אויך די רעליגיעזע פילאָסאָפיע פון די הענעלס, דאָסטאָיעווסקיס, סאָלאָוויאָווס מיט דער פּאָליטישער אומפאַרגעבליכקייט פון די באַקונינס, טשערנישעווסקיס, הערצענס.

מערעזשקאָווסקי לייקענט אינגאַנצען אָפּ דעם שטאָאַט און פאָדערט, אַז די וועלט זאָל פאָלשטענדיג אומגעענדערט ווערען.

ניין, ס'מוז פאַרווירקליכט ווערען עפּעס וואָס איז אויסערגע־וועהנליכעס, בלענדענדעס, וואָס איז אומבאַקוועם צו זאָגען: דער הימעל וועט אראָפּגעהן אויף דער ערד, די ערד וועט דערטרונקען ווערען אין די שטראַהלען פון דעם לאַזור, די נייע ירושלים וועט אָנהויבען גלאַנצען מיט רובינען און סאַפּירען טורעמס אויף דעם אָרט פון פאַבריק קוימענס... די הערשאַפט פון גערעכטיגקייט וועט אין איהר גאַנצער פולקייט פאַרווירקליכט ווערען.

מחמת אַזאַ בלענדענדיגער פּראָגראַמע, קוקט מערעזשקאָווסקי, דער דאָזיגער פון גאָט באַגייסטערטער קריסטליכער קאָמוניסט אָדער אַנאַרכיסט אָדער איבערמענש, פון אויבען אַראָפּ אויף די פּאָזיטיוויסטען. אין אמת'ן אָבער איז ער אַלעמאָל קאָנטר־רעוואָלוציאָנער. אויסריהמענדיג די רעוואָלוציע דערטרינקט ער זי אין פיעל ווערטערדיגען מיסטיציזם, מיט זיין פּאָוולינישען עק באַמיהט ער זיך צו פאַרשטעלען פון פּובליקום די רויטע פאָהן פון אַרבייט.

דער קריסטליכער סאָציאַליזם שטעלט מיט זיך פאָר אָדער א ווירקליכע אידעאָלאָגיע פון די גערריקטע פּראָלעטאַרישע אָדער האַלב־פּראָלעטאַרישע מאַסען, אָדער א קינסטליכע סיסטעמע פון אָנשויאונגען, וועלכע איז אויסגערעכענט אויף צו פאַנגען די דאָזיגע מאַסען. דאָס ליבעראַלע קריסטענטום — איז די אידעאָ־לאָגיע פון די אַריסטאָקראַטישע און מיטעל קלאַסען, וואָס שטרע־

בען צו ברענגען זייער רעליגיעזען באַוואוסטזיין אין האַרמאָניע מיט זייער וועלט־אַנשויאונג, וואָס איז ברייטער געוואָרען און וועלכע ווילען ניט צוליעב די אָדער יענע מאָטיווען דירעקט זיך אָפּזאָגען פון דער קריסטליכער טראַדיציע.

פינפטער קאַפּיטעל.

די נייסטע רעליגיעזע פילאָסאָפיע. אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק.

לאָמיר זיך דערמאָנען אונזער דעפיניציע פון רעליגיע: דאס איז אזא'ן ארט דענקען וועגען דער וועלט און אזא'ן ארט פיהלען זי, ביי וועלכען די געזעצען פון דעם לעבען (די טענדענצען פון דעם מענשען) און די געזעצען פון דער נאטור וועלען זיך ארויסווייזען (אדער ווייזען זיך ארויס)) פאַרפרידליכט. יעדע נייע רעלאטיווע גלייכגעוויכט צווישען דער ארבייטענדיגער מענשהייט און דער נאטור טראגט מיט זיך א נייע פארמע פון רעליגיע. די רעליגיעזע פילאָסאפיע פון דער נייער צייט שטעלט מיט זיך פאר ניט נאָר חקירות אויף די פון דער פאזיטיווער רעליגיע געגעבענע טעמען, ווי דאס איז געווען אין מיטעלאַלטער, נאָר א ווירקליכע זוכענים פון א נייער רעליגיע, א שאפען פון נייע רעליגיעזע סיסטעמען. אמת, דאס רוב פון די גרויסע רעליגיעזע פילאסאפען פון 17טען, 18טען און פון אנהויב 19טען יאהרהונדערט האָבען ניט אפגעלייקענט דעם קריסטענטום, און האָבען אזוי ווי זיך באמיהט איהם צו געבען נאָר א נייע אויסטייטשונג, נאָר פון די דאזיגע אויסטייטשונגען האָט דעם קריסטענטום קיין געזונד ניט געקאנט צוקומען, און מיר זעהען דאָ זיכער א ער־שיינונג, וואס איז עהנליך צו „דאָפּעלטער בוכהאלטעריע” פון פריידענקענדיגע סכאָלאסטיקער. נייע רעליגיעזע סיסטעמען זיינען געווען די פילאסאפישע לעהרען פון שפינאָזא, לייבניץ, קאַנט, פיכטע, העגעל און אויך האָלבאך, דידראָ, פייערבאך. איך בין געניינט אנצונעהמען, אז

אויך דער מאַרקסיזם, אלס פילאָסאָפיע, איז אַ נייע, לעצטע, טיף קריטישע, אויסגעלייטערטע און צוזאמען א סינטעטישע רעליגיעזע סיסטעמע.

דער אונטערשיעד צווישען די אלטע פאזיטיווע רעליגיעס און די רעליגיעז־פילאָסאָפישע סיסטעמען באשטעהט פארמעל קודם כל אין דעם, וואס די אלטע רעליגיעס האָבען ארויסגעשטעלט אלס זייער יסוד — די געטליכע ענטפלעקונג, די געהיימניספולע, איר־ראציאָנעלע דאָגמע, האָבען איינגעפיהרט גייסטליכע — א קלאַס פון פארמיטלער צווישען גאָט און מענשען, זיי האָבען געשטרעבט צו באשאפען א פארגליווערטע און יערארכיש איינגעארדענטע קירך. די רעליגיעז־פילאָזאפישע סיסטעמען פון דער נייער צייט אנערקענען זיך פאר א פרוכט, וואס וואקסט ארויס פון די אנשטרענגונגען פון דעם מענשליכען שכל, די דעמאָקראטישע פרעטענזיעס ווערען שוין דערמיט אונטערגעהאקט. רעליגיע ווערט אפּגערייניגט פון דעם אבערגלויבען וועגען דער געטליכער זעלבסט־ענטפלעקונג, וואָס דערשלאָגט יעדע קריטיק. גאָט איז שוין מעהר ניט א פארפאסער פון ספרים. אלעס אין די נייע סיסטעמען איז — דאס מענשליכע, אלעס קאן קריטיקירט ווערען. לויט'ן אינערליכען אינהאלט שטעלט מיט זיך פאר די קייט פון די רעליגיעז־פילאָסאָפישע סיסטעמען א שטופענווייזע אויסלייטערונג פון דער מענשליכער רעליגיע פון די מיסטישע און מעטאפיזישע עלעמענטען. די פראגע וועגען פערזענליכקייט, מין און קאסמאס, וועגען לעבען און די נאטור־קרעפטען — ווערט אוועקגעשטעלט אלץ אויף א מעהר רעאלען באָדען, גאָט פארקלענערט זיך, אויף זיין רעכענונג וואקסט צוערשט די וועלט, און דערנאָך דער מענש. אלץ בולט'ער שלאגט זיך דורך דאָס געפיהל פון דער מענשליכער פרייהייט, אלץ קלענער פארשטעהט מען די אורזאכען פון דער מענשליכער שקלאפעריי, עס הערט אויף די אָפּהענגיגקייט פון געשפּענסטער, און שטופענווייז פארקלענערט זיך די אפּהענגיגקייט פון דער נאטור און פון די פּראדוקציאָנס־מיטלען, וואס צווינגען ארויף אויפ'ן מענשען א פיינליכע געזעלשאפטליכע ארדענונג. דער

וואוקס פון דעם גלויבען אין פּראָגרעס און דאס געפיהל פון זיין ווערדע אלס אַזעלכער, זיינען אויך וויכטיגע כאראקטעריסטישע שטריכען פון דער נייער רעליגיעזער פילאָסאָפיע.

ניט איין רעליגיע, די סאמע פאַנטאַסטישע און מיסטישע, קאָן זיך ניט אָפּרייסען פון עקאָנאָמיק. ניט נאָר מחמת דעם, וואס זי איז א טאָכטער פון דעם געגענווערטיגען לעבען'ס שטייגער, פון די געגענווערטיגע אינערליך ווידערשפּרעכענדיגע באַדינגונגען און באַציהונגען, נאָר אויך מחמת דעם, וואס איהר גאַנצע סיסטעמע, פאַרשפּרעכונגען, האָפענונגען און אָפּשאַצונגען איז אין אמת'ן געבונדען טאַקי מיט דער עקאָנאָמיק. זיי באאורטיילען די פראַגען פון גערעכטיגקייט און גליק, פון רעגרעס און פּראָגרעס, און דאס איז אַלץ סוף כל סוף עקאָנאָמישע טערמינען. דער זינן פון גע־רעכטיגקייט דערנעהענטערט זיך אינגאַנצען צו דער פראַגע וועגען דער פאַרטיילונג צווישען מענשען די שווערינקייטען פון לעבען און זיינע תענוגים. גליק, ווי סובטיל עס זאל ניט פאַרטייטשט ווערען, האָט אלעמאָל א ריין עקאָנאָמישען זינן, מחמת לויט זיין סאמע עצם איז עס א באַשטימטער פילאָזאָפישער צושטאַנד פון דער העכסטער באַפרידיגונג פון ארגאניזם. און דער סאמע טיפּ גליק טראָגט אויף זיך אַן אומאויסמעקבארען שטעמפּעל פון אנגעהע־ריגקייט צו דעם אדער יענעם קלאַס, ס'הייסט צו דער אדער יענער פּאָזיציע אין דעם פּראָדוקציאָנס פּראָצעס. דער גאלדענער יאָהר־הונדערט אדער דער גן עדן, אלץ איינס צי ער איז פּאַראוים אדער הינטער, איז אַן עקאָנאָמישער אידעאל. זיין כאראקטער און זיין אָרט ווערט באַשטימט מיט עקאָנאָמישע באַדינגונגען, און אויך ער אַליין באַשטעהט אלעמאָל אין דעם אדער יענעם געמעהל פון גליק־זעליגקייט.

די רעליגיעזע פילאָסאָפיע פון דער נייער צייט שטעלט אויך מיט זיך פאָר די פילאָסאָפיע פון דער מענשליכער עקאָנאָמיק. די מיסטישע רעליגיעס זיינען פעטישיסטישע אָפּשפּיגלונגען פון אַן עקאָנאָמישער סיסטעמע, — מארקס'ס פילאָסופיע איז א רעליגיע, וואס האָט זיך אנערקאַנט.

וואָס איז דער גרונד־פאַקט, וואָס האָט געשטויסען דעם מענש־ליכען געדאַנק אויפ'ן וועג פון דעם נייעם רעליגיעז־פילאָסאָפישען דענקען און זיך אָפּגעשפּיגעלט אין איהם?

דער דאָזיגער פאַקט איז — דער וואוקס פון דער ארבייטס און מאַנופאַקטור טעכניק, דער וואוקס פון האַנדעלס באַציהונגען, דער וואוקס פון שטעדט און זייער באַדייטונג אויפ'ן חשבון פון דאָרף און שלאָס.

די אַקערבוי טעכניק, אפילו אין די העכסטע שטופען פון איהר ענטוויקלונג, האָט איבערגעלאָזט דעם מענשען אין אָפּהענגיגקייט פון הימעל. און ניט נאָר פון הימעל, וואָס זיין געזעצמעסיגקייט קאָן מען אויסרעכענען, פון אַסטראָנאָמישען הימעל, וואָס די קאַל־דעיער האָבען נאָך אויסגעפאָרשט און וואָס האָט אַזוי שטאַרק גע־ווירקט אויפ'ן געבוי פון די גרויסע רעליגיעס פון די אַלטע קול־טורען, נאָר אויך פון דעם מעטעאָראָלאָגישען הימעל, וואָס זיינע שטורעמס, פראָסטען און רעגענס און וויזען זיך אוים אַלס פאַלשטענ־דיגע קאַפּריזען פון אַן אומזיכטבאַרען ווילען. אַ דאַנק דעם איז ניט געבליבען קיין באָדען פאַר'ן דעטערמיניזם, און דערמיט צו־זאַמען איז דאָ ניט געווען קיין באָדען פאַר אַ צווייפעללאָזער מאַכט איבער די ערשיינונגען. די געזעצמעסיגקייט פון אַסטראָנאָמישען הימעל האָט אַרויפגעבראַכט אויפ'ן געדאַנק וועגען אַ וועלט פון אומפאַרענדערליכע געזעצען, די דאָזיגע וועלט איז אפילו געוואָרען דער אידעאַל אָדער דער געווינשטער אָרט פון באַרוהיגונג, באַזונ־דערס פאַר די קלאַסען, וואָס שטעלען איין די סאָציאַלע אָרדענונג, די אומפאַרמיידליכקייט פון דעם מלוכה־געזעץ; — נאָר די אָרימע ערד, די ערד פון ריין מענשליכע, עקאָנאָמישע באַציהונגען, איז געבליבען אַ טאָל פון אומאָרדענונג. דער נאַטירליכער אויסגאַנג פון דעם ווידערשפּרוך — די אָנערקענונגען פון גיטיגע גאָטהייטען און שלעכטס אין דער נאַטור — איז געווען די אָפּשאַצונג פון שלעכטס אין דער נאַטור אַלס שטראָף פאַר דאָס סאָציאַלע שלעכטס, פאַר אָפּווייכען פון די געזעצען פון דער מלוכה, מאָראַל און רעלי־גיע, פאַר די זינד פון די מענשען.

נאָר ס'איז אויפגעקומען אַ בירגערשאַפט מיט אַ וואוקס פון אַרבייטס טעכניק; און די זאַך האָט זיך גענומען בייטן באַזונ־דערס לויט'ן מאַסשטאַב פון דעם, אויף וויפיל עס איז ברייטער געוואָרען דער געביט פון אַנווענדען מעכאַניזמען און אויף וויפיל פינקטליך מ'האָט געקאָנט פאַראויסזעהן די כימישע מעטאָדען. די געזעצמעסיגקייט, וועלכע עקזיסטירט בנוגע צו שטערן און אידעען (אויפ'ן געביט פון מאַטעמאַטיק און ריינער לאָגיק, אָדער פון דער אַלטער דיאַלעקטיק) ווייזט זיך שטופּענווייז אַרויס פאַר שטרענג עקזיסטירענד אויך בנוגע צו מעכאַנישע און כימישע ער־שיינונגען פון דער ערד, בעת זיי זיינען גענוג דורכאַנאַליזירט. די דאָזיגע ענטדעקונג האָט איבערראַשט די ערשטע גרויסע עמפּירי־קער. דאָס געטליך געזעץ האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר הערשענד אָהן אַן אויפהער אויך אין דער וועלט אונטער'ן הימעל, ניט אַ קאַפּריזנער פאַרענדערליכער ווילען פון אַ גאָטהייט, נאָר אויף איי־ביג דאָס איינציג געזעץ פון אַ גאָט, וואָס איז אַלעמאָל און אומע־טום צו זיך גלייך.

פאַר דעם גרויסען לעאָנאַרדאַ דאַ־ווינטשי איז די נויטווענ־דיגקייט און דער ווילען פון גאָט — איינס און דאָסזעלביגע, ער שרייבט אמת'ע תפלות צום „ערשטען באַוועגער", די געזעצמעסיג־קייט, וואָס ער ענטדעקט אומעטום, באַגרייפט ער, ווי עפּעס־וואָס הייליגעס און אין דער אייגענער צייט שעהנעס. דאָס שטאַרקסטע עסטעטישע געפיהל פון אַ וויסענשאַפטליכען און קינסטלערישען כאַראַקטער טרייסט איהם אין די אומפאַרטיילען פון פּערזענליכען לעבען און אין די העסליכקייטען פון געזעלשאַפטליכען לעבען. „אָ איבער־פּראַכט פון זאַכען פון גאָט באַשאַפענע", שרייט ער אויס, „ווי זאָל מען דיר אויסריהמען, ווי זאָל מען אויסדריקען דיין גרויס־אַרטיגקייט? וואָסער זשעני, וואָסער לשון וועט באַשרייבען דיינע פּראַצעסען, אָ אויג! — דאָס פענסטער פון מענשען, דורך וועלכען די נשמה קוויקט זיך מיט דער שענקייט פון דער וועלט און טרייסט זיך דערמיט אין איהר קנעכטשאַפט. און אָהן דער דאָזיגער שענ־קייט וואָלט עס געוועזן נאָר פּיין!" דאָס סאָציאַלע לעבען איז גע־

בליבען א פלאָג און א רעטענים, די נאַטור אבער האָט געגלאַנצט מיט נייער שענקייט. דאס הימעלשע און ערדישע האָט מיסטיש זיך צונויפגעגאסען. און אין דערזעלביגער צייט, בעת די ים־דרייזענדער און די געוואגטע סוחרים האָבען ארומגענומען די ערד אין זייערע נסיעות — האָבען זיי געגעבען א אינדוי־עקטען שטויס צו די גרויסע ענטדעקונגען פון קאָפערניקוס׳ן און קעפלער׳ן. וואס האָבען ארומגענומען די וועלט. די ערד האָט ענדגילטיג זיך באַזעצט אויפ׳ן הימעל, דער הימעל האָט אויפגעהערט זיין א פרעמדער און ער איז פול געווארען מיט קערפער, וואס זיינען עהנליך צו דער ערד, און ביי דזשירדאנא ברונא — אויך מיט מענשענעהנליכע קערפער. ברונא׳ס הערליכער קאָסמוס האָט אויפגעדעקט ניט נאָר אומענדליכע האָריזאנטען אין רוים און צייט, נאָר אין דערזעלביגער צייט אויך א אור־ערשטע איינהייט פון דעם גאנצען אומענדליכען וועלט־אַל.

די נייע זיכערקייט, וואס האָט זיך קיינמאָל ביז איצט ניט ארויסגעוויזען מיט אזא העלקייט, די זיכערקייט אין דער געזעצמעסיגקייט פון אלץ, וואס עקזיסטירט, האָט אויפגעדעקט די מענליכקייט פון א ניט געהערטער ביז היינט מאכט איבער דער נאַטור. גאָט האָט זיך דערווייטערט דאָרט, וואו דער בליק קאָן ניט אריינדרינגען, געבליבען איז נאָר די נאַטור, וועלכע איז געבונדען מיט דער נויטווענדיגקייט און דער מענש, וואס פארשטעהט צו ערקענען און צו קאָמבינירען די ערשיינונגען. „ערקענענדיג די אורזאכליכע פארבינדענים פון די נאַטור ערשיינונגען אין איהר גאנצער נויטווענדיגקייט — וועט דער מענש אויפבויען אויף אָט דעם יסוד דעם בנין פון זיין וואוילזיין און מאכטיגקייט״, האָט געשריבען דער ענגלישער דענקער בעקאָן. די נייע טעכניק האָט געמאכט מעגליך, און דערנאָך אויך זעהר געווינשט די לייזונג פון דער אויפגאבע: „ערקענען די נאַטור, אלס נויטיגע געזעצמעסיגע פארבינדענים פון ערשיינונגען״.

און דער מענש? ווארום ער איז דאך אויך א טייל פון דער נאַטור? ווען די נאַטור איז א גרויסער מעכאניזם, איז דען ניט

דער מענש א טייל פון דעם דאָזיגען מעכאניזם, א טייל, וואס איז אונטערגעווארפען צו דער דאזיגער געזעצמעסיגקייט? דער געדאנק האָט געמוזט קומען צו דעם דאזיגען אויספיהר און זיך אנשטויסען אויף א ווידערשטאַנד אויף דעם דאזיגען וועג. שטערונגען זיינען דאָ געוועזן צוויי סארטען. ערשטענס, דער מענש האָט זיך ניט געפיהלט אלס אָטאָמאַט. דעקארט האָט אנערקאנט פאר אָטאָמאַטען אלע לעבעדיגע וועזענס. און אין זיין ערקענטניס טעאָריע איז ער ארויס פון דעם אומיטעלבארען פאקט פון זעלבסטפיהלען, פון געדאנק: „קאָגיטאָ ערגא סום” — איך דענק, פאָלגליך, אז איך עקזיסטיר. דער סוביעקטיווער שטאַנדפונקט האָט געקאָנט זיין נאָר א ספּיריטואַליסטישער, דער אָביעקטיווער נאָר א מעכאַנישער. דער מענש האָט אין זיך פאראייניגט א גייסט ,וואס איז אבסאלוט ניט־עהנליך אויף עפּעס וואָס אנדערש, א העלער, זעלבסט־שטענדיגער ערשטער־פאקט — דאס באוואוסטזיין, און א מאַטעריעלע מאשין. דערפון שטאַמט דער פאטאלער דואַליזם. ס'האָט אויסגעוויזען אומזיניג אנצוערקאָנען דעם מענשען פאר אן אָטאָמאַט, אנשטאָט אן ערקלערונג האָט עס אריינגעטראגען א פּלאָנטער און האָט געדרעהט דעם קאָפּ. מיט זיין אפענער אומזיניגקייט און מיט דעם ווידערשפּרוך צו דער לעבעדיגער אלטעגליכער ערפאהרונג.

דערווייל דארף מען געדענקען, אז די עקאָנאָמישע אויפגאבע, די אויפגאבע פון וואוקס פון מאכטיגקייט און רייכקייט פון דעם מענשען באשטעהט ניט נאָר אין פּראָדוקציאָנס טעכניק, נאָר זי איז טיף געבונדען מיט די פראגען פון פּאָליטיק און רעכט. ס'איז גענוג אנצורופען אזעלכע נעמען, ווי מאַקיאַוועלי, גראציוס, וויקאָ, גאָבס, כדי צו ווייזען, ווי אנגעשטרענגט דער געדאנקען האָט געארבייט אויף דעם דאזיגען געביט. נאָר כדי צו לייזען די גרויסע פּראָבלעמען פון דער סאציאַלער ארדנונג איז אויסגעקומען צו נעמען דעם מענשען אזוי, ווי די לעבעדיגע ערפאהרונג האָט איהם געגעבען, רעדען וועגען זיינע גוטע און שלעכטע נייגונגען, וועגען זיין פּסיכאָלאָגיע. וואָלט דען ווייט אוועקגעגאנגען מאַקיאַוועלי,

ווען ער וואלט פארביטען זיין פסיכאָלאָגישען שטאנדפונקט, זיין טיפען וויסען פון דער מענשליכער „נשמה" — אויפ'ן שטאַנד־פונקט פון מאטעריאליסטישען אַטאָמאטיזם? אפילו אויך פאר אונזער צייט איז דורכפיהרען א ריין פיזיאלאָגישען שטאנדפונקט דורך דער גאנצער סאָציאָלאָגיע א אומדאנקבארע זאך ביז צו קאָ־מיזם.

אלזא, די פראָבע האָט ניט אויסגעהאלטען ניט נאָר מחמת דעם אנגעהאלטענעם קאמף צווישען דער קאטאָלישער טראדיציע און די באוויזען פון דער נייער וויסענשאפט, נאָר מחמת איהר אביעקטיווער דאָפעלטקייט, צווייהייט. ווי האָט אנדערש געקאנט זיין? די אסטראנאמיע, די מעכאניק האָבען שוין גענומען אונ־טערטעניג מאכען די אויסוויזענדיגע צופעליגקייט פון „דעם זיין", פון דער עקזיסטענץ צו דער אידעע פון כיאטעמאטיש אויסגעדריק־טער געזעצליכקייט. דאס האָט עדות געזאגט וועגען דעם, אז דער קאפיטאליזם געהט אויף מיט זיין מעכאניש פראדוקציאנס מאכ־טיגקייט, דאס האָט באדייט, אז דער מענש שטעלט זיך מיט א פעסטען פוס אויפ'ן וועג פון ערקענטניס און ארבייט, אוועקוואר־פענדיג דעם וועג פון מיף און מאגיק. נאָר דער קאפיטאליזם האָט דאָך ניט געטראגען און האָט ניט געקאָנט טראגען מיט זיך א קלאָ־רען און איינצעלנעם סדר פון מיטארבייטערשאפט! די קרעפטען, וואָס זיינען פון איהם אויסגעוואקסען — די מעטאָדען פון דער נייער היינטיגער וויסענשאפטליך־אוועקגעשטעלטער אינדוסטריע, — האָבען נאָך געמוזט ווערען די שרעקליכסטע טיראנען פון דעם מענשען. אויף דעם אָרט פון די געטליכע נאָכגעגעבענע נאטור־קרעפטען האָבען זיך געשטעלט די סטיכישע קרעפטען פון א צו־ריסענער, אנארכישער געזעלשאפטליכקייט. די צייט איז נאָך ניט געקומען גובר צו זיין מיט'ן שכל די געזעלשאפטליכע סטיכיע. די פארזוכען אריינצודרינגען דעם מענשען און די געזעלשאפט אין די רעהמלאך פון א נייער מעכאנישער וועלטאנשויאונג האָבען זיך ניט איינגעגעבען, אמאָל האָבען זיי ארויסגערופען א רעאקציע אין דער פארמע פון אומקעהרען זיך צום קאטאָליציזם אדער בכלל

צום האלב־קריסטליכען מיסטיציזם. די פארקעהרטע פארזוכען — באשאפען די איינהייט פון א וועלטאנשויאונג פון א אידעאליס־טישען טיפ — זיינען געווען קעגען דעם רעאליסטישען, ניכטער־פראקטישען גייסט פון דעם אינדוסטריעלען און האנדעלס מענשען, וואס האט געגעבען א טאן. פונדעסטוועגען וויעדערהאלען זיך די און יענע פארזוכען, ווי אויך די פארזוכען צו מאכען א סינטעז, צו פאראייניגען די ווידערשפרוכען.

זעקסטער קאפיטעל.

דער אוטאָפּיסטישער סאָציאַליזם.

אין דעם אריינפיהר צו זיין געשיכטע פון סאציאַליזם שרייבט קאאוטסקי: „די היינטיגע אינטערנאציאָנאלע סאציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אין דער געשיכטע צוויי וואָרצלען. ביידע זיינען ענטשטאַנען אויף איין און דעם זעלביגען באָדען — אויף דעם באָדען פון דעם עקזיסטירענדען ווירטשאַפטליכען און געזעלשאַפטליכען סדר. ביידע האָבען איין און דעמזעלביגען ציעל — אבער ביידע זיינען פאַלשטענדיג פאַרשידען לויט זייער תוך. איינער פון די דאָזיגע וואָרצלען, דער קאָמוניסטישער אוטאָפּיזם, איז ענטשטאַנען צווישען די העכערע קלאַסען. זיינע פאַרשטעהער געהערען צו דער גייסטיגער אריסטאָקראַטיע פון דער געזעלשאַפט. דער אַנדערער וואָרצעל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — דער קאָמוניזם פון גלייכהייט, איז ענטשטאַנען צווישען די נידעריגע קלאַסען, וואָס זיינען נאָך מיט עטליכע צעהנדליגער יאָהרען צוריק געשטאַנען אויף די סאַמע נידעריגע שטאַפּלען לויט זייער גייסטיגער ענטוויקלונג. דער אוטאָפּיזם איז ענטשטאַנען אַ דאַנק דעם, וואָס די הויך געבילדעטע מענשען, וואָס אויף זיי האָבען די אינטערעסען פון זייער קלאַס ניט געווירקט, האָבען טיף פאַרשטאַנען די ווירקליכקייט".

ווענען דעם סאָציאַליזם פון די געדריקטע מאַסען, ווענען דעם האַלבבאַוואוסטזיניגען סאָציאַליזם האָבען מיר שוין פריהער גערעדט. שטיצענדיג זיך אויף דעם נאַטירליכען דאָרשט צו גערעכטיגקייט, אַזוי אויך אויף דעם אומקלאָרען פאַרשטעהן פון אַ העכערער צוגעפּאַסטקייט, פון אַ פריינדליכען, ברידערליכען קאָמוניסטישען סדר האָבען באַזונדערע גרופּען פון דעם ארבייטס פאָלק

אויפגעהויבען די פאהן פון א פרידליכען אדער געוואלטזאמען קאמף פאר סאציאליזם. דאך האט די גרונד פראגרעסיוויטעט פון דער סאציאליסטישער אידעע זיך אינגאנצען פארלוירען הינטער די שטריכען פון א עקאנאמישער און בכלל קולטורעלער רעאקציאנערקייט, וואס איז נאטירליך ארויסגעוואקסען פון די אומשטענדען פון דער צייט. דער פראגרעס פון דער טעכניק און פון פרייען געדאנק איז געגאנגען מיט אן אנדער וועג, און ביידע האבען אויסגעוויזען פיינדליך צו די נידעריגע שיכטען פון דער דעמאקראטיע. די זאך ענדערט זיך נאר לויט'ן מאסשטאב פון דעם, ווי עס קומט אויף צווישען די דאזיגע נידעריגע שיכטען א פראלעטאריאט פון קאפיטאליסטישע אונטערנעהמונגען. און דא, איבריגענס, הויבט אן די אידעע פון סאציאליזם זיך פארשפרייטען פון אנהויב אין איהר אלטער פארמע: די ארבייטער ווערען הינגעריסען מיט'ן באגריף פון גערעכטיגקייט, זיי הערען זיך צו צו דער עקאנאמיש-רעאקציאנערער קריטיק אויף קאפיטאל, צו די טעאריען, וואס באמיהען זיך אומצוקעהרען אויף צוריק דעם ראד פון דער געשיכטע און צו באשאפען א גן עדן פון זעלבסטשטענדיגע און סאלידארע בעלי מלאכות, מיט האס באציהען זיי זיך צו זייערע דייטליך פיינדליכע אונמיטעלבארע אינטערעסען — צו די מאשינען, אין דער וויסענשאפט און אין פראגרעס זעהען זיי קרעפטען, וואס דינען דעם קאפיטאל. נאר מיט'ן וואוקס פון א גרויסען קלאס טרעט איין א ראדיקאלע ענדערונג. צו די גרויסע טעכנישע קרעפטען, וואס ווערען אויסגעוואקסען פון דער בורזשואזיע פאר זייערע אייגענע אינטערעסען, הערט מען אויף זיך צו פארהאלטען ווי צו אן איינפאכער סיסטעמע פון וואס מעהר ארויסדריקען. אין דער נייער טעכניק זעהט מען א קוואל פון צוקונפטיגען גליק, א שטיצע פאר דער ווייטערדיגער ארבייט, מען פארשטעהט אויסגעצייכענט דעם גאנצען ווערט פון דער טעכניק און וויסענשאפט, און די אורזאכען, וואס האבען ארויסגעבראכט אין רייה מיט'ן וואוקס פון די פראדוקטיווע קרעפטען א גרויזאמע אנארכיע פון דער פראדוקציאן, אין דייה מיט'ן ריזיגען שטייגען פון רייכקייט — נויט און אומזיכער-

קיים מיט'ן מארגענדיגען טאָג. דער פראגרעס, וואס וויקעלט זיך דערוויילע פאנאנדער אין קאפיטאליסטישע פארמען ווערט באגריי־פען ווי א דואליסטישע ערשיינונג: מען באגריסט איהם, אויף וויפיעל ער מאכט אלגעמיין די ארבייט, מען לייקענט איהם אָפּ, אויף וויפיעל ער פאראורזאכט, אז די פראדוקטען פון דער דאזי־גער ארבייט זאלען אלץ מעהר ווערען דאס אייגענטום פון יחידים. קאפיטאל עקספראפריאירט פריוואטע אייגענטימער, פראָלעטאַרי־זירט אינדיווידועלע פראדוצירער, פריוואט אייגענטום, וואס ווערט קאָנצענטרירט אין פארהעלטניסמעסיג ניט פיעלע הענד, פאראור־זאכט א גוואלדיגע אונרעגעלמעסיגקייט; און דער פראלעטאריאט דערציהט זיך דערוויילע און ארגאניזירט זיך, כדי אריינצונעמען אין זיינע הענד די גרויסע אינדוסטריען, וואס קאפיטאל האָט באַ־שאפען, צו צונעמען ביי זיי אויף אלעמאל דעם כאראקטער פון גע־צייג אויף צו עקספלואטירען און צו מאכען פראָפיטען און זיי צו מאכען פאר א קוואל פון סאציאלען וואוילזיין און סאציאלער מאכטיגקייט.

אויף אזא אופן, דער פאלקס סאציאַליזם, אין דער פארמע פון א פראלעטארישען סאציאליזם הערט ניט נאָר אויף צו ווידערשפרע־כען דעם עקאָנאָמישען און קולטורעלען פראגרעס פון דער מענש־הייט, נאר ער ווערט די איינציגע קראפט, וועלכע הארמאָנירט פאל־שטענדיג מיט די פאדערונגען פון דעם דאזיגען פראגרעס.

א סך שווערער וואלט געווען דער וועג פון פראלעטאריער צו זעלבסטבאוואוסטזיין, ווען אויפ'ן האלבען וועג וואלט איהם ניט באגעגענט דער געדאנק, וואס האָט בירושה זיך ענטוויקעלט פון דעם סאציאליזם פון די נאָבעלע אוטאָפּיסטען, וואס האָט אין זיך אויפגענומען פיעלצאָליגע אנדערע אידעען־שטרעמונגען, וואס האָט אין זיך איינגעזויגען א ניי ערפאהרען, וואָס ווערט געגעבען פון דער קאפיטאליסטישער וועלט, וועלכע ענטוויקלען זיך, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו די פאדערונגען און האָפּענונגען פון דעם וואקסענ־דיגען ארבייטער קלאַס און האָט אָנגענומען א הערליכען געשטאלט פון דעם וויסענשאפטליכען סאָציאַליזם.

אונז איז ניט נויטיג זיך צו פארשפרייטען דא אויפ׳ס ניי וועגען דעם, אז די פראגרעסיווע וועלטאנשויאונג פון דעם יונגען רעוואלוציאנערען ארבייטס קלאס איז א נייע רעליגיע. רעליגיעס זיינען אויך געווען די גרויסע מאטעריאליסטישע און אידעאליסטישע סיסטעמען. אין פייערבאך׳ן האבען מיר געזעהן א דענקער, וואס האט סינטעזירט מיט א גרויסער קראפט די פרייהייטליכע, פאזיטיווע און אטעאיסטישע טענדענצען פון מאטעריאליזם מיט די טיפע אידעען פון זיינע דייטשע פארגעהער וועגען מענשליכען מין, וועגען דער הערליכקייט פון זיין לעבען און ענטוויקלונג.

נאר מארקס האט מיט פולען רעכט אנגעוויזען אויף דעם ערנסטהאפטיגען פעהלער פון פייערבאך׳ס פילאזאפיע: ער האט ניט געגעבען ניט קיין קאנקרעטער קריטיק פון יענער געזעלשאפטליכער ארדנונג, צו וועלכער עס ענטשפרעכען די פארשיעדענע פארמען פון דער אלטער רעליגיע, און אין וועלכע ס׳איז אזוי שווער זיך דורכצושלאגען צו די שפראצונגען פון א ליכטיגערער צוקונפט; ניט א וויפיעל עס איז קאנקרעטער פארשטעלונג וועגען יענע פארמען פון געזעלשאפטליכקייט, אין וועלכע עס וועט זיך אויסגיסען דער מין, וואס האט אנערקאנט זיך און זיין איינהייט, ניט קיין קאנקרעטער פארשטעלונג וועגען יענע וועגען, מיט וועלכע עס געהט דאס דאזיגע זעלבסטבאוואוסטזיין, און וועגען יענע שטערונגען, וועלכע עס באגעגענט און באגעגענט נאך.

די דאזיגע פראגען האבען געגען זיך אוועקגעשטעלט די אוטאפיסטען.

אין אונזער אויפגאבע געהט ניט אריין קלאר צו מאכען די געשיכטע פון סאציאליזם אין זיין גאנצען. אונזער אויפגאבע איז קלאר צו מאכען די עוואלוציע פון רעליגיעזען געדאנק, דעם הערערען אויסדרוק פון וועלכען מיר זעהען אין דער וויסענשאפטליךסאציאליסטישער פילאסאפיע פון דער געשיכטע, אויף וויפיעל זי רעדט ניט נאר צו דעם מענשליכען געדאנק, נאר אויך צו דעם מענשליכען געפיהל. אט פאר וואס אין דעם פארליעגענדען קורצען איבערזיכט וועלען מיר זיך אפשטעלען נאר אויף ניט פיעלע או־

טאָפּיסטען, אויף יענע, וואס האָבען אריינגעטראגען עפּעס־וואס באזונדער וויכטיגעס אין דעם אוצר פון דער סאָציאליסטישער רע־ליגיעזער פילאָסאָפיע.

ענגעלס גיט דעם גאנצען אוטאָפּיזם פון דער נייער צייט פאָל־גענדע כאראקטעריסטיק: „צו דעם אונרייפען צושטאנד פון דעם קפּיטאליסטישען באטריב, צו דער אונרייפער קלאסען לאגע האָ־בען ענטשפּראכען אויך די אונרייפע טעאריעס. די לייזונגען פון די געזעלשאפטליכע אויסגאבען, נאָך באהאלטענע און אומענטוויקעלטע עקאָנאָמישע באציהונגען, האט מען געזוכט צו דערגרייכען על פי שכל. די געזעלשאפט האט פארגעשטעלט נאָר אומאָרדענונגען; די אויפגאבע פון דעם דענקענדען שכל איז געווען צו באזייטיגען די אומארדענונגען. געהאנדעלט האט זיך וועגען דעם, כדי צו ער־פינדען א נייע פאלקאָמענע סיסטעמע פון א געזעלשאפטליכער ארדענונג און זיי שענקען צו דער געזעלשאפט פון דרויסען, דורך פּראָפּאגאנדא „און ווען מעגליך, איז דורך א ביישפּיעל פון מוסטער־האפטע עקספּערימענטען".

דער אוטאָפּיזם איז ארויסגעגאנגען אין א באדייטענדער שטו־פע פון דער פילאָסאָפיע פון די ענציקלאָפּעדיסטען. אין דער דאָ־זיגער פילאָסאָפיע פלעכטען זיך אייגענארטיג דורך פּאסיוויטעט און אקטיוויטעט. פון איין זייט ווערט די נאטור (די אוטאָפּיסטען פארבייטען זי דירעקט מיט גאָט) אָנגענומען פאר'ן העכסטען שכל און העכסטען גליק, וואס האט אין אמת'ן אלצדינג צוגעגרייט פאר'ן אלגעמיינעם גליק. מענשען דארפען נאָר נאָכפאָלגען איהרע באַ־פעהלען, און זייער גאנצע לעבען וועט פארוואנדעלט ווערען אין א ריינעם געגוס. נאָר די מענשען האָבען צודרעהט זייערע אינ־סטינקטען, זיי האָבען באשאפען אויף דעם וואונדערליכען נאטיר־ליכען פּאָן פון דער נאטור א עקעלהאפטע און גענענאטירליכע ציו־וויליזאציע. צו דער דאָזיגער אומפּארנינפטיגער אָרדנונג דארף מען מאכען א סוף. די מיינונגס־פארשיעדענהייט צווישען רוססאָ, וואס האט גערופען צוליעב דעם צו דער נאטור, צום אינסטינקט, און די ענציקלאָפּעדיסטען, וואס האָבען גערופען פאָרווערטס, צום

פּראָגרעס, צום שׂכל, — וואָס ווערט באַטראַכט אין אָט דער פּאַזע, — איז ניט וועזענטליך: אי אין דעם און אי אין דעם אַנדערן פּאַל איז פּאַראויסגעזעצט געוואָרען, אַז דער מענש מוז טרעפען אָביעקטיוו די געוויסע נאָרמען און ער קאָן זיי פאַרווירקליכען. די מאַכט פון שׂכל, זיין פעהיגקייט צו באַשאַפען גליק אויף דער ערד, האָט גערוהט, לויט דער דאָזיגע וועלט־אַנשויאונג, טאַקי אויף דער מעגליכקייט פאַר איהם צו טרעפען די אמת'ע באַפעהלען פון דער נאַטור אָדער פון גאָט, און מיט'ן שיין פון דעם אמת צו פאַרנאַנ־דערטרייבען די פינסטערקייט פון די טעות'ן.

די אוטאָפּיסטען זיינען ווייטער געגאַנגען אין זייער קריטיק און אין זייערע פּאָדערונגען, ווי די ענציקלאָפּעדיסטען, נאָר זייער גייסט איז געווען אין תוך דערזעלביגער. זייער גלויבען אין דער פעהיגקייט פון דעם מענשען צו פאַרווירקליכען זיין פאַרנינפטיגען אידעאַל איז זיכער געווען אַ נאַאיווער. זיי האָבען ניט געוואוסט, אַז די אורזאַך פון מענשליכע אומגליקען זיינען ניט די איינפאַכע טעות'ן, נאָר גראַד די אָפּהענגיגקייט פון די סטיכישע נאַטור־קרעפּ־טען אין דער ערביטערטער קאַמף פון די אינטערעסען פון פאַר־שיעדענע גרופּען און קלאַסען, פון די אינטערעסען, וואָס ווערען באַשטימט אין ענדליכען חשבון מיט דער ארבייטס אָרגאַניזאַציע פון דער עקזיסטירענדער געזעלשאַפט, וואָס איז ארויסגערופען גע־וואָרען פון דער געגענוואַרטיגער ענטוויקלונגס שטופע פון די פּראָ־דוקציאָנס קרעפטען.

פונדעסטוועגען געהען מאַנכע מאַרקסיסטען־פאַטאַליסטען, און מיט זיי, ווי זאָנדערבאַר דאָס איז ניט, דער באַריהמטער לעהרער פון די היינטיגע סינדיקאַליסטען — סאָריעל, צו ווייט, שטרעבענ־דיג פאָרצושטעלען דאָס גאַנצע געזעלשאַפטליכע לעבען אין דער פאַרגאַנגענהייט, געגענוואַרט און צוקונפט ווי אַ פּראָדוקט פון אוי־סערליכער נויטוועגדיגקייט, בעת, לויט דעםווירקליכען געדאַנק פון מאַרקס'ן און ענגעלס'ן, איז עס אַ פּראָדוקט פון אַ קאַמף אַלץ מעהר באַוואוסטזיניגען, פון דער איינצעלנער און מעכטיגער מענש־ליכער פרייהייט מיט דער דאָזיגער נויטוועגדיגקייט.

באַבעף, אַרויסגעהענדיג פון די פאָדערונגען פון דער דעמאָקראַטישער נויטווענדיגקייט, איז געקומען צו יענעם אויספיהר, אַז נאָר אַ ראַדיקאַל איבערשאַפען פון דעם גאַנצען סאָציאַלען סדר, און טאַקי דער איבערגאַנג פון עקאָנאָמישען אינדיווידואַליזם צום קאָמוניזם, קאָן פאַרזיכערען אַ שטאַנדהאַפטיגע גלייכהייט. באַבעף׳ס קאָמוניזם איז נאָך אַרויסגעגאַנגען פון דער גערעכטיגקייט׳ס אידעע און איז געווען עקאָנאָמיש רעאַקציאָנער.

פוריע׳ס אוטאָפיזם שטעלט מיט זיך פאָר אין מאַנכע פּרטים אַ גרויסען טריט פאָראויס. פוריע איז אַרויס ניט פון די אַלגעמיינע גערעכטיגקייט׳ס פּרינציפּען, נאָר פון די ספּעציפישע אייגענשאַפטען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג: שאַרף און שאַרפזיניג קריטיקירט ער די אַנאַרכיע, וואָס הערשט אין איהר, די זינלאָזע קרעפטען פאַרשווענדונג, וועלכע ביי אַ בעסערער אָרדנונג וואָלטען געקאָנט אָהן אָנשטרענגונג באַשאַפען אַ עקאָנאָמישען יסוד פאַר דעם וואוילזיין פון אַלעמען. ווען מאַרקס האָט פייערבאַך׳ן פאַררעכענט פאַר אַ שולד דאָס, וואָס ביי איהם פעהלט די קריטיק פון דער קאָנקרעטער ווירקליכקייט, האָט פוריע געטאָן אויסערגעוועהנליך פיעל פאַר אַזאַ קריטיק. ענגעלס רעזומירט אויסגעצייכענט דעם דאָזיגען וויכטיגען טייל פון פוריע׳ס לעהרע: „אָהן רחמנות דעקט ער אויף די מאַטעריעלע און מאָראַלע אָרימקייט פון דער בורזשואַזער וועלט, באַרירהרענדיג דערביי די גלענצענדע פאַרשפּרעכונגען פון די אויפקלעהער וועגען דער געזעלשאַפט, וואו עס וועט הערשען נאָר דער שכל, וועגען דער ציוויליזאַציע, וועלכע וועט אַלעמען באַגליקען, וועגען דער גרענעצלאָזער פעהיגקייט פון דעם מענשען צו פאַרפאָלקאָמונג, אַזוי אויך ווי די שעהנע פראַזען פון די בורזשואַזע אידעאָלאָגיען פון זיין צייט; ער ווייזט, אַז אומעטום, אויף דער העכסטער פראַזע, ענטפּערט אַ נעבעכדיגע, באַדויערענסווערטע ווירקליכקייט און דעם דאָזיגען האָפנונגסלאָזען דורכפאַל פון דער פראַזע פאַרפאָלגט ער מיט שטעכעדיגען שפּאָט. פוריע איז ניט נאָר אַ קריטיקער: זיין לוסטיגער כאַראַקטער מאַכט איהם פאַר אַ סאַטיריקער און דערצו פאַר איינעם פון די

גרעסטע סאטיריקער פון אלע צייטען. פונקט אזוי מייסטער־האפט, ווי אמוזירענד, שילדערט ער די ספעקולאציע, וואס האט זיך צושפיעלט מיט דעם פאלען פון דער רעוואלוציע, ווי אויך די קליין־הענדלעריי, וואס האט אומעטום געהערשט אין דעם דאמאלס־דיגען פראנצויזישען מסחר. נאך מעהר מייסטערהאפט איז זיין קריטיק אויף די בורזשואזע פארמען פון די באציהונגען צווישען די געשלעכטען און די לאגע פון דער פרוי אין דער בורזשואזער געזעלשאפט. צום ערשטען מאל זאגט ער ארוים דעם געדאנק, אז אין יעדער געזעלשאפט איז די שטופע פון דער עמאנציפאציע, וואס די פרוי האט דערגרייכט, א נאטירליכע מאס פון דער אלגע־מיינער עמאנציפאציע. נאר אם מעהרסטען הערליך איז פוריע אין זיין בליק אויף דער געשיכטע פון דער געזעלשאפט. די גאנצע גע־שיכטע ביז אונזערע טעג טיילט ער אויף פיער שטופען פון איהר ענטוויקלונג: ווילדקייט, בארבאריזם, פאטריארכאט און ציוויליזאציע, דערביי פאלט צוזאמען די לעצטע שטופע מיט דער איצט אזוי גערופענער בורזשואזער געזעלשאפט, און ער באווייזט, „אז די ציוויליזירטע ארדנונג דערפיהרט יעדע פארהערשענדע נייגונג צו טאן שלעכטס, וואס דער בארבאריזם פראקטיצירט אין אן איינפאכער פארמע, ביז צו א קאמפליצירטער, צווייידייטיגער, צביעות׳דיגער פארמע", אז די ציוויליזאציע באוועגט זיך אין „א פארדארבענעם קרייז", אין ווידערשפרוכען, וואס זי באשאפט אלעמאל, ניט זייענדיג אימשטאנד זיי בייצוקומען, און אזוי דער־גרייכט זי אלעמאל דאס געגענגעזעצטע צו דעם, וואס זי וויל דער־גרייכען אדער וואס זי גיט ארוים פאר א ציעל פון איהרע שטרע־בונגען. אזוי, צום ביישפיעל, „אין ציוויליזאציע ענטשטעהט ארימ־קייט פון איבערפלוס גופא".

אין זיין פאזיטיווער לעהרע איז פוריע אין אונטערשיידונג פון רוססא און באבעף, נאר אין פולער איינשטימונג מיט דעם העדאניזם פון די ענציקלאפעדיסטען, אן ענטשלאסענער געגנער פון יעדען אסקעטיזם און א באגייסטערטער זינגער פון זינליכען גענוס. אין הסכם מיט זיי איז ער איבערצייגט אין דער גרונד צו־

געפּאַסטקייט פון דער נאַטור און דעם מענשען. אויף וויפיעל גאַליג און פּעסימיסטיש ער פאַרהאַלט זיך צו דער קאַפּיטאַליסטישער ציוויליזאַציע, אויף אַזוי פיעל פריידיג גלויבט ער אין דער אידעאַליטעט פון דעם מענשליכען תוך אליין פאַר זיך. די ערגסטע און נידריגסטע נייגונגען פון׳ם מענשען ווייזען זיך נאָר אויס אַזעלכע איבער די אומגעלומפּערטקייט פון דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, וועלכע ענטשפּרעכט דורכאויס ניט צו די אויסזיכטען פון באַשעפער.

ניט ווייניג שאַרפזין האָט פוריע אויסגענוצט אויף דעם, כדי צו באַווייזען, ווי די גאָר גיטיגע רעזולטאַטען קאָנען באַקומען ווערען פון אַזוי געראָפּענע שלעכטע ליידענשאַפטען. פוריע לאָזט אַלץ נאָך אין האַרמאָניע. אַלץ איז פאַר איהם נאָך זיין מיינונג פאַרטיג. דער איינציגער שטער איז דער העסליכער געשטעל פון געזעלשאַפטליכען לעבען. נאָר אַזוי ווי דער געשטעל איז אַ פשוט׳ער פּרוכט פון אַ טעות, איז כדאי נאָר צו ערקלערען די מענשען וואָס אויספּיהרליכער די יסודות פון אַ פאַרנינפטיגער אָרדנונג אין אַלע איהרע אָנציהענדע באַזונדערהייטען, כדי זיי זאָלען זיך אָפּזאָגען פון זייערע פאַרדערבליכע טעות׳ן און זיך אַ נעהם טאָן פאַר דער אויפבויאונג פון די פאַלאַנסטערען (אַזעלכע קהלות, אָבשצינעס), פאַרווירקליכען די געניאַלע פאַנטאַזיע פון אונזער אוטאָפּיסט. פאַרוואָס־זשע האָבען דאָך פוריע׳ס ווערק ניט אַרויסגערופען יענע איבערקעהרענים אין מענשליכע קעפּ, וואָס ער האָט ערוואַרט? ווייל ניט נאָר האָט מען באַדאַרפט מענשען דערצעהלען וועגען דער פאַלאַנסטערע, נאָר אויך זיי ווייזען, זיי זאָלען זעהן מיט זייערע אייגענע אויגען, און אין דעם פּרט איז געווען אָן אָפּהאַלט איבער אַ קליינינקייט — פוריע האָט קיין געלד ניט געהאַט. און אָט אין די לעצטע צעהן יאָהר פון זיין לעבען האָט דער שווייגענדיגער זקן אַקוראַט געוואַרט יעדען טאָג, אַז עס וועט זיך באַווייזען אַ קלוגער גוטמוטיגער מיליאָנער, וועלכער וועט איהם געבען יענעם אָנשפּאַר־פּונקט פאַר זיין הויב־שטאַנג, וואָס מיט זיין הילף זאָל ער קאָנען איבערקעהרען דעם ערד־קוגעל. פוריע׳ס טיפע אמונה אין דער צוגעפּאַסטקייט פון אַלץ, וואָס עקזיסטירט, מיט דער אוים-

נאהמע פון דער קאפיטאליסטישער ציוויליזאציע, האט זיך אפגע־שטעלט אביסעל פארווירט קעגען דער ניט גענוגער „פארמענש־ליכטקייט” פון דער נאטור. ער האט דאך ערוואַרט, אז צו דער צייט פון א פולער ענטוויקלונג פון די פאלאנסטערען, וועט די נא־טור אליין ענדערען איהר פנים. „פילאסאפען!” — שרייט ער אויס — „אומזיסט וועט איהר אנפאקען די ביבליאטעקען מיט ווערק, וואס ריידען וועגען גליק: איהר וועט דאס גליק ניט גע־פינען. כל זמן איהר וועט ניט אויסרייסען מיט'ן ווארצעל דעם שטאם פון אלע סאציאלע אומגליקען — די אינדוסטריעלע צוברע־קעלטקייט אדער די פאנאנגעשיידקייט פון ארבייט, וואס ווידער־שפרעכט דעם געטליכען ווילען”.

קענטיג, אז ווען מענשען וועלען אנטקעגענקומען צום געט־ליכען ווילען, וועט גאט'ס ווילען מאכען א טריט אויף צו באגע־גענען זיי. דאס איז פון פריהער פאראויסגעזעהן געווארען פון געטליכען פלאן. פוריע האט „ענטדעקט”, אז דער פעריאד פון הארמאניע וועט ברענגען מיט זיך דאס אלגעמיינע גליק. דאן וועט זיך באווייזען דאס נארד־ליכט און עס וועט פארקומען א איבער־קעהרענים אין דער אויסערליכער געשטאלט פון ערד־קוגעל. דער קלימאט וועט בלייבען דערזעלביגער פאר דעם גאנצען ערד־באל, די ווילדע חיות וועלען פארשווינדען, און זייערע ערטער וועלען פארנעהמען נייע באשעפעניסען, נוצליכע פאר'ן מענשען; די וואסער פון אקעאן וועט פארוואנדעלט ווערען אין לימאנאד און די ערד וועט ווערען נאר א גן־עדן!

פוריע איז בכלל געווען גענייגט צו פאנטאזירונג, אפט צו א זינלאזער. דאס, וואס ער אליין האט גערעכענט פאר רעליגיעזעס אין זיין סיסטעמע — וועט שטארבען אהן אן איבערבלייבעכץ. נאר די טיילען פון זיין לעהרע, וואס אין זיינע אויגען זיינען געווען אמווייניגסטען רעליגיעז, האבען ארויסגעוויזען א גרויסע הילף צו דער ענטוויקלונג פון דעם נייעם רעליגיעזען געדאנק. וויכטיג איז געווען זיין באגייסטערטע באציהונג צום פראגרעס, וואס באשטעהט אין דער אלץ שטארק־ווערענדיגער הארמאניע פון מענשליכע איינ־

טערעסען, פון מענשליכע אָנשטרענגונגען, וויכטיג איז געווען זיין איבערצייגונג אין דער נויטווענדיגקייט פון א גרונד איבערקעהרענים פון דער סאָציאַלער אָרדנונג, א איבערקעהרענים, וואָס איז די איינציגע פאָרבאַהויפּטונג, דער איינציגער פאָדרואַץ פאר א רעאַלער לייזונג פון דער רעליגיעזער פּראָבלעמע, פון דער פּראָבלעמע וועגען דעם מענשען און דער נאַטור.

נאָך בולט'ער האָבען ארויסגעשטעלט די דאָזיגע זייט פון דער זאַך סען־סימאָן און זיין תלמיד באַזאַר. סען־סימאָן'ס צענטראַל־אידעע איז געווען די אידעע פון פּראָגרעס. געהענדיג אין קאָנדאָרסע'ס טריט, וועלכער האָט אָנגעזאָגט די דאָזיגע פול מיט גלאַנץ און פרייד אידעע העכער פון אַלע ענציקלאָפּעדיסטען, האָט סען־סימאָן געגלויבט אין די אומענדערליכקייט פון געזעץ פון פּראָגרעס מיט ניט ווייניגער קראַפט ווי העגעל, נאָר ער האָט צוגעגעבען צו דער אידעע פון פּראָגרעס אַן אומפאַרגלייכליך גרעסערע באַשטימטקייט. און פאר איהם זיינען די כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון פּראָגרעס די שטופּענווייזע פאַרשווינדונג פון קנעכטשאַפט, דער וואוקס פון ערקענטנים און די אָרגאַניזאַציע פון אַלץ מעהר ברייטע און אַלץ מעהר אינערליך סאָלידאַרע געזעלשאַפטען, נאָר דעם יסוד פון אַט דעם פּראָגרעס רעכענט ער ניט די וויסענשאַפט און די פּאָליטיק, נאָר די עקאָנאָמיק. ענגעלס זאָגט וועגען דעם: „אין יאָהר 1816 ערקלערט ער די פּאָליטיק פאר א וויסענשאַפט וועגען פּראָדוקציאָן און זאָגט פאר א פאָלשטענדיגע אויפלייזונג פון דער פּאָליטיק אין דער עקאָנאָמיע. אויב דאָ ווייזט זיך ארויס נאָר דער סאַמע אָנהויב ענטוויקלונג פון דעם בליק וועגען דעם, אַז די עקאָנאָמישע לאַגע איז א באַזיס פון פּאָליטישע אינסטיטוציעס, איז פונדעסטוועגען שוין דאָ קלאָר אויסגעדריקט די אידעע פון פאַרוואַנדלען די פּאָליטישע ממשלה איבער מענשען אין א ממשלה מיט זאַכען און אין א לייטונג מיט'ן פּראָצעס פון פּראָדוקציאָן, פון באַטריב".

נאָר ביי סען־סימאָן איז דאָ עפּעס־וואָס מעהרערעס, ער רעכענט די ענדערונג אין דער פאַנאַנדערטיילונג פון רייכקייט פאר א קראַפט,

וואס באשטימט אלע אנדערע געזעלשאפטליכע ענדערונגען. ער זאגט: „ניטא קיין אומענדערונגען פון א געזעלשאפטליכער ארד־נונג אהן די ענטשפרעכענדע אומענדערונגען אין דער פארמע פון אייגענטום. עס איז קלאר ביז צו אייגענשיינליכקייט, אז אין יע־דען לאנד איז דאס גרונד־געזעץ יענעס, וואס שטעלט פעסט די פארמע פון אייגענטום און די מיטלען, וואס באשיצען עס; נאר דערפון, וואס דאס דאזיגע געזעץ איז א גרונד געזעץ, איז נאך ניט געדרונגען, אז עס קאן ניט געענדערט ווערען".

לעבענדיג אין אזא צייט, בעת דעם קאפיטאל איז אויסגעקומען נאך צו פיהרען א ענערגישען קאמף קעגען די רעשטלאך פון דער פע־אדאלער געזעלשאפט, און בעת די סאציאלע ליידען האבען זיך בא־שטימט, קאן זיין, אין א גרויסער מאס מיט דער ניט גענוגער ענט־וויקלונג פון קאפיטאל, איידער מיט זיין איבערמאסיגער ענטוויק־לונג, האט סען-סימאן זיך געשטעלט ניט אזוי פיעל אויף דער זייט פון ארבייט און פון פראלעטאריאט, וויפיעל אויף דער זייט פון דער אינדוסטריע אין איהר גאנצען. „דאס גאנצע געזעלשאפט", זאגט סען-סימאן, „באגרינדעט זיך אויף אינדוסטריע. אינדוסטריע איז די איינציגע גאראנטיע פון דער געזעלשאפט'ס עקזיסטענץ, די איינציגע קוועלע פון אלע רייכקייטען און יעדען אייגענטום. אויף אזא אופן, די לאגע פון זאכען, וואס איז אמעהרסטען גינסטיג פאר דער אינדוסטריע, ענטפערט בעסער פון אלץ די אינטערעסען פון דער געזעלשאפט. דער אינדוסטריעלער קלאס מוז פארנעהמען דעם ערשטען ארט, ווייל ער איז דער סאמע וויכטיגער קלאס: ער קאן זיך באגעהן אהן אלע איבעריגע קלאסען, נאר קיין אנדער קלאס קאן זיך ניט באגעהן אהן איהם".

פאר א כאראקטעריסטיק פון סען-סימאנ'ס אנשויאונגען וועלען מיר דא אויך ברענגען יענע באריהמטע „פאראבאלא", פאר וועל־כער ער איז אנגעקלאגט געווארען אין געריכט. „לאמיר אננעהמען, אז פראנקרייך וועט פלוצלונג פארלירען איהרע ערשטע פופציג כימיקער, איהרע ערשטע פופציג פיזיאלאגען, איהרע ערשטע פופ־ציג מעכאניקער און אז. וו. און אז. וו., איהרע ערשטע פופציג באנ־

קירען, איהרע ערשטע פופציג מויערער און אז. וו. און אזוי ווייטער, — דעמאָלט וועט די נאַציע ווערען א קערפּער אָהן א נשמה.

„לאָמיר אָננעהמען, פאַרקעהרט, אז פראַנקרייך וועט איינ־היטען אַלע איהרע געניאַלע לייט, נאָר וועט פאַרלירען דעם קעניג, די מיטגליעדער פון דעם קעניגליכען געזינד, און אז. וו., און, אוי־סער דעם, צעהן טויזענד פון די סאַמע רייכע אייגענטימער — דערפון וועט די מלוכה קיין פארלוסט ניט האָבען".

פון דער צווייטער זייט איז סען־סימאָן גאָר קיין דעמאָקראַט ניט געווען. ער וואַרפט אָפּ כמעט אַלע דעמאָקראַטישע אידעען. ער האָט געהאַלטען פאַר זינלאָזע מעטאַפיזיק די פאָדערונגען פון גלייכהייט, געפינענדיג, אז נאַטירליכע אונטערשיידען אין מענ־שען זיינען ניט נאָר אומפאַרמיידליך, נאָר אויך פאַרלאַנגט פאַר דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. ניט ווייניגער זינלאָז האָט ער געהאַלטען די אידעע פון אבסאָלוטער פרייהייט, אָנווייזענדיג אויף דאָס, וואָס מענשען זיינען געבונדען צווישען זיך דורך דער צוטיילונג פון דער אַרבייט. פיעל ערגער איז געווען דאָס, וואָס סען־סימאָן האָט ניט געגלויבט ניט אין די כחות פון דער דעמאָקראַ־טיע אויף צו מאַכען די געווינשטע איבערקעהרענים, ניט אין איהר פעהיגקייט צו פאַרוואַלטען די צוקונפטיגע אָרדנונג. און די ראָלע פון דעם איבערבויער פון דער געזעלשאַפט, אויך די ראָלע פון איהרע פאַרוואַלטער האָט סען־סימאָן איבערגעלאָזט פאַר דער גייסטיגער און אינדוסטריעלער אריסטאָקראַטיע.

די צוקונפטיגע אָרדנונג האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט אַלס אַן אָרגאַניזאַציע פון מיטאַרבייטערשאַפט, וועלכע איז אין דער העכסטער שטופע צוועקמעסיג, צוגעפּאַסט, אין וועלכער די גייסטיגע און שלאָגענדע, איבערראַשענדיגע מאַכט געהערט צו אַן אַקאַ־דעמיע פון געלעהרטע, ווי מענשען, וואָס זיינען אַמעהרסטען פעהיג צו וויסען די געזעצען פון דער נאַטור, און לויט זיי צו פאָרמירען דאָס לעבען פון דער געזעלשאַפט; אונטער דער דאָזיגער אַקאַ־דעמיע שטעהען צוויי עקזעקוטיווע פּאַלאַטעס, איינע פון סוחרים, די צווייטע פון קינסטלער: די סוחרים זאָרגען צופרידענצושטע־

לען די טעגליכע באדערפניסען פון דער געזעלשאפט, און די קינסטלער צו ארגאניזירען איהר עסטעטיש לעבען, איהרע גענוסען.

ביי זיין גאנצען אינטעליגענטישען אריסטאקראטיזם שטעהט סען־סימאן העכער פון פוריע, ווייל זיין אידעאל שטעלט מיט זיך פאר א מין קאלעקטיוויזם, הגם א מעסיגען, אבער א ברייטען, וואס נעהמט ארום די גאנצע געזעלשאפט; פוריע׳ס אידעאל דער־נעהנטערט זיך צו א מעסיגען קאמוניזם, וואס נעהמט ארום נאר ניט גרויסע קאלאניעס, מאקסימום, נאך זיין פלאן, פון צוויי טוי־זענד מענשען.

סען־סימאן האט געהאט מזל צו תלמידים. זיין תלמיד איז געווען טיערי, וואס האט ארויסגעפיהרט מיט אזא גלאנץ די טעאריע פון קלאסען־קאמף פאר אייגענטום, אלס יסוד פון דער געשיכטע; זיין תלמיד איז געווען קאנט, וואס איז מיט א סך פארפליכטעט צו סען־סימאנ׳ען און וועלכער האט, ווי מיר וועלען זעהן, אין פיעלעס אויף א בירגערליכען אופן צודרעהט זיין גע־דאנק; זיין תלמיד איז געווען, צולעצט, באזאר.

סען־סימאן אליין האט נאר אומקלאר פארשטאנען די רעלי־גיעזע באדייטונג פון זיין לעהרע וועגען פראגרעס, די באדייטונג פון זיינע פארזאגונגען וועגען צוקונפטיגען גליק פון דער סאציא־לער הארמאניע, פון ארגאניזירטער ערקענטניס און ארבייט, און פון דער וואקסענדער קראפט פון דער סאלידארער מענשהייט. ער זאגט עס, אז רעליגיע שטארבט אויף אייביג און וועט פארביטען ווערען מיט׳ן „פיזיציזם”, ער האט עס פרובירט רעפארמירען דאס קריסטענטום, מאכענדיג שלום צווישען איהם און דער וויסענשאפט און אויך מיט זיין ברייטען לעבענסלוסטיגען הומאניזם.

קאנט האט פארשטאנען ארויסצוציהען אן אמת׳ע רעליגיעזע אידעע פון דעם סען־סימאניזם — די רעליגיע פון דער מענש־הייט, נאר ער האט זי פארדארבען אויפ׳ן ווילדסטען אופן, וועגען וואס מיר וועלען שפעטער ריידען.

דער טיפער און פלאמענדיגער באזאר האט׳אין פיעל פרטים פארטיפט דעם רעליגיעז־פילאסאפישען געדאנק פון סען־סימאן,

נאָר אויך ער האָט זיך ניט צוריקגעהאַלטען פון יענער פיבערדיגער פאַנטאַסטיק, פון יענע אָפּשטויסענדיגע הנחות צו דער אויטאָריטעט־טישער וועלט, מיט וועלכער זיין מיטקעמפער, אַנפאַנטען, האָט זיך אַנגעטרונקען און וועלכע האָט פאַרדאָרבען קאָנט׳ס פּאָזיטיווע רע־ליגיע.

באַזאַר האָט פאַרשטאַנען, אַז די נייע רעליגיע פאַלט צוזאַמען מיט דער סינטעטישער וויסענשאַפטליכער וועלט־אַנשויאונג און מיט׳ן ברייטען אַלאומפאַסענדען סאָציאַלען געפיהל: „די מענש־הייט שטעהט פאַר אַ גרויסע רעליגיעזע צוקונפט; די רעליגיע פון דער צוקונפט וועט זיין הערליכער, מעכטיגער, ווי וועלכע עס איז רעליגיע פון דער פאַרגאַנגענהייט... איהר דאָגמאַט וועט זיין דער סינטעז פון אַלע פאָרמען פון דעם מענשליכען „זיין״, פון דער מענשליכער עקזיסטענץ..., און די סאָציאַל־פּאָליטישע אינסטיטו־ציע, גענומען אינגאַנצען, וועט זיין אַ רעליגיעזע אינסטיטוציע. די דאָזיגע רעליגיע וועט זיך דאַך אונטערשיידען פון דעם קריס־טענטום. דער סאַמע איבערראַשענדער, דער סאַמע נייער, אויב ניט דער סאַמע וויכטיגער מין פון פּראָגרעס, וואָס די מענשהייט איז גערופען איצט צו פאַרווירקליכען, באַשטעהט אין דער רעאַבילי־טירונג פון דער מאַטעריע, צו וועלכער דאָס קריסטענטום האָט זיך פאַרהאַלטען נעגאַטיוו״.

פון דער דאָזיגער פאַראייניגונג צווישען דער וויסענשאַפט און דער ווידער־אויפגעלעבטער רעליגיע פיהרט באַזאַר ארויס די יסודות פון דעם צוקונפטיגען סאָציאַלען געבוי. פאַר איהם קומט רעליגיע אַרונטער צו געזעלשאַפטליכקייט, טעאָלאָגיע — צו וויסענשאַפט, קולט — צו אינדוסטריע: „אָט זיינען דריי פאָרמען פון דער מענשליכער אַקטיוויטעט!״ שרייט אויס באַזאַר.

דאָס אַלץ וואָלט געווען זאָנדערבאַר, אָבער, אָ וועה, באַזאַר האָט ניט געוואוסט ווי זיך צו באַפרייען פון דער אַלטער רעלי־גיעזער וועלט־אַנשויאונג. ער הויבט אָן ערקלעהרען וועגען דעם, אַז די וויסענשאַפט ווידערשפּרעכט ניט דעם באַגריף וועגען גאָט און וועגען דעם געטליכען פּלאַן, און וועגען דעם, אַז דער געווינשטער

געזעלשאפטליכער געבוי, סדר, איז „די פראקטישע אפשפיגלונג פון גאטהייט".

באקונין איז אין העכסטען גראד גערעכט, בעת ער באהויפט, אז וואו עס איז דא גאטהייט, דארט זיינען אויך דא וואוילבאגייסטערטע מענשען, וואס שטרעבען זיך צו זעצען ביי די איבעריגע אויף די פלייצעס. הערט נאר, מיט וואס באזאר ענדיגט! איך נעהם די פארליינונג פון זיינע אנשויאונגען ביי פאול-לואי: „דער גייסטליכער, וואס אינספירירט דעם געלעהרטען און דעם סוחר, בינדט צונויף מענשען צווישען זיך און דינט אלס פארמיטלער צווישען מענשען און גאט. דער גייסטליכער פארוואלטעט מיט דער וויסענשאפט, וועלכע ערשיינט אלס טעאריע, און מיט דער אינדוסטריע, וועלכע ערשיינט אלס הוספה צו דער טעאריע, און אליין פילט ער אויס א סך פונקציעס. באזאר באשאפט א טעאקראטיע, און ער לייקענט עס ניט אפ, ער באמיהט זיך נאר אונטערצושטרייכען איהר אונטערשייד מיט די אנדערע מינים, וואס זיינען געווען פריהער".

אויף'ן סאמע שפיץ פון דעם יעראַרכישען לייטער שטעהט מאיעסטעטיש „דער געזעלשאפטליכער גייסטליכער" — אויף דעם גיגאנטישען פיעדעסטאל פון אלמאכט".

„ער גיט ארויס געזעצען, אדער ריכטיגער, ער איז — די פארקערפערונג פון געזעץ, „דאס לעבעדיג געזעץ", וואס פערזאניפיצירט די מאכט נאך דעם ביישפיעל פון משה'ן אדער קריסטוס'ן; די ארגאניזאציאנס דעקרעטען זיינען נאר אן אויסדרוק פון זיין אומפעהלבארען ווילען. דאס איז אן אנגענעהמע און געזעצליכע דיקטאטור, ווארום די געהארכזאמקייט צום „לעבעדיגען געזעץ" איז ניט קיין אנדער זאך, ווי איינער פון די מינים ליעבע, וואס ער רעגט אן צו זיך. די דאזיגע הערשאפט פון אטאריטעט איז צוזאמען דערמיט אויך די הערשאפט פון פרייהייט."

אויף אזא אופן קומט אויס אויך דא גאנץ ענטשיעדען אפצוווארפען יענע עלעמענטען פון די אנשויאונגען פון סען-סימאניסטען, וועלכע זיי אליין האבען גערעכענט פאר רעליגיעזע. נאר

דערפאר זיינען נאָך מעהר וויכטיג, פון אונזער שטאַנדפונקט, פאר דער וואקסענדער נייער רעליגיע די ריין סאָציאַלע זייטען פון דער פילאָסאָפיע פון דער געשיכטע. אין דעם פּרט איז באזאר נאָך געהענטער צו מארקס'ן, ווי פייערבאך.

אָט ווי פּאָול־לואי רעזומירט די פילאָסאָפיע פון דער געשיכטע פון דעם באריהמטען סען־סימאָניסט: „דריי אָרגאניזאציעס פון סאָציאַלען לעבען: די וויסענשאפט, די אינדוסטריע און די קונסט ווירקען שלעכט, אָדער ריכטיגער, זייער נאָרמאַלע פונקציע שטעלט זיך אָפּ יעדע מינוט; דערמיט ערקלעהרט זיך יענער פאקט, וואָס די היינטיגע וויסענשאפט איז געריבט פון יעדער האַרמאָניע, וואָס זי איז אפילו ניט אימשטאַנד אונטערצופיהרען דעם סך הכל פון איהרע ענטדעקונגען.

„די אינדוסטריע געפינט זיך אין נאָך א גרעסערער צורודערט־קייט און איז נאָך מעהר מאַכטלאָז. א צוואוואָרפענע אקטיוויטעט, די הערשאפט פון אייגענוציגע שטרעבונגען, דאָס ניט וויסען פון די נויטען פון די געברויכער, די שרעקליכע פּאָלגען פון דער מאַ־שין־פּראָדוקציאָן, די קאָנצענטראציע פון די פּראָדוקציאָנס־גע־צייג ניט אין די הענד פון די אָמעהרסטען פעהיגע, נאָר אין די הענד פון יענע, ווער עס האָט געהאט דאָס גליק געבאָרען צו ווע־רען ביי רייכע עלטערן — אָט מיט וואָס עס ווערט כאראקטערי־זירט די היינטיגע אינדוסטריע. דאָס שלעכטעס וועט פארשווינ־דען נאָר אין יענעם טאָג, בעת די פיהרונג פון די עסקים וועט זיך רעגולירען מיט אַלגעמיינע פּרינציפּען. און די קונסט איז אויך געפאַלען, ווייל דער עגאָאיזם דערשלאָגט די געפיהלען: די געפיהלען וועלען אויפלעבען נאָר דאַן, בעת די אַלגעמיינע ליעבע וועט טריאומפירען".

„אָבער דער ליעבע איז באשערט אין דער נאָהענטער צוקונפט צו באהערשען די גאנצע מענשהייט — די געגענזייטיגע פריינד־שאפט מאַכט אַלץ גרעסערע און גרעסערע ערפּאָלגען. די מענש־הייט — דאָס איז א קאָלעקטיווער אָרגאניזם, וועלכער ענטוויקעלט זיך אומאויפהערליך און שטרעבט צו אַלץ א מעהר און מעהר ברײ־

טער פאָרמע פון אסאָסיאַציע: אזוי איז דאָס געזעץ פון פאַר־פאָלקאָמונג".

דאָ פעהלט נאָר דאָס קלאָרע באַוואוסטזיין פון יענע וועגען, מיט וועלכע עס קאָן געהן די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון דעם „קאָלעקטיווען אָרגאַניזם", דאָ פעהלט נאָר רעוואָלוציאָנערקייט". מען קאָן מסכים זיין מיט ענגעלס'ן, וואָס זאָגט: „מיר געפינען ביי סען־סימאָן אַ געניאַלע ברייטקייט פון בליק, אַ דאַנק וועלכער מיר זעהען ביי איהם די עמבריאָ פון כמעט אַלע ניט שטרייננג עקאָנאָמישע אידעען פון די שפּעטסטע סאָציאַליסטען".

אַ פרייע מענשהייט אין איהר פּראָגרעסיווער ענטוויקלונג צו אַ מעכטיגען קאָלעקטיוו, וואָס אָרגאַניזירט די וועלט — דאָס איז די געניאַלע אידעע, דאָס שעהן פּנים פון וועלכער עס איז ניט שווער צו דערעזהן הינטער דער גראָבלאָכער טאַטואירונג, מיט וועלכער עס האָבען אומזיסט זיך אויסגעפּוצט די אוטאָפּיסטען פון דער סען־סימאָנישער שוהלע.

אין דעם ענין פון קריטיק וועגען דער קאַפּיטאַליסטישער אָרד־נונג האָבען זעהר פיעל געטאָן אויך די ענגלישע סאָציאַליסטען־עקאָ־נאָמיסטען. זייער קריטיק איז ניט געוועזן אזוי בעלעטריסטיש גלענ־צענד און אזוי סאָציאַליסטיש ברייט, ווי ביי פוריע'ן אָדער באַ־זאַר'ן, נאָר זי איז געוועזן אין זינען פון אריינדרינגען אין די גע־היימניסען פון דעם סאַמע עקאָנאָמישע פּראָקעהר'ס פּראָצעס און פון דעם וואוקס פון קאַפּיטאַל. וואָס אנבאַלאַנגט ראָבערט אוען, דעם גרעסטען ענגלישען אוטאָפּיסט פון דער נייער צייט, איז ער, גע־וויס, אין אלגעמיין פּראַקטישער פון זיינע פראַנצויזישע מיט־ברידער; נאָר איבערלאָזענדיג אָן אַ זייט זיין פּראַקטישע טעטיג־קייט און האָבענדיג אין זינען נאָר זיין לעהרע, דאַרף מען מודה זיין, אז זי צייכענט זיך אוים מיט ווייניגער ברייטקייט. איבערי־גענס, אין צוויי פּרטים איז ער געגאַנגען ווייטער פון די פראַנצוי־זען: ער איז געוועזן אַ מעהר ענטשיידענער קאָמוניסט, ווי פוריע; אויסער דעם איז ער געוועזן אַן אומבאַדינגליכער אַטעאיסט און פלעגט זאָגען, אז רעליגיע איז פאַר איהם אַ דורשט צו גערעכטיג־

קייט און צו אַלגעמיינעם גליק. ראָבערט אועין איז געווען, זיכער, דער גרעסטער פילאַנטראָפּ, נאָר דאָך אַ גענוג טיפּישער פילאַנט־ראָפּ, און אַ שאַטירונג פון עטוואָס צושוואומער גוטהאַרציגקייט, נדבות'דיגקייט ליגט אויף אַלע זיינע שאַפונגען. אָועין'ס וויר־קונג אויף דער ענטוויקלונג פון סאָציאַליזם איז געווען גרויס, נאָר אויפ'ן געביט פון דעם פילאָסאָפישען און רעליגיעזען געדאַנק איז ער ניט אַ באַזונדערס באַדייטענדע גרויס.

ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, האָט ביי אַלע אוטאָפּיסטען גע־פעהלט רעוואָלוציאָנערקייט. געוויס, זיי האָבען געדורשט צו גאָר אַ ראַדיקאַלער איבערקעהרעניס פון געזעלשאַפטליכע באַציהונגען, און אין דעם זינען זיינען זיי געווען רעוואָלוציאָנערען, נאָר די דאָזיגע איבערקעהרעניס, ביי איהר גאַנצער ראַדיקאַלישקייט, האָט לויט זייער געדאַנק געדאַרפט זיין אַ פרידליכע. זיי האָבען דורכ־אויס ניט געטראַכט זיך צו שטיצען אויף דער איינציגער רעוואָ־לוציאָנערער קראַפט — אויפ'ן פּראָלעטאַריאַט, נאָך וויניגער צו ערוואַרטען פון איהם די איניציאַטיווע אין באַנייען די וועלט.

דער ערשטער גרויסער אוטאָפּיסט פון אַ רעוואָלוציאָנערען, פּראָלעטאַרישען טיפּ איז געווען בלאַנקי.

קוים קען מען ניט איינשטימען מיט דער כאַראַקטעריסטיק פון ה' סטאַלינסקי, אין זיין אינטערעסאַנטען אַרטיקעל וועגען סינדיקאַליזם, וואָס איז געווען געדרוקט אין „רוסקאַיע באָגאַט־סטוואָ".

„בלאַנקי האָט דער ערשטער אריינגעפלאָכטען אין דעם סאָ־ציאַליזם די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציע, ער איז דער ערשטער אין פראַנקרייך אַרויסגעטראָטען מיט דער פּאַרטיי־דיגונג פון אַ פולען קאָלעקטיוויזם, דער ערשטער, — ווי מאַרקס און לאַסאַל אין דייטשלאַנד, — האָט ער צובראָכען די אילוזיע פון די, וואָס ערוואַרטען די ישועה פון דער מענשהייט פון דער גרויס־מוטיגקייט פון די הערשענדע און פאַרמעגליכע קלאַסען און, אין נאָך אַ שאַרפערער און אויסדריקליכערער פאָרמע, ווי מאַרקס, האָט ער פּראָקלאַמירט דעם פּרינציפּ, אַז עס איז נויטיג צו עראָ־

בערען די מלוכה־מאכט, א פרינציפ, וואס איז איצט א גרונד סימ־באל פון דער אמונה פון דעם אינטערנאציאנאלען סאציאליזם. אמת, בלאנקי האט זיך אויסגעצייכענט מיט א גרויסען אפטימיזם. ער האט געגלויבט, אז די רעוואלוציע וועט אין גיכען אנקומען, ער האט געטרוימט דורך ברייט־ארגאניזירטע פארשווערונגען צו פארכא־פען די מאכט און מיטרייסען נאך זיך גאנץ פראנקרייך אויף א וועג פון סאציאליסטישער אויפלעבונג. נאר מיט בלאנקי'ס אמונה אויפ'ן געביט פון סאציאלער ליקווידאציע האבען זיך געטיילט אין זיין צייט אלע סאציאליסטען, אויך מארקס. וואס אנבאלאנגט זיין טאקטיק פון פארשווערונגען, האט זי זיך פאר איהם באשטימט מיט פראנקרייך'ס פאליטישע באדינגונגען פון יענער עפאכע. ביי אנדערע באדינגונגען וואלט בלאנקי, אהן צווייפעל, אין זיך גע־פונען אן אנדער וועג".

געוויס, בלאנקי'ס וועלט־אנשויאונג און טאקטיק האבען זיך באשטימט מיט פראנקרייך'ס סאציאלע באדינגונגען פון יענער צייט, נאר דערפון איז גארנישט געדרונגען, אז זיין געדאנק זאל זיך ניט אויסצייכענען מיט די וועזענטליכע סמנים פון דעם אוטאפיזם. בלאנקי איז געווען ניט וויניגער פון די אוטאפיסטען איבערצייגט אין דער מעגליכקייט אין יעדער צייט, מיט א געניטער אנשטרענ־גונג פון ווילען, צו פארווירקליכען א אידעאלע ארדנונג. נאר ער האט סינטעזירט דעם עקסטרעמען אויספיהר פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאנערער כוואליע — דעם פראלעטארי־שען בונט, מיט דעם אידעאל פון קאלעקטיוויזם, וואס די פאראוים־געהענדיגע שיכטען פון פראלעטאריאט האבען, נאטירליך, אויפ־געכאפט. מארקס מאכט א סוף מיט'ן רעוואלוציאנערען סוביעקט־טיוויזם. ער מאכט דעם סאציאליזם פאר וויסענשאפטליך, אריינ־טראגענדיג אין איהם דעם אביעקטיווען עלעמענט.

מען דארף פונדעסטוועגען פארשטעהן דעם תוך און דעם ווערט פון דעם דאזיגען עלעמענט ביי מארקס'ן, כדי ניט צו פארבייטען דעם מארקסיזם, די דאזיגע העכסטע טעאריע פון סאציאלער אק־טיוויטעט — מיט'ן סאציאלאגישען פאטאליזם.

זיבעטער קאַפּיטעל.

דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזם.

מ אַ ר ק ס.

די וויסענשאַפטליכקייט פון מארקס'ס סאָציאַליזם באַשטעהט אויסדריקליך דערין, וואָס דעם אָביעקטיוועז מאָמענט האָט ער ניט נאָר אריינגעפיהרט אין דעם סאָציאַליזם, נאָר ער האָט איהם אוועקגעשטעלט בראש פון דעם סאָציאַליסטישען דענקען. אין דעם האָט אָהן צווייפעל העגעל באַדייטענד געהאָלפען מארקס'ן. נאָר העגעל האָט זיך געשטעלט אויף אַ באַדייטענדער הויך איבער יעדען סוביעקטיוויזם, האָט פֿאַראורטיילט יעדע רעוואָלוציאָנערע קריטיק און יעדע טרוימעריי, בעת זיי זיינען אָפּגעריסען פון דער רעאַלער באַוועגונג פון „אָביעקטיוועז גייסט" — פון דער געזעלשאַפט, — ווי עפּעס־וואָס אומבאַדייטענדעס און אין זייער זעלבסטטעטיגקייט כמעט קאָמישעס. די אָביעקטיווע ענטוויקלונג איז אין גלייכען גראַד אומערביטליך צו מענשען, וואָס איילען זיך צופּיעל, אָדער צו די, וואָס נייגען זיך ווייט אָפּ אין אַ זייט פון הויפּט־וועג, און צו קאָנסערוואַטאָרען, וואָס ווילען איינהאַלטען פאַר'ן לעבען דאָס שטאַרבענדיגע.

די סאָציאַליסטען־סוביעקטיוויסטען האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דאָס סאַמע וויכטיגע איז צו דערקלעהרען די אידעאַלע אָרדנונג, לאָגיש און קינסטלעריש צו באַווייזען איהר פּאַרצוג און, קאָן זיין, אויך איהר איינשטימיגקייט מיט דער גענוג פאַנטאַסטישער און אַפּריאָרי־געבויטער נאַטור פון זאכען, מיט דער נאַטור פון דעם מענשען.

פאַר דעם סאָציאַליסט־אָביעקטייוויסט איז די פראַגע געשטאַ־

נען אנדערש: אין וואסער פארהעלטניס שטעהט דער סאציא־ ליסטישער אידעאל צום אביעקטיווען גאנג פון זאכען, וואס הענגט ניט אפ פון קיינעמס אינדיווידועלען ווילען? די אויפגאבע פון א אומפארטייאישער אויספארשונג פון ערשיינונגען אין זייער נויטווענדיגער פארבינדענים — אט דאס איז די וויסענשאפט־ ליכע, זיין ערקענטניס אויפגאבע. וואס אביעקטיווער, וואס אומ־ אונטערקויפליכער אזא אויספארשונג וועט זיין, וואס קלענער עס וועט זיין די ראלע פון דעם געפיהל, וואס וועט אין איהר שפיעלען: דער ווונש, די האפנונגען, רחמנות, האס — אלץ שטארקער וועלען זיין די רעזולטאטען, אלץ מעהר וויסענשאפטליך וועט זיין יענער סאציאליזם, וואס שטעהט פאר די אויגען פון דעם, וואס פארשט אויס פון דעם אינערן פון דעם געגענווארטיגען, אלס נויטיגע צוקונפטיגע.

אויף וויפיעל מארקס האט מיט זיין געניאלען אנאליז פון קאפיטאל אין זיין ענטשטעהונג, אנטוויקלונג, אינעווייניגסטע ווי־ דערשפרוכען און אומפארמיידליכען אונטערגאנג באוויזען די אומ־ איבערווינדליכע טענדענצען צום סאציאליזם, אויף וויפיעל ער האט געטראפען, פאראויסגעזעהן אין פראלעטאריאט א נאטירליכען קעמפער קעגען דער קאפיטאליסטישער ארדנונג, קעגען איהר אנארכי און אלס א נאטירליכען ארגאניזאטאר פון א נייער פלאנאמעסיגער מיטארבייטערשאפט, אויף אזוי פיעל האט ער אויסגעפילט זיין אויפגאבע פון אן אביעקטיווען געלעהרטען פארשער, אויף אזוי פיעל האט ער געגרינדעט דעם סאציאליזם אלס א וויסענשאפט. דאס איז געווען די ערשטע זאך פון זיין גרויסען לעבען, די סאמע נויטיגע זאך.

אויף וויפיעל מארקס, שטיצענדיג זיך אויף זיין וויסענשאפט־ ליכען סאציאליזם, מיט דער גאנצער ליידענשאפט פון זיין פייער־ דיגער נאטור, מיט דעם גאנצען זשעני פון אן ארגאניזאטאר און טאקטיקער האט זיך אפגעגעבען צום קאמף, כדי וואס גיכער און וואס שמערצלאזער אומצוברענגען די אלטע געזעלשאפט און אויפצובויען א נייע, אויף וויפיעל ער האט אויסגעפילט די ראלע

פון אן אקושער, פון א געבורטס־העלפער ביי דעם געבורט פון דעם צוקונפטיגען, נאָכפאָלגענדיג זיין טערמינאָלאָגיע, אויף אזוי פיעל איז ער ערשינען אלס גרינדער פון דער וויסענשאפטליך־סאָציאַליסטישער פראַקטיק. דאָס איז געווען זיין צווייטע גרויסע זאַך.

זעהר פיעל סאָציאל־דעמאָקראַטען, אפילו א גרויסע מעהרהייט פון זיי, זעהען אין מארקס'ס זאַך נאָר אָט די צוויי זייטען: פאר זיי איז ער א גרויסער געלעהרטער און א גרויסער פיהרער. און דאָס איז פארשטענדליך: מאַרקס האָט אוועקגעגעבען א מאַסע קרעפטען צו זיין וויסענשאפט און צו זיין זאַך, דאָס און יענעם שטעהט פאר אונז אין א מעהר אָדער ווייניגער פארענדיגטער פאָרמע, בעת מארקס'ס פילאָסאָפיע איז פאָרגעלייגט אויף עטליכע זייטען פון זיינע פריהצייטיגע ארבייטען, זי שיינט דורך נאָר וואו עס איז דורך זיינע וויסענשאפטליכע טראַקטאַטען און פובליציסטישע פאַמפלעטען, צולעצט איז זי אונז באַוואוסט אין ענגעל'ס אויסטייטשונג. געוויס, מארקס'ס געדאנק און ענגעלס'עס געדאנק זיינען געווען זעהר נאָהענט, געוויס, מאַרקס האָט אָפּיציעל אנערקענט ענגעל'ס פילאָסאָפיע, אויף וויפיעל זי איז אויסגעדריקט אין זיין קריטיק אויף דיורינג'ן. נאָר פונדעסטוועגען האָט ענגעלס ניט אריינגעדרונגען אין דער סאַמע טיעפקייט פון מאַרקס'ס געדאנק, ער האָט פארנאַכלעסיגט מאַנכע שטריכען פון זיין וועלט־אנשויאונג, וואָס האָבען פאָרגעשטעלט א גרויסען אינטערעס פון פילאָסאָפישען שטאַנדפונקט.

פארוואָס האָט מאַרקס ניט באַצייכענט זיין געדאנקענפארשיעדענהייט מיט ענגעלס'ן? — דערפאַר, ווייל ער אליין האָט ניט באַוויזען צו ערקלערען, ווי ער האָט געהאַט בדעה, זיין וועלט־אנשויאונג? פאר דער זאַך פון זיין לעבען האָט ער אוועקגעשטעלט דעם באַשאַף פון א סאָציאַליסטישער וויסענשאפט און א צוועקמעסיגער, צוגעפאסטער טאַקטיק. אין טיפען איינקלאַנג מיט זיין פילאָסאָפיע האָט ער זיך אינגאַנצען אָפּגעגעבען צו דער ווירקליכקייט און צו איהרע פאָדערונגען, איבערצומאַכען די וועלט,

אוועקלייגענדיג אָן אַ זייט זיין אויסטייטשונג. אַ קעמפענדע נאַטור, אַ וואכזאמע צו מאָנ־פראגען, האָט ער פארשטאַנען, וואו ער איז נויטיגער פון אלץ. מארקס דער פילאָסאָף, אפשר דער גרעסטער פון די עקזיסטירענדע, איז געבראכט געוואָרען אלס קרבן צו מארקס דעם עקאָנאָמיסט און צו מארקס דעם קעמפער. די גרויסע פריינד האָבען זיך איבערגעביטען מיט די ראָלען: מארקס האָט גענומען פון ענגעלס'ס הענד אזא גלענצענדע פון איהם אָנגעהויבענע ארבייט קלאָר צו מאכען די לאגע און די ראָלע פון דעם נייעם קלאַס — פון דעם פּראָלעטאריאט, און ער האָט פארטגעזעצט די דאָזיגע ארבייט ברייט און טיף, אויף וואָס ענגעלס, ביי אלע זיינע אויסגעצייכענטע פעהיגקייטען, איז ניט געווען פעהיג. און מארקס האָט אָפּגעגעבען אין ענגעלס'עס הענד זיין מעכטיגען פילאָסאָפישען געדאנק, כדי איהם צו פּאָפּולאריזירען: ענגעלס האָט אויסגעפילט די דאָזיגע ארבייט מיט גרויס קראַפט און מיט דורכזיכטיגקייט פון געדאנק, נאָר ענגעלס'ס פּאָפּולאריזאציע וועט קיינמאָל אונז ניט פארביַיטען מארקס'ס פילאָסאָפיע.

דאָך איז מארקס'ס פילאָסאָפישער געדאנק אויף קיין פאל ניט פארלאָרען געגאנגען שפורלאָז. זייענע עלעמענטען זיינען אריינגעטריפט אין מארקס'ס אלע ווערק און אין סאמע תוך פון זיין לעהרע און זיי שימערן דאָרט, ווי אומשאצבארע בריליאנטען אין אַ מאסיוו פון ריינעם גאָלד.

דער פילאָסאָפישער געדאנק איז אוועק מיט זיין וועג, און, ווען די „תלמידים", ווי פּלעכאנאָוו, האָבען ניט פארשטאַנען דעם פילאָסאָפישען תוך פון מארקסיזם און האָבען איהם פארדאָרבען, — האָט עס ניט געשטערט זיין וואוקס אין די רייהען פון דער סאָציאל־דעמאָקראַטיע — וואָס איז אַ לאנגע צייט באהאלטען געווען. די ענטוויקלונג פון די נאטור־וויסענשאפטען און פון דער נאטור־וויסענשאפטליכער מעטאָדאָלאָגיע, פון אָט די נויטיגע און נויטיג־עהרליכע באזיסען פון דער קאפּיטאליסטישער טעכניק — האָט געהאָלפען דער פארטיפונג פון דעם פילאָסאָפישען

גערדאַנק פון די מאַרקסיסטען. די קערנער פון אמת, וואָס מאַרקס האָט איבערגעלאָזט, האָבען אויפגעלעבט, האָבען גענומען וואַקסען, און זייער אויפבליהונג וועט פון קיין זאַך ניט קאָנען אָפּגעשטעלט ווערען.

צוגעהענדיג צו מאַרקס'ס פילאָסאָפיע מיט אַ נייעם פאַר־שטעהן, אָפּוועגענדיג איהר עמאַנציפּירענדען גערדאַנק, איהר פאַרבינ־דונג מיט די וועלט־אַנשויאונגען און מיט די אָפּשאַצונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָג איך, אין אונטערשיידונג פון די אַנדערע חברים, וואָס אַרבייטען איבער דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון די ערשטע יסודות פון מאַרקס'ס פילאָסאָפיע, צו זאָגען, אַז אָט די פילאָסאָפיע איז אַ רעליגיעזע פילאָסאָפיע, אַז זי וואַקסט אַרויס פון די רעליגיעזע זוכענישען פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס זיי־נען באַפרוכטפערט געוואָרען מיט'ן פאַקט פון דעם עקאָנאָמישען וואוקס פון דער מענשהייט, אַז זי גיט די סאַמע ליכטיגע, די סאַמע רעאַלע, די סאַמע אַקטיווע לייזונג צו אַלע „פאַרפלוכטע פראַגען" פון דעם מענשליכען זעלבסט־באַוואוסטזיין, וואָס זיי־נען אילוזאָריש געלייזט פון די אַלטע רעליגיעזע סיסטעמען.

איצט וועלען מיר ערקלערען מאַרקס'ס פילאָסאָפיע, ווי זי קומט פאָר לויט איהרע אָפּגעהיטע עלעמענטען, מאַכענדיג יענע הוספות, וועלכע, לויט אונזער פאַרשטעהן, וואַקסען נאַטירליך אַרויס פון אָט די עלעמענטען.

מיר האָבען פאַר זיך דעם פאַקט פון דער סאָציאַלער ענט־וויקלונג פון דער מענשהייט, דעם פאַקט, אַז די פאָרמען פון דעם סאָציאַלען קיום, פון דעם סאָציאַלען „זיין" בייטען זיך. דער דאָזיגער פאַקט דאָמינירט איבער די טעאָריען: דענקער, טרוימער, אָרגאַניזאַטאָרען שפּיגלען נאָר אָפּ מיט זייער גערדאַנק די אוני־פערזעליכע נויטווענדיגקייט, דינען איהר גוט אָדער שלעכט. דאָס דענקען ווערט באַשטימט פון סאָציאַלען קיום, פון סאָציאַלען „זיין".

נאָר וואָס איז דאָס אַזוינס אָט דאָס זעלבסטענטוויקלענדי־געס „זיין"? — לויט העגעל'ן איז דאָס די אידעע, דער אָביעקטי־ווער גייסט, וואָס איז פאַרוואַנדט צו אונזער דענקען, וואָס ווערט

פארוואלטעט אין זיין באוועגונג (פון א באהויפטונג דורך א ווירדערשפרוך צו א נייער העכערער באהויפטונג) פון די געזעצען פון א העכערער פארמע פון לאגיק — פון דיאלעקטיק. דאס דענקען פון אינדיווידו, גרופע, נאציע, עפאכע זיינען, לויט העגעל'ן, אונטערווארפען און אויף א פערזענליכען אופן שפיגלען זיי אפ אין זיך די באוועגונג פון דעם אביעקטיווען וועלט־געדאנק. דאס דענקען, אלס יסוד פון דעם „זיין", פון עקזיסטענץ, וואס איז פארטריבען געווארען אין דער שמאלער טיר פון דעם העגעל'שען אנטיראמאנטיזם, האט זיך אומגעקערט איבערגעטאן אין דער אביעקטיווער דיאלעקטיק אין דעם פענסטער פון דעם העגעל'שען מעטאפיזישען אידעאליזם.

מארקס איז ניט געוועזן געגייגט אונטערצובייטען די געזעלשאפטליכע עקזיסטענץ און די געזעצען פון איהר ענטוויקלונג מיט דער מאנסטעריעז אויפגעבלאזענער אפשפיגלונג פון דעם מענשליכען דענקען. ער האט פריידיג אויפגענומען פייערבאך'ס לעהרע, אז אלע געטליכע „גייסטער", שטייף ביז דער העגעל'שער „אידעע", זיינען די אפשפיגלונגען פון דעם מענשען. נאר ער האט געדענקט דאס, וואס פייערבאך האט ביז צו א וועלכען איז גראד פארגעסען. רעליגיע און מעטאפיזיק זיינען די אפשפיגלונגען פון דעם מענשען, נאר פון דעם סאציאלען מענשען, מחמת דער מענש איין איז די אפשפיגלונג פון דער געזעלשאפטליכער עקזיסטענץ.

אלזא, דער ערשטער יסוד פון יעדען דענקען מוז זיין ניט העגעל'ס אבסטראקטעס „זיין", אבסטראקטער עקזיסטענץ, ניט פייערבאך'ס אבסטראקטער מענש, און וויינעגער פון אלץ שטירנער'ס קאנקרעטער אינדיווידו, נאר דאס געזעלשאפטליכעס „זיין", די געזעלשאפטליכע עקזיסטענץ. פון דעם געזעלשאפטליכען „זיין" ענטשטעהט דער אינדיווידו און דאס אינדיווידועלע דענקען, נאר זיי וועלען מיר דערווייליגע איבערלאזען אין א זייט. פון איהם, פון דעם געזעלשאפטליכען „זיין" וואקסט ארויס אויך דאס געזעלשאפטליכע דענקען, דאס הייסט רעליגיע, פילאסאפיע, רעכט, מאראל, קונסט און וויסענשאפט. די וויסענשאפט, דאס הייסט

אונזער גאַנצע וויסענשאַפטליכע וועלט־אַנשויאונג ערשיינט פון אַם דעם שטאַנדפונקט, קענטיג, אַלס אָפּשפּיגלונג פון דעם סאָציאַלען „זיין" אויף אַ באַשטימטער מדרגה פון זיין ענטוויקלונג.

נאָר וואָס איז דער קאָנקרעטער אינהאַלט פון דעם דאָזיגען „זיין", דער תוך זיינער? דער אינהאַלט און די גרונד־פאָרמע פון דעם סאָציאַלען „זיין" איז דער אַקט פון אַרבייט. אין אַרבייט, דאָס הייסט אין דער באַריהרונג פון לעבען מיט אַן אומקלאָרער און אומבאַוואוסטער דערוויילע סביבה, ווערט אויסגעוואַקסען אַ באַוואוסטזיין, ווי אַ יסוד פון צוועקמעסיגע, צוגעפּאַסטע רעאַקציעס, געגען־ווירקונגען, און עס הויבען אָן זיך אויסצואַרבייטען אָרגאַנען. אויף דער מענשליכער מדרגה בון ענטוויקלונג פון לעבען ערווערבט דאָס אינסטינקטיווע באַוואוסטזיין פון דעם כאַראַקטער פון אַ מעהר אָדער ווייניגער אַקטיווער ערקענטניס; די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון אָרגאַנען ווערט פאַרביטען מיט די געצייג פון פּראָדוקציאָן, די בלינד געפונענע מעטאָדען — מיט דער ענטוויקלונג פון אַרבייטס־מעטאָדען, די אַרבייט גופא ווערט דורך און דורך באַוואוסטזיניג און באַשטימט צום צוועק, בלייבענדיג אַלץ דיזעלביגע גרונד־פאָרמע פון דעם „זיין", ס'הייסט זיין תוך. די קאַטעגאָריען פון דעם באַוואוסטזיין, אַזוי ווי די סאַמע אָרגאַנען פון אויפנעהמען און באַוועגונג, זיינען פּראָדוקטען פון אַרבייט, איהרע צווייטע פאָרמען, איהרע איינגעפונדעוועטע עראָבערונגען, איהר פאַרהאַרטעוועטע קאָרע, וואָס איז פאַרטייל־האַפט כל זמן זיי העלפען דער אַרבייט זיך ענטוויקלען ווייטער אין זין פון דעם וואוקס פון איהר מאַכט.

ווען אויף דער זאַאָלאָגישער מדרגה אונטערשיידט זיך נאָך ניט קלאָר די אַקטיוויטעט פון אַרבייט פון אַ פּאַסיווער איבער־לעבונג, ווערט זי אָבער פאָלשטענדיג קלאָר אויף דער מענשליכער מדרגה, וואו דער סוביעקט צייכענט זיך שאַרף אויס פון דער סביבה, די ווירקליכקייט פון איהר צוועק, דערביי איז דער פאַראייניגונגס־רינג צווישען זיי די געצייג פון דער פּראָדוקציאָן און די אַקטען פון דער אַרבייט.

מיר ווילען דאָ ברענגען איינגאַנצען דעם פילאָסאָפישען אַנאַ־ליז פון ארבייט, וואָס מארקס האָט געגעבען אין דעם 5טען קאַפּי־טעל פון „קאַפּיטאַל": „ארבייט איז קודם כל אַ פּראָצעס, וואָס קומט פאָר צווישען מענשען און דער נאַטור — אַ פּראָצעס, אין וועלכען דער מענש, דורך זיין אייגענער טאַט, ברענגט צושטאַנד, רעגולירט און קאָנטראָלירט די וועקסלונג פון שטאָפען צווישען זיך און דער נאַטור. ער טרעט ארויס ווי אַ נאַטור־מאַכט אנטקעגען דעם נאַטור־שטאָף גופא. ער ברענגט אין באַוועגונג די נאַטור־קרעפטען, וואָס געהערען צו זיין קערפּער, די אָרעמס און פיס, דעם קאָפּ און די הענד, אום צו מאַכען דעם נאַטור־שטאָף אין אַזאַ פאָרמע, וואָס ער זאָל קאָנען געברויכען פאַר זיין אייגענעם לעבען. בעת ער ווירקט דורך אָט דער באַוועגונג אויף דער אויסערליכער נאַטור און פאַרענדערט זי, פאַרענדערט ער אין דערזעלביגער צייט אויך זיין אייגענע נאַטור. ער ענטוויקעלט איהרע איינגעשלאָפענע כחות און אונטערוואַרפט זיי אונטער זיין אייגענער הערשאַפט. מיר האָבען דאָ ניט צו טאָן מיט די טיריש־אורערשטע, אינסטינקט־מעסיגע פאָרמען פון דער ארבייט. אין פאַרגלייך מיט דעם צושטאַנד, אין וועלכען דער ארבייטער טרעט ארויס אויפ'ן סחורה־מארק ווי אַ פאַרקויפער פון זיין אייגענער ארבייטס־קראַפט, ליגט יענער צושטאַנד, ווען די מענשליכע אַר־בייט האָט נאָך ניט אראָפּגעוואָרפען פון זיך די ערשטע אינ־סטינקטיווע פאָרמע, פאַררוקט אין דעם אוראַלטען הינטערגרונד. מיר נעהמען אָן די ארבייט אין אַזאַ פאָרמע, אין וועלכער זי גע־הערט אויסשליסליך דעם מענשען. די שפּין פיהרט דורך אָפּע־ראַציעס, וואָס פאַרגלייכען זיך מיט די אָפּעראַציעס פון דעם וועב־ער, און די ביהן, מיט דעם געבוי פון איהרע וואַקס־צעלען, פאַר־שעהמט ניט איינעם פון די מענשליכע ארכיטעקטען. וואָס עס צייכענט אָבער פון אָנהויב אָן אויס דעם ערגסטען ארכיטעקט פון דער בעסטער ביהן איז דאָס, וואָס ער האָט געבויט די צעל אין זיין קאָפּ איידער ער בויט זי אין דעם וואַקס. ביים ענד פון דעם אַר־בייט־פּראָצעס באַקומט זיך אַ רעזולטאַט, וועלכער איז שוין אין זיין אָנפאַנג געווען אין דעם ארבייטער'ס פאָרשטעלונג, דאָס הייסט,

האָט זיך שוין געפונען אידעאַל. עס איז ניט נאָר דאָס, וואָס ער פיהרט דורכ אַן ענדערונג אין דער פאָרמע פון עפּעס אַ נאַטור־זאַך; ער פאַרווירקליכט אין דער נאַטור־זאַך צו דערזעלביגער צייט זיין באַוואוסטזיניגען צוועק, וועלכער באַשטימט די אַרט און וויַיזע פון זיין טאָן ווי אַ געזעץ און צו וועלכען ער מוז אונטערוואַרפען זיין ווילען. און די דאָזיגע אונטערוואַרפונג איז ניט קיין פאַראיינצעלטער אַקט. אַ חוץ דער אָנשטרענגונג פון די אָרגאַנען, וועלכע אַרבייטען, פאָדערט זיך אַ צוועקמעסיגער ווילען, וואָס דריקט זיך אויס אַלס אויפמערקזאַמקייט, די גאַנצע צייט, וואָס די אַרבייט געדויערט; און די אויפמערקזאַמקייט פאָדערט זיך אַלץ מעהר, וואָס וויַיניגער די אַרבייט, דורך איהר אייגענעם אינהאַלט און דורכ'ן אופן פון איהר אויספיהרונג, אינטערעסירט דעם אַרבייטער וואָס וויַיניגער, הייסט עס, ער געניסט די אַרבייט אַלס אַ פריי שפּיל פון זיינע אָרגאַנישע קרעפטען.

„דער פּראָצעס פון אַרבייט שליסט איין אין זיך פאָלגענדע איינפאַכע מאָטיוון: 1) די צוועקמעסיגע טעטיגקייט אָדער די אַרבייט גופא; 2) דער געגענשטאַנד, אויף וועלכען זי ווירקט, און 3) דער מיטעל דורך וועלכען זי ווירקט“.

אַלזאָ, אַרבייט איז אַן ענטפּלעקונג, אַן ערשיינונג פון דעם מענשען'ס אַקטיוויטעט; דאָך, אַזוי ווי ער, אַזוי אויך אַלע צופּאַסונגען פון איהם באַשאַפענע, הענגען אָפּ פון דעם פּאַסיווען ווידערשטאַנד פון דער סביבה: אומענדערענדיג די סביבה, ווערט אומגעענדערט דער אַרבייטענדיגער סוביעקט אַליין. זיינע ענדערונגען מוזען פונדעסטוועגען זיך ענטוויקלען אין די רעהמלאַך פון די גרונד־געזעצען פון לעבען, וואָרום אין געגענפאַל טרעט איין דער טויט. אויף וויפיעל דער אָרגאַניזם אין פּראָצעס פון קאַמף מיט דער נאַטור זיך אומענדערענדיג זעצט פאָרט צו עקזיסטירען, ווי אַ לעבעדיגס, אויף אַזוי פיעל האָט זיך איהם איינגעגעבען סענטיג, צו אָרגאַניזירען די סביבה, אַרויפצולייגען אויף זיי די חתימה פון זיין אייגענער אָרגאַניזירטקייט, אַזוי ווי אין זין פון

ערקענען זי, אזוי אויך אין זינען פון צופאסען זיך צו איהר אָדער צופאסען זי צו זיינע באדערפניסען. דער סוביעקט און זיין סביבה, אויף וויפיעל ער אנערקענט זי, זיינען אינגאנצען פראָדוקטען פון דער גאָר ערשטער אקטיוויטעט, אין דעם דאָזיגען פרט זיינען מיר נאָהענט צו פיכטע'ן; נאָר די דאָזיגע אקטיוויטעט ערשיינט ניט אויף קיין איינער פון איהרע מדרגות ווילקירליך, מוטוויליג, — זייענדיג גענייגט צו דעם שטרעבונג צו לעבען, גיסט זי זיך אָפּ אין באשטימטע פאָרמען נאָר באגעגענענדיג א באשטימטען ווידערשטאנד פון דער סביבה.

ביי דעם מענשען האָט ארבייט א סאָציאַלען כאראקטער, אלץ איינס צי עס קומט פאָר געמיינשאפטליכע ארבייט פון עטליכע אינדיווידען אָדער ארבייט פון א באזונדערען אינדיוויד, וואָס איז געבונדען מיט אנדערע דורך א נאטירליכען אויסטויש פון דינסט־לייסטונגען אָדער דורך א שפּעטערדיגען אויסטויש פון סחורות.

די פאָרמען פון מיטארבייטערשאפט, וואָס שטעלען מיט זיך פאָר די גרונד־פאָרמען פון געזעלשאפטליכקייט, הענגען אָפּ פון די ארבייטס־מעטאָדען און די פראָדוקציאָנס־געצייג און זיי בייטען זיך מיט זייער אומענדערונג.

פארשידענע ארגאניזאציעס פון מיטארבייטערשאפט (משפּחה) קאָמוניזם, מאטריארכאט, פאטריארכאלישע אָפּשטאמונג, א הויז־געזינט, א משפּחה, א פעדעראציע פון משפחות, א נאציע; א ווערקשטאט, א צעך, א מאנופאקטור, א פאבריק, א טראָסט און ד. ג.) שטעלען מיט זיך פאָר אזעלכע צופאסונגען, כדי די ארבייט זאָל זיין אָם מעהרסטען ערפאָלגרייך, ווי די באזונדערע אָרגאנען און די צוטיילונג פון די פונקציעס אין אַן אָרגאניזם. דאָ, ווי דאָרט, האָט די פאָרמע איהר רעכט אויף עקזיסטענץ ביז וואנען זי העלפט־מיט דעם וואוקס פון דער מעכטיגקייט פון ארבייט(און פאָלגליך אויך פון לעבען). איןביידע פעלען טרעט לייכט איין א מאָמענט, בעת די פאַלשטענדיג פארענדיגטע פאָרמען, וואָס האָבען דערגרייכט צו א פולער ענטוויקלונג און צו דער העכסטער

באַשטימטקייט, זיך אַרויסווייזענדיג מעהר אָדער ווייניגער אַלס אידעאַל ענטשפּרעכענדיגע צו די געגענוועךטיגע, צו די באַטרעפענדע באַדינגונגען, פאַרהאַלטען אין דער אייגענער צייט יעדע ווייטערדיגע ענטוויקלונג און, אין פאַל ווען מען זאָל די באַדינגונגען אומענדערען, ווייזען זיי זיך אַרויס פאַר שעדליך אָדער אפילו פאַר פאַרדערבליך. דאַן מוז דער אָרגאַניזם אָדער די געזעלשאַפט ענטוועדער צוברעכען די אַלטע פאָרמען, אָדער אונטערגעהן.

איבערלאָזענדיג אין אַ זייט די ענטוויקלונגס געזעצען פון אַן אָרגאַניזם און קאָנצענטרירענדיג די אויפמערקזאַמקייט אויף דער געזעלשאַפט, מוזען מיר באַצייכענען פאָלגענדע ערשיינונגען: די באַוועגענדע קראַפט פון פּראָגרעס איז, ערשטענס, דער וואוקס פון דער באַפעלקערונג, וועלכער, דראָהענדיג מיט הונגער און אויסשטאַרבען, יאָגט מענשען פון געיעג צו האָדעווען און פאַרמעהרען בהמות, ווייטער צו ערד־אַרבייט און געווערב; צווייטענס, אַזאַ באַוועגער איז אויך די ענטוויקלונג פון דער טעכניק (פון די מעטאָדען און געצייג), וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די אָנזאַמלונג און באַאַרבייטונג פון דער אַרבייט׳ס ערפאַהרונג.

די באַדערפניסען און די צוועקמעסיגע, צוגעפּאַסטע אָרגאַניזאַציע פון אַרבייט איז יענער באַזיס, אויף וועלכען עס ווערט אויפגעשטעלט די באַטרעפענדע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, וואָס מוז פאַרזיכערן די העכסטע מאַכט פון לעבען ביי די געגענוועךטיגע, ביי די באַטרעפענדע באַדינגונגען. נאָר ווען, ריידענדיג וועגען אַן אָרגאַניזם, קאָנען מיר בלויז בדרך משל, בילדליך באַנוצען דעם אויסדרוק: „דער קאַמף פון די נייע רעאַקציעס און פאַרגליווערטע פאָרמען", האָבען מיר אָבער אין דער געזעלשאַפט אַווירקליכען קאַמף. די גאָר ערשטע פאַנאַנדערפאַלונג אויף אָרגאַניזאַטאָרס פון אַרבייט און אויף די וואָס טוען די אַרבייט ווערט אַלץ קאָמפּליצירט און ערוועךבט אַן אַלץ מעהר שאַרפען כאַראַקטער פון פאַנאַנדערפאַלען פון דער געזעלשאַפט אויף קלאַסען פרי־

וויליגירטע און קלאסען געדריקטע, געראבטע. די אינטערעסען פון די דאזיגע קלאסען זיינען אויף גאר אן אוממיטעלבארען אופן געבונדען מיט די געגענווערטיגע, מיט די באטרעפענדע געזעלשאפטליכע פארמען, יעדע אומענדערונג פון זיי דראהט מיט אונטערגאנג פאר איינע, עפענט האפנונגען פאר אנדערע. דערפאר נעמט אן די ענטוויקלונג פון דער מענשליכער געזעלשאפט כאראקטעריסטישע שטריכען פון א קלאסען־קאמף. און אזוי ווי גרויסע געזעלשאפטען גיסען זיך שטופענווייז צונויף פון באזונדערע משפחות, אפשטאמונגען, און שטעלען מיט זיך פאר עפעס אזוי ווי אפגעטיילטע, באזונדערע ארגאניזמען, וואס פארפאלגען יעדער זיינע צילען, וואס זארגען וועגען זייער מאכטיגקייט — שטעלט זיך ארויס אלס נאטירליכע ערשיינונג דאס, וואס א קריג צווישען שבטים אדער א בירגער־קריג געהט־מיט מיט דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאפט.

די אורשפרינגליכע ארבייט'ס אפהענגיגקייט פון דער סביבה אין גרונד גענומען באשרענקט ניט איהר פרייהייט, אלס אזעלכע, און נאר אויף אן אויסערליכען אופן שטעלט זי איהר שטערונגען. דער דורשט צו לעבען — דאס איז די פרייע התחלה אין אן ארגאניזם, און אט די התחלה, אויף וויפיעל זי קאן, באארבייט די סביבה אויף איהר אייגענעם אופן. נאר אין דער געזעלשאפט שטעלען זיך ארויס די רעזולטאטען פון ארבייט אין א גרויסער מעהרהייט פעלען ניט אין איינקלאנג מיט די דירעקטע צילען פון דעם ארבייטענדיגען אינדיווויד. זיין ארבייט געהט אריין אלס טייל אין א גאנצע סיסטעמע, זי צושניידט זיך און פלעכט זיך איין מיט די טענדענצען פון אנדערע, זי באשאפט א גאנצע נעץ פון אפגעווייטערטע און אומפאראויסגעזעהענע רעזולטאטען און קערט זיך אום צום אינדיווויד אין אן אומדערקענבארער פארמע פון א ריין סאציאלער ערשיינונג, אין דער פארמע פון א קאלעקטיווען ארבייט'ס רעזולטאט, נאר פון א ניט ארגאניזירטען, וואס האט ניט אין זיין אויספאלום קיין באוואוסטזיניגען ווילען. דער הויפט רעזולטאט אלס גאנצע פון אט דער אינטערפערענץ, פון

אָט דער ארייננמישונג אין ארבייט, פון דער דאָזיגער אָנזאמלונג פון אָפּגעזונדערטע אַקטען און פון זייער פארוואנדעלט ווערען אין א באזונדערען מין סטיכיע איז די קנעכטשאפט פון דעם מענשען פאר דער „עקאָנאָמיק", וואָס ער אַליין האָט אומבאוואוסט באשאפען.

דעם מענשענ'ס ארבייט איז קאָלעקטיוו, ער קאָן ניט זיין ארומגעכאפט מיט דעם באוואוסטזיין פון אַן אָפּגעזונדערטען ארבייטער. כדי דער מענש זאָל זיין פריי, כדי די רעזולטאטען זאָלען פאָלשטענדיג ענטשפרעכען זיינע צילען, איז נויטיג אַן אָרגאניזאציע פון א קאָלעקטיווען געוויסען, פון א קאָלעקטיווען ווילען.

דער פרימיטיווער מין מענש האָט ענטשפּראָכען אין א געוויסען גראד צו דער דאָזיגער באדערפענים, נאָר א דאנק דעם, וואָס די ארבייט איז געווען גאָר עלעמענטאר און דאָס לעבען איינ־ארטיג. אויף העכערע מדרגות פון ענטוויקלונג זיינען די פאָרשטעהער פון אזא קאָלעקטיווען ווילען געוואָרען די אָרגאניזאָטאָרס — אריסטאָקראטען פון א פארשיידענעם טיפ. שוין ניט ריידענדיג וועגען דעם, וואָס זיי האָט זיך כמעט קיינמאָל ניט איינגעגעבען איינגאנצען צו רעגולירען דעם שטראָם פון דער געזעלשאפטליכער ארבייט, הארף מען געדענקען, אז זייער פרייהייט האָט געהאט אין איהר יסוד די קנעכטשאפט פון דער מערהייט, אז זייערע צילען האָבען זיך באשטימט אין א פיעל גרעסערער מאָס מיט די אינטערעסען פון זייער גרופּע, איידער מיט די אינטערעסען פון דער גאנצער געזעלשאפט, און אז דאָס אַלץ האָט געמאכט די אריסטאָקראטישע אָרדנונג אי ניט שטאנדהאפטיג, אי אומענדליך ווייט אָפּשטעהענדיג פון דעם אידעאַל פון פולער מאכטיגקייט און פולער פרייהייט פון דעם גאנצען מענשליכען מין, פון דעם אידעאַל, וואָס ערשיינט אַלס צוגעפּאסטער אויסדרוק פון דער געזעלשאפטליכער עקזיסטענץ, ווי מארקס האָט איהם פארשטאַנען.

דער דורשט צום לעבען, וואָס ליגט אין דעם יסוד פון אר־

בייט, האט מיט זיין נאטירליכען אויסדרוק דעם אידעאל פון דער עקאנאמישער מאכטיגקייט פון דעם מענשען. דער אומטייל־בארער דורשט צום לעבען און דער דורשט צו פרייהייט (דאס און יענעס פאלט, אין גרונד גענומען, צוזאמען) קאן געפינען זיין פארענדיגטען אויסדרוק נאר אין דעם אידעאל פון פאלשטענדיגער גאנצקייט און פון אינעווייניגסטער איינהייט פון דעם אייגענט־ליכען סוביעקט פון דער געזעלשאפטליכער עקזיסטענץ — פון קאלעקטיוו.

פון דאנען קומט ארויס: דער וואוקס פון דער מענשהייט'ס שאפענדיגע קרעפטען, אלס ערשטע אויפגאבע, מיט וועלכער ביי אלע באדינגונגען קאן ניט מיטפיהלען דער מענש, וועמעס געדאנק און וועמעס געפיהל ס'האבען ארומגענומען דאס לעבען אין זיין גאנצער ענטוויקלונג. דער קאלעקטיוויזם איז די צווייטע אויפגאבע, דערביי נאר מיט איהר פארווירקליכונג ערווערבט ער דעם ווירקליכען זינן און די אנזאמלונג פון מאכטיגקייט.

אין דעם מערקווירדיגען ארטיקעל „וועגען מאלטוס'ן און ריקארדא'ן" זאגט מארקס, אז דער איינציגער אידעאל פון אן עהר־ליכען און ענטוויקעלטען דענקער, זיין איינציגער קריטעריום קאן זיין די ענטוויקלונג פון די שאפענדיגע קרעפטען פון דער געזעל־שאפט, וואס פאלט צוזאמען, לויט מארקס'ן, מיט דער ענטוויק־לונג פון דער רייכקייט פון דער מענשליכער נאטור. פון מארקס'ס קריטיק אויף פייערבאך'ן קאן מען לייכט זעהן, וואסער צענטראל־ראלע אין מארקס'ס וועלט־אנשויאונג עס שפילט דער איבערגאנג צום קאלעקטיוויזם. איבריגענס, די דאזיגע זייט פון ענין וועלען מיר נאך באלייכטען פיעל אויספיהרליכער.

ניט נאר ווערען די סאציאלע פארמען באשטימט פון דער סאציאלער עקזיסטענץ, פון דעם סאציאלען קיום, דאס הייסט מיט דער ארבייט אין איהר ענטוויקלונג, נאר אויך דאס באוואוסט־זיין גופא. דאס באוואוסטזיין איז אויף אזא אופן אויך א סאָ־ציאלע און אין העכסטען גראד א וויכטיגע פארמע. מען קאן מארקס'ן פארדעכטיגען אין גראבען מאטעריאליזם פון דעם בוכ־

נער׳שען טיפּ, בעת ער זאָגט: „דאָס אידעאַלע איז דאָס מאַטע־ריעלע, וואָס איז דורכגעגאַנגען דורכ׳ן מארך". נאָר ריכטיג פאַר־שטעהענדיג דעם גאַנצען געבוי פון מארקס׳עס אידעען ווערט אזא פארדאכט צושפּרייט, ווי א רויך. דאָס אידעעלע, ס׳הייסט אלע מעגליכע באַוואוסטזיניגע אקטען, זיינען ערשיינונגען אויפ׳ן ענג־סטען אופן געבונדענע מיט די ניט־באַוואוסטזיניגע אַקטען, וואָס האָבען אַן אָרט אזוי ווי אין די גרעניצען פון אָרגאַניזם גופא, אויך אזוי הינטער זיינע גרעניצען. מארקס זעהט ניט קיין וועזענטליכען אונטערשייד צווישען די און אנדערע ערשיינונגען (באַוואוסטזיניגע און ניט־באַוואוסטזיניגע), און דאָס און יענעס — זיינען אקטען, וואָס קומען ארויס אין דעם זעלביגען רוים, אין דער זעלביגער צייט, וואָס זיינען אזוי אָדער אנדערש געגענזייטיג גע־בונדען. די אויסערליכע אימפּולסען און די אינעווייניגסטע אויפ־רעגונגען, ווי עס שיינט, געהען דורך אין בוכשטעבליכען זינן דורכ׳ן מארך אײדער זיי ווערען רעאקציעס, געגענווירקונגען, ווען די דאָזיגע רעאקציעס זיינען באַוואוסטזיניג. אלזאָ, די אידעאלע קראַפט לויט מארקס׳ן איז אזעלכע, וועלכע איז אומגעשטאַלטעט מיט איהר דורכגעהן דורכ׳ן מארך, מיט אנדערע ווערטער, פלאַס־טיש אָרגאַניזירט מיט דעם דאָזיגען העכסטען אָרגאַן פון לעבען. מארקס׳ס פאָרמולא קאָן אזוי אומגעקערט ווערען: מיט גלייכען רעכט זאָגען מיר: דאָס, וואָס מיר רופען מאַטעריעלע, זייענדיג אָרגאַניזירט אין מארך, ערווערבט אין אונזערע אויגען דעם כאַ־ראַקטער פון אידעאַלען; און פארקערט, דאָס, וואָס מיר רופען אידעאַלע, איז אין אַן אומאָרגאַניזירטער געשטאַלט מאַטעריעלע. דאָס מאַטעריעלע און אידעאַלע שטעלט מארקס איינס קעגען צוויי־טען ניט ווי פּאַסיוועס און אקטיוועס, נויטיגעס און פרייעס, מעסטבארעס און אונמעסטבארעס, ערדישעס און הימלישעס, און ד. ג., נאָר ווי פארשיידענע מדרגות פון אָרגאַניזירטקייט פון די זעלביגע עלעמענטען.

מאַכענדיג דאָס באַוואוסטזיין אָפּהענגיג פון דער געזעלשאַפט־ליכער עקזיסטענץ, האָט מארקס בשום אופן ניט געוואָלט זאָגען,

אז דאָס באַוואוסטזיין פאָלגט כלומרשט נאָך סנעכטיש נאָך דער געזעלשאַפטליכער עקזיסטענץ, אז קיין זאַך איז עס צו איהר ניט מוסיף, און האָט ניט קיין צוריק־ווירקונג. דאָס באַוואוסטזיין איז אַן אָרגאַניזירטע ארבייטס ערפאַהרונג, וואָס מיט'ן וואוקס פון דער ארבייט פאַרוואַנדעלט זיך אַלץ מעהר אין אַ מאַכטיגע קראַפט, וואָס אָרגאַניזירט עס. דאָס באַוואוסטזיין איז ענטשטאַנען פון ארבייט און אויסער ארבייט האָט עס קיין זינן ניט, דאָס איז אַ פאָרמע פון אָרגאַניזאַציע פון ארבייט, וואָס איז עיקר'דיג, וועזענטליך נויטיג פאַר זיין פראָגרעס. ווען מארקס באַהויפּט אין רייהע מיט דעם, אז „דאָס זיין" ווערט ניט באַשטימט פון באַוואוסטזיין, איז אין דעם דאָזיגען אויסדרוק דאָ צוויי באַגריפען, צוויי זינענס: ערשטענס, ניט נאָר העגעל, נאָר אַפילו די לינקע העגעליאַנער האָבען געמיינט, אז די באַשטימונגען פון דעם „זיין" קאָנען לאָגיש ארויסגעפיהרט ווערען פון די געזעצען פון באַוואוסטזיין, און אויך (ברונאָ באַוער), אז ווען מען איז גובר מיט'ן געדאַנק, אין אַבסטראַקציע, די אָדער אַנדערע קאַטעגאָריען פון דעם אָביעקטיווען זיין איז שוין גלייך שטאַרק ווי מען וואָלט זיי פראַקטיש גובר געווען. — מארקס, שארף זיך פאַנאַנדערגעהענדיג מיט זיי אין דעם דאָזיגען פאַל, ווייזט אָן, פאַרקערט, אז דאָס באַוואוסטזיין פון דער באַטרעפענדער נאַציע, עפּאָכע און אַז. וו. קאָן ארויסגעפיהרט ווערען פון דעם עקאָנאָמישען „זיין" פון דער דאָזיגער נאַציע אָדער עפּאָכע, אז דאָס באַוואוסטזיין איז בכלל אומפאַרשטענדליך אויסער דעם „זיין", אויסער דער עקזיסטענץ און דערביי מאַכטלאָז אויסער פאַרבינדונג מיט דער פראַקטיק. צווייטענס, די רעוואָלוציאָנערע סוביעקטיוויסטען האָבען געמיינט, אז דער באַוואוסטזיניגער ווילען פון אַ געוויסער גרופּע (פון העלדען, קריטיש דענקענדיגע פערזענליכקייטען, אָדער אַן אויפגעקלערטער קייזער אָדער אַ מיליאָנער) קאָן שארף אומענדערען דעם גאַנג פון געשעהעניסען און הערשעריש צוגעבען צו דער געזעלשאַפטליכער עקזיסטענץ די אָדער אַנדערע פאָרמען. — מארקס, קאָנסטאַטירענדיג די גרויסע צעריסענקייט פון דער מענשליכער

געזעלשאַפט און די מאַכט איבער איהר ניט נאָר פון די נאַטורקרעפטען, נאָר אויך פון די געזעלשאַפטליכע בלינדע קרעפטען, סטיכיעס, האָט אנערקענט די מאַכטלאָזיגקייט פון א פערזענליכקייט אָדער פון א גרופּע, וואָס שטעלט אוועק איהר ווילען אנטקעגען דעם סטיכישען גאַנג פון דער נאָך ניט־אָרגאַניזירטער אַלמענשליכער אַרבייט.

דאָס איז דער רייכער געדאַנק, וואָס מאַרקס'ס באַריהמטע פאָרמולאַ טראָגט אין זיך. א גרויסען טעות האָט דער, וואָס לעגט אריין אין איהר דעם מאַטעריאַליזם פון דעם לעדאַנטעקאַווישען טיפּ, די אידעע וועגען דער אייביגער מאַכטלאָזיגקייט פון באַוואוסטזיניגען ווילען קעגען די סטיכיעס. פאַרקעהרט, דער וואוקס פון אָרגאַניזירטקייט און צוזאַמען מיט דעם פון דער מאַכטיגקייט פון דעם דאָזיגען ווילען, זיין פאַרוואַנדלונג פון צעריסענע טענדענצען פון איזאָלירטע און ניט שטאַרקע פערזענליכקייטען אין א האַרמאָנישען שטראָם פון קאָלעקטיווער ענערגיע, דורך און דורך שכל'דיגער און זיגרייכער — דאָס איז די נשמה פון מאַרקס'ס פילאָסאָפיע.

מאַרקס האָט אויף קיין פאַל זיך ניט געשטעלט פאַר א צוועק צו רעכטפערטיגען גאָט אָדער צו רעכטפערטיגען די וועלט. פאַר איהם איז די זאַך ניט באַשטאַנען אין דעם, כדי מיט טרייסט אויסצוטייטשען די וועלט, נאָר אין דעם, כדי אַקטיוו צו צופּאַסען זי צו די באַדערפעניסען פון דעם מענשען. ניט אריינגעהענדיג דערווייל אין דער אָפּשאַצונג פון דעם מענשליכען סוביעקטיוויזם, ס'הייסט פון דעם מענשליכען אידעאַל, קאָנען מיר, נאָכפאָלגענדיג מאַרקס'ן, זאָגען איין זאַך: די נאַטור איז ניט אין איינקלאַנג מיט דעם דאָזיגען אידעאַל און, רעלאַטיוו און טיילענוויז דערנעהענטערט זי זיך צו ווערען אין איינקלאַנג נאָר דורך אַרבייט. מאַרקס האָט אויך ארומגעכאַפּט די געשיכטע פון דער מענשהייט מיט דער דאָזיגער פאָרמולאַ: דער קאַמף פון דעם מענשען מיט דער נאַטור, פּראַקטיש איבערמאַכען די וועלט. דעם דאָזיגען פּראָצעס קאָן מען זיך ניט פאָרשטעלען ווי א קאַמף,

וואס איז פון סאמע אנהויב אן שוין פון א פארענדיגט וועזען. פארקעהרט, אין דעם סאמע גאנג פון קאמף און צוזאמען מיט זיינע ערפאלגען ארגאניזירט און לייטערט דער מענש זיך אין זיין אידעאל. אלץ קלערער שטעלט ער פאר אין דער אייגענער צייט די אייגענשאפטען פון דעם עלעמענט, וואס איז פיינדליך צו איהם — פון דער סטיכישער סביבה.

אבער בלייבענדיג אויף אן אינדיווידועלען שטאנדפונקט, באַגרענעצענדיג זיך מיט רעהמלאך פון אינדיווידועלער עקזיסטענץ, פארלירענדיג די אילוזיע וועגען דער פארנינפטיגקייט און גוטיגקייט פון עפעס אמיציען, וואס שטעהט הינטער דער סביבה און באפעלט אין איהר נאמען, פארלירענדיג די אמונה אין דער לעגענדע וועגען א יענער־וועלט, וואו עס ווערען אויסגעבעסערט די אונזינען פון דער וועלט, — בלייבט דער מענש גאנץ טרייסטלאז. ווארום די געשיכטע קומט פאר און וועט נאך לאנג פארקומען אונטער בלוט און טרערען. אומענדערען די דאזיגע לאגע פון זאכען איז קיינער ניט אימשטאנד, מען דארף אדער אנעמען דעם קאמף מיט זיין גאנצער גרויזאמקייט, געהן צום נצחון פון „**דעם מענשען**“ איבער די ביינער פון אינדיווידומען און אוועקלייגען די אייגענע ביינער אין וויסטעניש, וואס טיילט אונז נאך אפ פון דעם צוגעזאגטען לאנד, אדער אוועקגעהן אין א זייט, אפוואשען די הענט, היסטעריש בעטען רחמים אפצושטעלען דעם קאמף, בכלל פארגעמען א וועלכע עס איז פאזיציע, וועלכע בלייבט „א פוסטע פלוידעריי“ אפילו אין דעם פאל, בעת זי שטעלט פאר א פאלשטענדיגען געגענזאץ צו דער פאזיציע פון „פרעהען זיך“.

מארקס לערענט אונז (שוין אין ארטיקעל, וואס איך האב ציטירט וועגען מאלטוס׳ן און ריקארדא׳ן), אז דער קאמף, וואס בילדעט דעם תוך פון דער געשיכטע, פיהרט **דער מין**, דער אינדיוויד מוז אויפנעמען דעם דאזיגען קאמף ווילענדיג צי ניט ווילענדיג. דער באוואוסטזיניגער אינדיוויד אידענטיפיצירט זיינע ציעלען מיט די ציעלען פון מין. אזא אינדיוויד איז געווען מארקס אליין. מיר וועלען דא דערמאנען דעם לעזער די ציטאטע פון

מאַרקס׳עס אַ בריף, וואָס מיר האָבן געבראַכט אין ערשטען באַנד פון דעם פאָרליגענדען ווערק.

נאָר ווי איז דאָס זעלבסטפיהלען פון אַזאַ באַוואוסטזיניגער פּערזענליכקייט, ווי איז איהר זעלבסטעמפּפינדען? איהרע אייגענע ציעלען מאַכט זי אונטערטעניג צו די ציעלען פון דעם מין. דערין איז איהר קאָלאָסאַלע אונטערשיידונג פון שטירנער׳ס אַנטירעליגיעזען אינדיווידואַליזם. שטירנער האָט פלאַך אויסגעלאַכט אַט די באַהאַלטענע רעליגיעזיטעט פון די אַטעאיסטען־קאָלעקטיוויסטען. זיין קריטיג און זיינע שפּאַסען זיינען אָהן ציין, נאָר אין איין זאַך איז ער גערעכט: דער קאָלעקטיוויסט איז רעליגיעז. עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, און עס איז לאַנגווייליג איבערצו׳חזר׳ן, אַז, אָפּמאַכענדיג אַנצורופען רעליגיע די אמונה אין אַ טראַנסצענדענטאַלע גאָטהייט, וועלען מיר דאָ האָבען עפּעס־וואָס, וואָס ווידערשפּרעכט רעליגיע אויף גאָר אַן ענטשיידענעם אופן. נאָר, ווען ביי דער אַבוועזענהייט פון רעליגיע, אַנשטאַט אַנטי־רעליגיעזיטעט, וועלען מיר האַלטען יענע „פּראַקטישע ווייזהייט״, וועלכע שטעלט אין צענטער פון דער עקזיסטענץ דעם קאָנקרעטען „איך״ און זיינע אינטערעסען — וועלען מיר אין דעם קאָלעקטיוויזם ווידער דערזעהן עפּעס־וואָס געגענזעצטעס צו אַזאַ אַנטי־רעליגיעזיטעט.

מאַרקס אַליין האָט באַנוצט דאָס וואָרט רעליגיע אין זין פון אמונה אין גאָט, און האָט זי גערעכענט אַלס נאַטירליכען צוגאָב פון דעם בירגערליכען אינדיווידואַליזם. דער אינדיוויד, וואָס איז געצוואונגען אויסצוקלייבען צווישען דעם ניהיליזם פון שטירנער׳ס לערע און די טרייסטונגען פון רעליגיע, אפילו אויף אַ העכער מדרגה פון ענטוויקלונג, וועט לייכט זיך נייגען צום צווייטען. דער באָדען פאַר דער אַלטער פאָרמע פון רעליגיע וועט צושטערט ווערען נאָר דאַן, בעת די פּערזענליכקייט וועט זיך אומקערען אויפ׳ן שווים פון קאָלעקטיוו, אויפ׳ן שווים פון מ י ן. אַט וואָס מאַרקס שרייבט וועגען דעם אין זיין פריהסטער, נאָר מערקווירדיגער אַרבייט — „צו קריטיק פון העגעל׳ס רעכט׳ס פילאָזאָפיע״: „די מיטגלידער פון אַ פּאָליטישען שטאַט זיינען רעליגיעז צוליב דעם

דואליזם צווישען דעם אינדיווידועלען און דעם פאטרימאניעלען לעבען צווישען דעם לעבען פון דער בירגערליכער געזעלשאפט און דעם פאליטישען לעבען, זיי זיינען רעליגיעז, אויף וויפיל דער מענש פארהאלט זיך צום מלוכה לעבען, וואס ערשיינט „יענערזייטיג״ (ס'הייסט ווי א לעבען אויף יענער וועלט) פאר זיין ווירקליכער אינדיווידואליטעט, ווי צו זיין אמת'ן לעבען, זיי זיינען רעליגיעז אויף וויפיל רעליגיע איז א גייסט פון דער בורזשואזער געזעלשאפט, אן אויסדרוק פון דעם, וואס איין מענש איז אפגעטיילט און דער-ווייטערט פון דעם צווייטען מענשען. די פאליטישע דעמאקראטיע איז קריסטליך, אויף וויפיל דער מענש אין איהר, — ניט דער מענש בכלל, נאר יעדער מענש, — רעכענט זיך פאר אן אומבאשרענקט העכסט וועזען, דערצו נאך דער מענש אין זיין ניט-קולטיווירטען, ניט-סאציאלען אויסזעהן אין א צופעליגער פארמע פון עקזיסטענץ, דער מענש ווי ער איז אין לעבען, דער מענש ווי ער איז פארדארבען מיט דער גאנצער ארגאניזאציע פון אונזער געזעלשאפט, פאר-לוירען, אויסגעשלאסען פון זיך אליין, אפגעגעבען דער הערשאפט פון ניט מענשליכע סטיכיעס און עלעמענטען, מיט איין ווארט, — דער מענש, וועלכער איז נאך ניט א ווירקליך פאטרימאניעלעס וועזען״.

„נאר דאן בעת דער ווירקליכער אינדיווידועלער מענש נעמט אין זיך צוריק דעם אבסטראקטען מלוכה בירגער און ווי אן אינדי-ווידועלער מענש, אין זיין אינדיווידועלער לאגע, אין זיין אינדיווי-דועלער ארבייט, אין זיין עמפירישען לעבען וועט ווערען א פאטרי-מאניעלעס וועזען, נאר דאן בעת דער מענש האט זיינע אייגענטימ-ליכע כחות ערקענט און ארגאניזירט, ווי קרעפטען געזעלשאפטליכע און דערפאר טיילט ער שוין ניט אפ די געזעלשאפטליכע קרעפטען פון זיך אין דער פארמע פון פאליטישער קראפט, — נאר דאן וועט פארקומען די מענשליכע עמאנציפאציע״.

די מענשליכע עמאנציפאציע פון דער אויסערליכער זייט האט אויף אזא אופן דעם כאראקטער פון אן איבערקערעניש אין דער זעלבסטערקענטניס פון דעם מענשען. די בירגערשאפט וויים נאר

צוויי פאָרמען פון אזא זעלבסטערקענטניש: ערשטענס: דער שווערפונקט איז אין גאָט, דער מענש, אזוי צו זאָגען, דרעהט זיך ארום איהם, — די אַלטע רעליגיעזע זעלבסטערקענטניש, טעאָצענט־ריזם — גאָט איז דער צענטר; צווייטענס: דער צענטר איז דער „איך”, די גאַנצע וועלט דרעהט זיך ארום איהם, א שטאַנד־פונקט אַן אַנטי־רעליגיעזער, דער עגאָצענטריזם — דער „איך” איז דער צענטר. דער פראָלעטאַריאַט טראָגט מיט זיך א פאָלשטענדיג נייע פאָרמע פון זעלבסטערקענטשניש: דער צענטר איז דער „מין”, דער קאָלעקטיוו, די פערזענליכקייט דרעהט זיך ארום איהם, נאָר זי פיהלט איהר גרונד אייגהייט מיט איהם, דאָס איז דער אַנטראָפאָ־צענטריזם, וואָס איז גלייך ווייט פון ביידע פריהערדיגע שטאַנד־פונקטען, וואָס שטעלט אָבער מיט זיך פאָר עפּעס־וואָס, וואָס איז אזוי פיל געגענגעזעצט צו דער אַנטי־רעליגיעזיטעט, ווי צו דער אַלטער רעליגיעזיטעט. און אזוי ווי די דאָזיגע נייע וועלט־אַנשויאונג ענטשיידט אייגענאַרטיג די גרונד רעליגיעזע פּראָבלעמע, דאָס וואָס די אַנטי־רעליגיעזע וועלט־אַנשויאונג איז נים אימשטאַנד צו געבען, זיינען מיר גענייגט זי צו רופען די העכסטע פאָרמע פון רעליגיעזיטעט.

ווען פון דער אויסערליכער זייט איז די עמאַנציפּאַציע פון דעם מענשען אַן איבערקערעניש אין זיין זעלבסטערקענטניש, איז די אינווייניגסטע פרוזשינע, דער יסוד, וואָס מאַכט אָפּהענגיג פון זיך די מעגליכקייט פון אַן ענליכער איבערקערעניש און די מעגליכקייט גופא פון א פאַרענדיגטען קאָלעקטיוויזם — דער וואוקס פון ארבייט.

א בילד פון שטופּענווייזער באפרייאונג פון די אַלטע רעליגיעזע פאָרמען גיט מאַרקס אין אָט דעם בארימטען אָרט אין „קאַפּיטאַל”:

„„פאַר א געזעלשאַפט פון סחורה־פּראָדוצירער, וואו זייער אַלגעמיינע געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָנס־פאַרהעלטניש באַשטעהט אין פאַרהאַלטען זיך צו זייערע פּראָדוקטען, ווי צו סחורות, ד. ה. צו ווערטען, און צו באַטראַכטען אין דער דאָזיגער פּשוט'ער פאָרמע די באַציהונג פון זייערע פּריוואַט ארבייטען איינע צו די אַנדערע, ווי א באַציהונג פון גלייכער ארבייט — פאַר אזא געזעלשאַפט איז

דאָס קריסטענטום מיט זיין קולט פון דעם אַבסטראַקטען מענשען, באַזונדערס אין זיין בורזשואזער פאָרמע, אין דעם פּראָטעסטאַנטיזם, דעאיזם א. אז. וו. — די העכסטע פּאַסיגע פאָרמע פון רעליגיע. אין די אַלט־אַזיאַטישע און אַנדערע אַלטערטימליכע אופנים פון פּראָדוקציאָן שפּילט די פאַרוואַנדלונג פון פּראָדוקטען אין סחורות, און פאָלגליך די עקזיסטענץ פון דעם מענשען אַלס סחורה־פּראָדוצירער, אַ נידעריגערע ראָלע, וועלכע ווערט אָבער מעהר באַדייטענד, וואָס מעהר די דאָזיגע געזעלשאַפטען דערנעהענטערען זיך צו זייער אונטערגאַנג. אייגענטימליכע האַנדעלס פעלקער עקזיסטירען נאָר אין די צווישען־רוימען (אינטערמונדיען) פון דער אַלטער וועלט, ווי עפּיקור׳ס געטער, אָדער ווי די אידען אין די שפּאַלטען פון דער פּוילישער געזעלשאַפט. יענע אַלטע געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָנס־אָרגאַניזמען זיינען ניט אַן ערך איינפאַכער און קלערער איידער דער בורזשואזער; אָבער זיי זיינען געבויט ענטוועדער אויף דער אומרייפקייט פון דעם אינדיווידועלען מענשען, וועלכער האָט זיך נאָך ניט אָפּגעריסען פון דעם נאַפּעל־שנור פון נאַטירליכען מין־צובונד צו אַנדערע מענשען, אָדער אויף די דירעקטע פאַרהעלטנישען פון הערשאַפט און קנעכטשאַפט. די באַדינגונג פון זייער עקזיסטענץ איז אַ נידעריגע ענטוויקלונגס־שטופע פון די פּראָדוקטיווע, שאַפענדיגע קרעפטען פון דער ארבייט און, ווי עס שטימט דערמיט, די באַשרענקטע פאַרהעלטנישען פון מענשען אין דער ספערע פון זייער מאַטעריעלען לעבען, ווי ממילא אויך איינע צו די אַנדערע און צו דער נאַטור. אָט דיווירקליכע באַשרענקטקייט שפּיגעלט זיך ווידער אָפּ אידעעל אין די אַלטע נאַטור־און פאָלקס־רעליגיאָנען. די רעליגיעזע אָפּשפּיגלונג פון דער ווירקליכער וועלט קאָן אויף אַלע אופנים פאַרשווינדען נאָר דאַן, ווען די פאַרהעלטנישען פון דעם פּראַקטישען טעגליכען לעבען וועלען פאָרשטעלען פאַר׳ן מענשען טאָג־טעגליך קלאָרע און פאַרנינפטיגע באַציהונגען צו זיינע מיט־מענשען און צו דער נאַטור. די געשטאַלט פון געזעלשאַפטליכען לעבענס־פּראָצעס, דאָס הייסט פון דעם מאַטעריעלען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, ציהט אַרונטער איהר מיסטישען

נעבעל־שלייער נאָר דאָן, ווען זי שטעהט ווי א פּראָדוקט פון פרייע, געזעלשאַפטליך־פאראייניגטע מענשען און אונטער זייער באַוואוסט־זיניגען, פּלאַנמעסיגען קאָנטראָל. דערצו אָבער פאָדערט זיך א מאַטעריעלע גרונדלאַגע פון דער געזעלשאַפט, אָדער א גאַנצע רייהע פון מאַטעריעלע עקזיסטענץ־באַדינגונגען, וועלכע זיינען אַליין ווי־דער א נאַטור־געוואַקסענער פּראָדוקט פון א לאַנגער און פּיינליכער ענטוויקלונגס־געשיכטע".

ווען מיר ווען זיך פרעגען, וואָס איז דער גרונד־מאָטיוו, וואָס באַוועגט דעם באַוואוסטזיניגען סאָציאַליסט — דעם מאַרק־סיסט אין זיין אָפּט שווערער און זיך־אַליין־פּאַרלייקענדיגער טעט־טיגקייט, — וועלען מיר באַקומען א פאַלשטענדיג באַשטימטען ענטפער.

דאָס איז ניט די אומיטעלבאַרע נויט. די אומיטעלבאַרע נויט קאָן ברייננגען צום שטרעבען זיך אַרויסצוריייסען פון דער געדריקטער לאַגע מיט וועלכע מיטלען דאָס זאָל ניט זיין, און ווען אַן ערפאָלג איז פאַלשטענדיג אוממעגליך — צו א ריין אַנאַרכישען פּראָטעסט, צו צושטערונגען און ד. ג. דער פּלאַנמעסיגער קאַמף פון דעם אַרביי־טער קלאַס שטעלט מיט זיך פאָר נאָר א קלאַסען קאַמף, וואָס איז פול מיט פּערזענליכע קרבנות אין נאָמען פון אַלגעמיינעם ערפאָלג, א קאַמף, וואָס וויקעלט זיך פאַנאַנדער אין גאַנג פון די דורות. הייסט עס, ניט די פּערזענליכע נויט, נאָר דאָס באַוואוסטזיין פון דער געדריקטער לאַגע פון דעם גאַנצען קלאַס, ניט פּערזענליכע פּאַרטייליען, נאָר קלאַסען ציעלען — אָט דאָס איז די נשמה פון דער באַוואוסטזיניגער אַרבייטער־באַוועגונג. דער צושטערענדער אַנאַרכיזם און דער רעפאָרמיזם זיינען קראַנקיי־טען פון דער אַרבייטער־באַוועגונג, איהרע אָפּנייגונגען אין דער זייט פון דעם אינדיווידואַליזם, אין דער זייט פון דעם פלאַכען רעאַליזם פון קלאַסען אידעאַליזם; וואָרום מיר האָבען א סך מעהר רעכט צו ריידען וועגען דעם קלאַסען אידעאַ־ליזם, ווי וועגען דעם קלאַסען עגאָאיזם, — אַן אויסדרוק, וואָס איז אינערליך א ווידערשפּרעכענדיגער.

אויך האס קאָן ניט זיין אַ גרונדבאוועגער. אין רייה מיט דער נויט איז האס אַ יסוד פון אַ האלב-באוואוסטזיניגיען פּראָטעסט: געוויס, האס פארשווינדט נים, פארלירט ניט יעדע באדייטונג מיט דעם וואוקס פון סאָציאַליסטישען באוואוסטזיין, נאָר ער ווערט שטארק באגרענעצט, מחמת דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזם שוואכט אָפּ די שולדיגקייט פון די שולדיגע, אָנווייזענדיג די ריכטיגע וואָרצלען פון די געזעלשאַפטליכע אומגליקען, און טעמפּט אָפּ די פּיינליכע שארפקייט פון דעם האס, מיט אַ זיכערען זשעסט, אָנווייזענדיג אויף דער הייליגער צוקונפט און עפענענדיג די וועגען צו איהר.

רחמנות און דאָרשט צו גערעכטיגקייט קאָנען אויך שפּילען זייער ראָלע, אָבער מארקס באוופאענט זיך אויף נאָר אַן ענטשלאָסענעם אופן קעגען די ריטער פון רחמנות און גערעכטיגקייט, בעת זיי, אין נאָמען פון זייערע געפיהלען און פּרינציפּען, שטעלען זיך אין קווער פון וועג צום עקאָנאָמישען פּראָגרעס. פיאַט יוסטיטיא — פּערעאַט פּראָגרעסוס! (זאָל געשעהן די גערעכטיגקייט — זאָל אומקומען דער פּראָגרעס!) — אַזוי איז דער געשריי פון די שעהן-נשמה'דיגע מאָראַליסטען. מארקס וואָלט גיכער געזאָגט: פיאַט פּראָגרעסוס — פּערעאַט יוסטיטיא. און דאָס איז מחמת דער אומבאדינגטער זיכערקייט, אַז גערעכטיגקייט, וואָס שטיצט זיך ניט אויף דער אויסגעוואקסענער אין אַ גרויסען גראַד עקאָנאָמישער מאכטיגקייט, איז שפּינוועב און, אין פאַל פון איהר פארווירקליכונג, איז נעבאַכדיג. דער עקאָנאָמישער פּראָגרעס, פּאַרקערט, ווי עס איז באוויזען מיט'ן גלענצענדיגען אַנאַליז און פּראָגנאָז פון „קאַפּיטאַל", טראָגט אין זיינע טיפענישען אַ גלעצענדיגע פאָרמע פון גערעכטיגקייט און איז דער איינציגער וועג צו איהר. דער וויסענשאַפטליכער סאָציאַליזם פאָדערט פון זיינע אָנהענגער מעהר פעסטקייט, מעהר טראַגישע מוט, מעהר פארשטעהן זיך אויפצוהויבען פון דער טרויעריגער בילד פון אַן איבערגאַנגס עפּאָכע צו דער אַלגעמיינער בילד פון דעם וואוקס פון דער מענשהייט, איידער ווייכהארציגקייט און מיטליידענהייט.

אויף אַזאַ אופן איז דער גרונד־מאָטיוו פון אַ באַוואוסטזיניגען סאָציאַליסט דער אידעאַליזם פון דעם „מין“, וואָס איז ענג געבונדען מיט דעם אויבענדערמאָנטען קלאַסען אידעאַליזם. דאָ איז אַם פּלאַץ נאָך אַמאָל צו דערמאָנען לאַסאַל׳ס ווערטער וועגען דעם, אַז די אַרבייטער מוזען „אויפהויבען דעם פּרינציפּ פון זייער קלאַס ביז צו דער הויכקייט פון פּרינציפּ פון זייער יאָהר־הונדערט, מאַכען זייער אידעע פאַר דער לייטענדער אידעע פון דער גאַנצער געזעלשאַפט און אויף אַזאַ אופן איבערגעשטאַלטען די דאָזיגע געזעלשאַפט לויט זייער אייגענעם געשטאַלט“. „אַרבייטער!“ — שרייט לאַסאַל אויס: „די הויכע אַלוועלטליך־היסטאָרישע עהרע פון אייער באַשטימונג מוז אַרומכאַפּען אַלע אייערע געדאַנקען“.

* * *

וואָס אַנבעטרעפט דעם מאַטעריאַל גופא, איבער וועלכען עס הויבט אָן אַרבייטען דאָס געזעלשאַפטליכע באַוואוסטזיין, ס׳הייסט פון יענער בילד, וועלכע די סאָציאָלאָגיע און די מענשליכקייט באַקומען פון די הענט פון דער זאָאָלאָגיע און טהירישקייט, — איז אויך זי אַ וועלט־אויפפאַסונג פון דעם באַטרעפענדען אָרגאַניזם, אַלע אָרגאַנען פון וועלכען, שוין אַריינגערעכענט אויך די אָרגאַנען פון די געפיהלען, עס שטעלען מיט זיך פאָר, באַנוצענדיג מאַרקס׳עס אויסדרוק, „אַ קריסטאַליזירטע אַרבייט“ פון אַ רעאַקציע, וואָס האָט זיך מאַטעריאַליזירט. פון סאַמע אָנהויב ביז׳ן סאַמע סוף איז די וועלט פאַר אַ לעבעדיג וועזען, *אויף וויפיל זי ווערט פון איהם אַנערקענט* — אַ פּראָדוקט פון זיין טעטיגקייט.

אין מאַנכע פּרטים איז מאַרקס איר־רעליגיעז אין דער סאַמע העכסטער מאָס: ניט נאָר נויטיגט ער זיך אַבסאָלוט ניט אין אויסערמענשליכע גאַראַנטיעס וועגען דעם, אַז דאָס גוטע וועט זיגען, נאָר ער זוכט בכלל ניט קיין שטיצע אויסער דעם מענשען. מאַרקס קאָן ניט זיין קיין קאָסמיסט, וואָרום פאַר איהם איז די וועלט פון ווירקליכקייט נאָר די מענשליכע פּראַקטיק; הינטער די גרענעצען פון דער מענשליכער ווירקליכקייט ליגט אַ תהום אַן אומ־

ערקענטער, בנוגע צו וועלכען מיר, ניט אריינפאלענדיג אין א ניט־וואָרט־האלטענדיגער מעטאפיזיק, קאָנען גאָר ניט זאָגען ניט גוטס און ניט שלעכטס.

דאָס איינציגע, וואָס איז ווירקליך באוואוסט, איז דער מענש־ליכער מין מיט זיינע מעגליכקייטען, דער לעבענס שטראָם, וואָס זיין הייסע כוואליע און ענערגישע אָנשטרענגונג פיהלען מיר אין זיך גופא. דאָס איז פאר אונז א קראפט און אלשאפענדיגע, און אל־האָפנונג־געבענדיגע, דאָס איז דער לעבעדיגער אמת, שעהנקייט, גליק און זייער קוואל.

און וואָס ענטשלאָסענער מארקס האָט אָפגעלייקענט גאָר דאָס אויסערמענשליכע, וואָס הויבט זיך אויף איבער'ן מין, אלץ שארפער האָט ער אונטערגעשטריכעלט דעם פרימאט, די ווערדע, „די ערשט־קייט" פון דעם מענשליך־קאָלעקטיוון, איבער דעם מענשליך־אינדיווידועלען.

ע נ ד.

אן ערקלערונגס ווערטער־בוך

צוזאמענגעשטעלט פון ל. לאקסאן.

א.

אפאסטאל. א שליח. א לעהרער פון א גייסטיגער באקענונג, ווי פון א רעליגיע: ספעציעל די ערשטע 12 לעהרער פון דער קריסטליכער רעליגיע, וואס זיינען געשיקט געווארען פון קריסטוס'ן צו פארשפרייטען דעם קריסטענטום.

אלימפוס. דער בארג אלימפוס וואו עס האבען, לויט דעם גלויבען פון די אמאליגע גריכען, זיך געפונען זייערע 12 הויפט־געטער.

אטראפירען. אפדארען, אפצעהרען, מאכען געלעהמט.

אטעאיזם. דאס לייקענען אין גאט.

אנאלאגיע. עהנליכקייט, גלייכפארמיגקייט.

אדאניס. 1) דער מיטאלאגישער ליבהאבער פון דער געטין ווענוס. 2) א יונגער שעהנער מאן.

אנקעטע. אן אנפראגע.

אנימיזם. דער גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון גייסטער; דער גלויבען אין א גייסטיגער וועלט; דער גלויבען אין דער זעלבסטשטענדיגער עקזיסטענץ פון א נשמה; דער גלויבען אין ספיריטיזם.

אבסטראקט. אן אבסטראקט, וואס לאזט זיך משיג זיין נאר מיט'ן שכל; א באגריף זאך. צום ביישפיל: א קאליר אהן א זאך אדער א קערפער אהן א מאס קאן מען דענקען נאר אויף אן אבסטראקטען אופן, ס'הייסט אפזונדערען אין געדאנקען דאס, וואס איז אין דער ווירקליכקייט צונויפגעגאסען מיט עפעס וואס אנדערש און קאן באזונדער ניט עקזיסטירען.

אמפיבאליא. צווייזייטיגקייט.

אנטראפאלאגיע. די לעהרע וועגען דעם מענשען בכלל, ווי בנוגע צום קערפער, אזוי אויך בנוגע צו דער נשמה; די אנטראפאלאגיע באשעפטיגט זיך אויך מיט דער אויספארשונג פון מענשליכע ראסען אין פארבינדונג מיט זייער קולטור־עלער ענטוויקלונג און וועגען דעם, וואסער ארט דער מענש פארנעמט אין דער נאטור.

אביעקט. אַ געגענשטאַנד, אַ זאַך; אַ ציל, אַ צוועק.

אימאָראַליזם. די אַפּליקירונג פון מאָראַל. אימאָראַליזם ווערט אָנגערופן ניטשע'ס לעהרע.

אינדיווידואום, אינדיוויד. אַ באַזונדערס אומטיילבאַרס וועזן; אַ באַזונדערע פּערזענליכקייט; אַ יחיד.

אָליגאַרכיע. אַ מלוכה אָרדנונג, ביי וועלכער די העכערע מאַכט געפינט זיך אין די הענד פון עטליכע אָריסטאָקראַטן.

אַגורן. די פּריסטער אין אַלטן רוים, וואָס פּלעגן פאָראויסזאָגן די צוקונפט לויט דעם ווי די פויגלען פליהען און זינגען און נאָך די אינגעווייד פון די שאָף, וואָס מען פּלעגט מקריב זיין.

אַרעאָל. גלאַנץ, שטראַהלונג, וואָס ווערט געצייכענט אַרום די פּנים'ער פון די הייליגע.

אינטעלעקט. דער פאַרשטאַנד, די אורטיילסקראַפט, דער גייסט.

אידענטיפיצירן. ערקלעהרען פאַר איינס און דאָס זעלביגע.

אינטענסיוויטעט. שטאַרקייט, אָנגעשטרענגקייט, אימפּעט.

אימפּעראַטיוו. באַפעהלענד, בינדענד, וואָס איז אַ מוז. אין גראַמאַטיק — דער אימפּעראַטיוו אָדער די באַפעהלס־פאָרמע, די פאָרמע פון ווערטער, וואָס דריקן אויס אַ באַפעהל, ווי למשל: געה, שטעה, שרייב, א. ד. גל. אין פילאָזאָפיע — אַן אינערליכער באַפעהל, אַ געוויסענס־באַפעהל.

אוטאָפּיע. אַ פאַנטאַזיע, אַ פאַנטאַסטישער אידעאַל, וואָס קאָן ניט פאַרווירקליכט ווערן.

אירראַציאָנאַל. ניט פאַרנינפטיג, קעגען דעם שכל, אונלאָגיש, אַבסורד, זינלאָז.

אביעקטיוויזם. די שילדערונג פון אַ זאַך ווי זי איז, ניט רעכענענדיג זיך מיט די אייגענע סימפּאַטיען און אַנטיפּאַטיען; אין דער פילאָזאָפיע — די ריכטונג, וועלכע האַלט, אַז דאָס אמת'ע וויסען קאָן זיך באַקומען נאָר אויפ'ן גרונד פון די וואַהרנעמונגען פון אונזערע חושים און ניט אויפ'ן גרונד פון ספּעקולאַטיווען דענקען.

אַפּריאָרי. אַ מיינונג, וואָס איז ניט באַגרינדעט מיט פאַקטען, נאָר דער שכל איז מחייב, אַז עס איז אַזוי.

אַפּריאָרער מעטאָד. די אויספאָרשונג פון דעם אמת אונאָפּהענגיג פון דער ערפאַהרונג.

אַנטראָפּאָצענטריזם. די אַנשויונג, אַז די וועלט עקזיסטירט נאָר צוליב די אינטערעסען פון דעם מענשען, אַז דער מענש איז

דער צענטראלער פונקט פון דעם באשאף, פון דער גאנצער בריאה.

אריער. איינער, וואס געהערט צו דעם אינדא־גערמאנישען שפראכ־שטאם.

אסקעטיזם. די לעהרע און דאס לעבען פון אסקעטען, פון נזירים, וועלכע פרעדיגען, אז מען דארף זיך אפשיידען פון אלע וועלטליכע תאוות און פאר־געניגענס.

אטריבוט. כאראקטעריסטישער צייכען, גרונד־אייגענשאפט; קענ־צייכען.

אלטרואיזם. מענשענליבע אהן אייגענגוצען, אלס געגענזאץ צו עגאאיזם.

אידעאלאגיע. די לעהרע וועגען דער ענטשטעהונג און אויסביל־דונג פון אידעען.

אידעאלאג. איינער וועלכער גיט זיך אפ מיט אידעען אדער אי־דעאלען, וועלכע האבען ניט קיין ווירקליכען ווערט; איי־נער וועלכער בויט אן אידעאלען פלאן פון צוקינפטיגען לעבען, ניט רעכענענדיג זיך מיט די פאקטען פון לעבען, אויף וויפיל זיי גיבען א מעגליכקייט צו פארווירקליכען אזא פלאן; אן אנהענגער פון דער אידעא־לאגישער לעהרע.

אסטארטא. די פעניצישע געטין פון ליבע (עשתרש).

ב.

ביאלאגיע. די לעהרע וועגען לע־בען און לעבעדיגע וועזענס.

בערטעלא. א באריהמטער פראנ־צויזישער כעמיקער, געב. אין .1827

בייקאן. פרענסיס בייקאן, א באַ־ריהמטער ענגלישער פילאזאף, געב. אין 1561.

ביזאנץ. די ביזאנטישע אימפער־יע, וועלכע איז געגרינדעט גע־ווארען אין יאהר 395, בעת טהעאדאסיוס דער גרויסער האט צוטיילט די רוימישע אימ־פעריע צווישען זיינע זין. מיט דער עראבערונג פון קאנסטאנ־טינאפאל דורך דעם סולטאן מאהאמעד דער 2טער אין 1453 איז געמאכט געווארען א סוף פון דער ביזאנטישער אימ־פעריע.

ג.

גליקזעליגקייט. דאס העכסטע גליק. איינע פון די אכט גליק־זעליגקייט ברכות, וואס קריס־טוס האט ארויסגעזאגט אין זיין דרשה אויפ'ן בארג.

גנאסטיק. א מיטגליד פון א קריסטליכער סעקטע פון די ער־שטע יאהרהונדערטע נאך קריס־טוס'עם געבורט, וועלכע האט געלערענט, אז ניט דאס גלויבען פיהרט צום אמת'ן גליק, נאר דאס וויסען און קענטניס. די גנאסטיקער האבען געשטרעבט

צו פאַראייניגען די לעהרען פון דער קריסטליכער קירך מיט דער גריכיש־רוימישער פילאָזאָפיע.

גנאָסטיציזם. די רעליגיע און פילאָזאָפיע פון די גנאָסטיקער.

ד.

דאָגמאַ, דאָגמאַט. אַ גרונד־פּרינציפּ פון רעליגיע; אַ פעסטגעשטעלטער פּרינציפּ; אַן אָנגענומענער לעהרזאַץ פון אַן אויטאָריטעט אָהן אליין עס צו קאָנען באַווייזען אָדער באַגרינדען (ווי ביי אידען הלכה למשה מסני).

דידראָ. אַ באַריהמטער פראַנצויזישער געלעהרטער (ענציקלאָפּעדיסט) 1713—1784.

דיפערענצירען. מאַכען אַן אונטערשייד; ווערען פאַרשידען; געפינען דעם אונטערשייד.

דעטערמיניזם. די לעהרע, לויט וועלכער דער מענשליכער ווילען און אַלע זיינע אנטפלעקונגען איז באַשטימט פון אורזאַכען, אינערליכע און אויסערליכע. פאָלגליך, אַז דער דעטערמיניזם לייקענט אָפּ די פרייהייט פון ווילען.

דואַליזם. צווייהייט; די פילאָזאָפישע סיסטעמע, וואָס אַנערקענט אין דער וועלט צוויי התחלות; למשל, גייסט און מאַטעריע, גוטס און שלעכטס. פּאָליטישער דואַליזם, — אַ רעגירונגס סיסטעמע, וואו צוויי לענדער זיינען פאַראייניגט דורך איין הויפּט, אָבער ווערען רעגירט פון זעלבסטשטענדיגע פּאַרלאַמענטען און רעגירונגען, ווי ניט לאַנג צוריק עסטרייך־אונגאַרן.

דיאַלעקטיק. אַ געוויסע פאָרמע פון לאָגישען דענקען, באַווייזען און דיסקוטירען; געשיקטקייט אין דיסקוטירען.

דיוטעראָנאָמיע. משנה תורה, דאָס פינפטע בוך פון חומש, דער ספר דברים.

דעאיזם. אַ רעליגיאָנס לעהרע, וואָס אַנערקענט גאָט פאַר דעם ערשטען יסוד פון זאַכען, וואָס לייקענט אָבער אָפּ אין דער איינער צייט זיין אריינמישונג אין דעם גאַנג פון דעם וועלט־פּראָצעס.

ה.

היפּאָטעזע. השערה; אַ טעאָריע, וואָס איז נאָך ניט דערוויזען געוואָרען שטרענג וויסענשאַפטליך.

העקאַטאָמבען. העקאַטאָמב, אַן אָפּפער פון הונדערט אָקסען ביי די אַלטע גריכען. אַ גרויסע שחיטה פון מענשען אָדער בהמות.

העלעניזם. גריכענטום, דער גייסט און דער כאַראַקטער פון דער אַמאָליגער גריכישער ראַסע.

העדאָניזם. די עטהישע לעהרע,

וואָס זעהט דאָס העכסטע גליק פון לעבען אין זינליכע תענוגים, אין לעבען אַ גוטען טאָג. די אָנהענגער פון אָט דער לעהרע האָבען זיך גערו־פען העדאָניקער.

ו.

וואָלונטאַריזם. די פילאָזאָפישע לעהרע וועגען דעם, אַז אין יסוד פון דעם גאַנצען וועלט־פּראָצעס ליגט דער ווילען, וואָס ווערט פארשטאַנען אַזוי ברייט, אַז ער כאַפּט ארום יעדע אַרט שטרע־בונג, אפילו אין דער ניט אָר־גאַנישער נאַטור.

וואָלטער. אַ באַריהמטער פראנצוי־זישער שריפטשטעלער, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף דער גייסטיגער ענטוויק־לונג פון אייראָפּא; האָט גע־שריבען פּאָעמען, דראַמען, סאַ־טירעס און אַנדערע זאכען.

ז.

זעוועס, זעווס. די הויפּט גאָט־היט פון די אַלטע גריכען, דער פאָטער פון הימעל און ערד, דער גאָט פון געטער.

זאָאָלאָגיע. די וויסענשאַפט וועגען חיות.

ט.

טערמינאָלאָגיע. די סיסטעמע פון טערמינען און אויסדריקען, וואָס ווערען באנוצט אין אַ באַ־שטימטען פאַך פון דער וויסענ־שאפט, טעכניק אָדער קונסט; די לעהרע וועגען טעכנישע טערמינען אָדער ווערטער.

טערמין. 1) אַ באַגריף בכלל, 2) אַ ספּעציעלער באגריף, וואָס איז געאייגענט אַ וועלכער עס איז באַזונדערער וויסענשאפט.

טעאָלאָגיע. רעליגיאָנס־וויסענ־שאַפט.

טהעזיס, טהעזע. אַ זאַץ, אַ באַ־הויפּטונג; אַ באַהויפּטונג אָדער אַ זאַץ, וואָס דארף באווייזען ווערען; אַ דיסערטאַציע, אַ וויסענשאַפטליכע אָפּהאַנדלונג איבער וועלכער עס איז טהע־מע, וואָס ווערט צוגעשטעלט פון אַ קאַנדידאַט אויף אַ געלעהר־טען טיטעל, ווי מאַגיסטער, דאָק־טאָר און ד. גל.

טענדענץ. נייגונג, ריכטונג.

טעאָקראַטיע. פּריסטער־הער־שאַפט, וואו דער פּריסטער־קלאַס ווערט דער רעגירענדער עלע־מענט פון פאָלק.

טראַנסצענדענטאַל. אין פילאָ־זאָפיע — טראַנסצענדענטאל, וואָס קומט ניט פון ערפאַהרונג, אָבער ליגט אין דער ערפאהרונג און איז נויטיג פאַר איהר (ווי די אידעע פון אָרט און צייט); זעהר אַבסטראקט, וואָס קאָן ניט באגריפען ווערען דורך דעם גע־וועהנליכען דענקען.

טראַנסצענדענט. וואָס שטייגט אריבער די גרעניץ פון ערפאה־

רונג, וואָס איז למעלה מן השכל.

טאַטואירונג. די קונסט פון אויסשטעכען פארביגע פיגורען אויפ'ן לייב.

ל.

לאַפּלאַס. אַ באריהמטער מאטעמאַטיקער און אַסטראָנאָם, 1749—1827.

לאָגאָס. 1) דאָס וואָרט; 2) די פארנונפט, דער שכל, דער געטליכער געדאַנק, וואָס האָט זיך אויסגעטוילט אויף צו באַשאַפען די וועלט און זי צו פיהרען; 3) די גאָטהייט.

לעוועלערען. אַ פּאָליטישע פּארטיי אין דער עפּאָכע פון דער ערשטער ענגלישער רעוואָלוציע, וואָס האָט געפאָדערט, אַז די גאַנצע מאַכט זאָל איבערגעגעבען ווערען אויסשליסליך צום פאָלק, אַז דער שטאַט זאָל געפיהרט ווערען דורך פאָרשטעהער, וואָס זאָלען יעהרליך אויסערוועהלט ווערען, האַנדעלס פרייהייט און אַנדערע רעפאָרמען.

מ.

מאַניזם. אַ ריכטונג פון פילאָזאָפישען געדאַנק, וועלכע אין געגענזאַץ צו דואַליזם, שטרעבט צו ערקלעהרען אַלע ערשיינונגען פון דער וועלט, ארויסגעהענדיג פון איין פּרינציפּ. (זעה דואַליזם).

מעטאָדע, מעטאָד. אַ סיסטעמאַטישער, פּלאַנמעסיגער וועג אויף צו דערגרייכען אַ וועלכען עס איז טעאָרעטישען אָדער פּראַקטישען ציל.

מיטאָלאָגיע. (די זאַמלונג אָדער די סיסטעמע פון זאַגען, פאַבלען און לעגענדען פון אַ פאָלק וועגען זיין אָפּשטאַמונג, זיינע העלדען, געטער א. ד. ג.; די וויסענשאַפט, וואָס פארנעהמט זיך מיט אויספאָרשען די זאַגען און לעגענדען פון די אַלטע פעלקער.

מיטהוס. אַ מיף, אַ מיטה, אַ זאַגע, אַ לעגענדע, אַן אויסגעטראכטע מעשה.

מעטעאָראָלאָגיע. די וויסענשאפט וועגען די ערשיינונגען אין דער אַטמאָספערע, באזונדערס וועגען וועטער.

מעטאַפיזיקע. די וויסענשאַפט איבער זאַכען און פּרינציפּען אין דער פיזישער און גייסטיגער וועלט, וועלכע קאָנען באַגריפען ווערען נאָר מיט'ן שכל, אָבער ניט דורך די חושים און ערפאַהרונג; די לעהרע וועגען זאַכען, וואָס זיינען למעלה מן הטבע.

מיסטיציזם. די שטרעבונג צו באגרייפען די העכסטע געהיימניסען פון מענשליכען וויסען (ווי דעם עצם פון געטליכקייט, די אורזאַכען פון זיין א. ד. ג.) ניט דורך דער געוועהנליכער אָרט דענקען, נאָר דורך אַ באַ־

זונדערען אינערליכען צושטאנד פון גייסט, ווי דורך עקסטאַז, השפעה, באַגייסטערנג א. אַז. וו.; דאָס מיסטישע, דאָס געהיימניספולע.

מאַנאַגראַפיע. אַן אַפּהאַנדלונג איבער אַ געוויסען איינצעלנעם ענין.

מאַנבלאַן. דער העכסטער שפּיץ פון די אַלפּען (4½ וויאָרסט די הויך).

מאַגיזם. צויבער־קראַפט, כשוף־מאַכעריי.

מאַדזיני. אַ איטאַליענישער פּאַטריאָט, רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז ארויסגעטריבען געוואָרען פון איטאַליען אין יאָהר 1831 און האָט געגרינדעט אין מאַרסעל אַ געהיימע געזעלשאַפט „יונג איטאַליען", וואָס האָט געשטרעבט צו גרינדען אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק אין זיין פאָטערלאַנד.

מאַניפּולאַציעס. באַהאַנדלונגען מיט די הענד; באַאַרבייטונגען מיט די הענד; צוגרייטונגען; צופּארטיגונגען; דאָס שווינדלען אָדער אַנווענדען המצאות.

מאָר, טהאָמאַס. אַ באַוואוסטער ענגלישער שריפטשטעלער און שטאַטסמאַן אין 16טען יאָהרהונדערט, דער פּאָרפאַסער פון דעם ווערק „אוטאָפּיע", וואו ער שילדערט אין אַ בעלעטריסטישער פאָרמע אַ אידעאַלע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג.

מעסיאַניזם. די משיח־אידעע, די אידעע וועגען רעטען דעם מענשליכען מין.

מעטאַפאָרע. אַ בילדליכע רעדענס־אַרט, אַ מליצה, אַזאַ רעדענס־אַרט, וואו מען גיט צו דער זאַך אַן אייגענשאַפט, וועלכע זי האָט געוועהנליך ניט און וועלכע מען קאָן איהר געבען נאָר אויפ'ן גרונט פון איהר עהנליכקייט צו אַן אַנדער זאַך. למשל: קריסטאָלענע וואַסער, בריליאנטענע פעהיגקייטען, די זון שיסט מיט גליהענדע פייַלען א. אַז. וו.

מאַנו. 1) דער אורפאָטער פון מענשליכען מין לויט די אינדישע לעגענדען, 2) דער לעגענדאַרישער פּארפאַסער פון דעם אינדישען געזעץ בוך „מאַנו".

מאָנאָטעאיזם. דער גלויבען אין איין איינציגען גאָט.

מאָנאָטעאיסט. איינער וואָס גלויבט אין איין איינציגען גאָט.

מאָראַליזם. דער גלויבען אין אַ וועלטליכער אונרעליגיעזער מאָראל; מאָראַליזירונג, דאָס נעהמען זיך אַ מוסר, דאָס ארויסברענגען אַ מוסר השכל.

מינערווא. אין אַלטערטום די רוימישע געטין פון חכמה, די באַשיצערין פון וויסענשאַפטען, קונסטען און מלאָכות.

מיסטיפיקאַציע. אַן אָפּנאַרעריי, אַ פאַרבלענדעניס.

מאַטריאַרכאַט. פרויען־הערשאַפט. די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג ביי פרימיטיווע פעלקער, ביי וועלכער די פרוי איז געווען דער הויפּט פון דער פאַמיליע און די קרובה׳שאַפט און ירושה־רעכט האָט זיך גערעכענט פון מוטער׳ס צד.

נ.

נירוואַנאַ. אין בודיזם — נירוואַנאַ אַ צושטאַנד פון פאָלשטענדיגער גייסטיגער רוה, ווען דער מענש האָט ניט קיין שום פאַרלאַנגען, געפיהלען און געדאַנקען. (לויט די לעהרען פון בודאַ באַשטעהט דאָס לעבען פון פיין און יסורים און דער מענש דאַרף שטרעבען צו טויטען אין זיך אַלע געפיהלען און ליידענשאַפטען — שטרעבען צו נירוואַנאַ)

נאַוואַטאָר. אַ מענש וואָס פיהרט דורך אין לעבען נייע וועזענטליכע רעפאָרמען אָדער אידעען.

ס.

סאַנקציע. אַ פייערליכע באַשטעטיגונג, אַ באַקרעפטיגונג; אַ הסכמה; אַ באַפעהל, אַ געזעץ; באַשטעטיגען, באַקרעפטיגען, מסכים זיין, סאַנקציאָנירען, גוטהייסען.

סוביעקט. 1) אַן אונטערטאַן, אַ פערזאָן, וואָס איז אונטערוואָרפען אונטער איינעמס הערשאַפט אָדער אויטאָריטעט. 2) אַ פערזאָן אָדער אַ זאַך, וואָס איז די אורזאַך פון עפּעס (ווי פון קריג, מחלוקות); דאָס, איבער וואָס עס ווערט גערעדט אָדער פאַרהאַנדעלט. 3) דער געגענשטאַנד, דער שטאָף, די טעמע. 4) אין גראַמאַטיק אָדער לאָגיק—דער סוביעקט, די הויפּטזאַך, וועגען וועלכער עס רעדט זיך אין אַ זאַץ. 5) אין פילאָזאָפיע — דער סוביעקט, דער „איך”, די דענקענדע פערזאָן (אין געגענזאַץ צו אַלע זאַכען פון דער אויסערליכער וועלט, וועלכע דער סוביעקט אָדער דער „איך” וואַהרנעמט אָדער באַגרייפט אַלס אָביעקטען).

סוביעקטיוויזם. די פילאָזאָפישע לעהרע, אַז יעדע וואַרהייט איז סוביעקטיוו, דאָס הייסט, זי איז ריכטיג בלויז אין באַצוג צו אונזער אייגענער ערפאַהרונג אָדער פאַרשטאַנד.

סוראָגאַט. אַן ערזאַץ־מיטעל (דאָס, וואָס ווערט באַנוצט צו פאַרבייטען עפּעס וואָס, למשל, ציקאָריע אָנשטאָט קאָפע א. ד. ג.). אַ במקום, אַ שטעלפאַרטרעטער, אַ ריכטער, וואָס האָט צו טאָן מיט צוואות און ירושות.

סען־סימאָן. אַ באַריהמטער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער דענקער (1760—1825).

סובסטאנץ. עפעס אזוינס, וואס עקזיסטירט אין זיך גופא און דארף קיין זאך נים צו זיין עקזיסטענץ; דער עצם, דאס אומבאוואוסטע „עפעס”, וואס איז דער אומפארענדערליכער יסוד פון יעדער פארענדערליכער ערשיינונג; די עסענץ, דער תמצית.

סינאפטיש. קורץ געפאסט, אויף א קורץ געפאסטען אופן, בקיצור.

סטיכיש. עלעמענטיש, וואס איז שייך צום עלעמענט אדער צום גרונד פרינציפ פון עפעס; וואס איז שייך צו די יסודות פון דער וועלט. אין דער פילאזאפיע פון אלטערטום: סטיכיע, אדער עלעמענט — איינער פון די פיר יסודות (ערד, וואסער, לופט און פייער), פון וועלכע עס באשטעהט די גאנצע וועלט. סטיכיע — א נאטור קראפט; סטיכיש — מיט דער מאכט פון א נאטור־קראפט.

ספירטואליזם, ספיריטיזם. דאס גלויבען אין דעם פארקעהר פון גייסטער מיט מענשען.

סכאלאסטיק. די מיטעלאלטערליכע עקלעקטישע פילאזאפיע, וועלכע איז געווען א מין פאראייניגונג פון אריסטאטעלס פילאזאפיע מיט די רעליגיאנס־לעהרען פון די קירך־פאטערס; א טרוקענער, אינהאלטסלאזער און נוצלאזער פלפול.

סאציאלאגיע. די לעהרע וועגען די געזעצען, לויט וועלכע עס קומט פאר דאס לעבען און די ענטוויקלונג פון דער געזעלשאפט אין איהר גאנצער ווידער־פאראייניגונג, און איהר באנייטער הארמאניע.

ע.

ערקענטניס. די אנערקענונג, די פארשטעלונג פון א זאך, וועלכע מען ערקענט, די פארשטעלונג פון א געגענווערטיגער זאך; דער איבבאגריף פון אלע קלארע און דייטליכע פארשטעלונגען.

עסטעטיק. די וויסענשאפט וועגען געשמאק און שעהנקייט.

עטיק. זיטען־לעהרע, מאראל; עטהיש — זיטליך, מאראליש.

עפיגראף. אן איינגעקריצטע אויפשריפט אין מעטאל אדער שטיין; אן אויפשריפט אויף א מאנומענט, סטאטוע, מצבה און ד. ג.; אן אויפשריפט ביים אנפאנג פון א בוך אדער פון אן אפהאנדלונג; א ציטאטע, וואס ווערט געברויכט אלס מאטא פאר א ווערק.

עפיגראפיש. וואס איז שייך צו אן עפיגראף, וואס האט דעם כאראקטער פון אן עפיגראף.

עקסטאז. א צושטאנד פון העכסטער באגייסטערונג אדער ענטציקונג.

עמאציעס. אויפרעגונגען פון געמיט, אויפרעגונגען פון געפיהלען, ריהרונגען.

עמאציאנעל. וואס ריהרט, וואס וועקט די געפיהלען; וואס ווירקט אויף די געפיהלען; וואס איז שייך צו אויפרעגונג פון געמיט; וואס דריקט אויס געמיט'ס אויפרעגונג.

עקלעקטיק. איינער וואס נעמט ניט אן קיין פעסטבאשטימטע סיסטעם אין דער פילאזאפיע אדער וויסענשאפט, נאר ער נעהמט ארויס פארשידענע טיילען פון פארשידענע סיסטעמען, אנערקענענדיג זיי פאר ריכטיג; אן אנהענגער פון דער אלטער עקלעקטישער פילאזאפיע, וועלכע האט פארגעשטעלט א געמיש פון פלאטאנישע, סטאאישע און עפיקורעאישע לעהרען. אין מעדיצין: א דאקטאר, וואס באנוצט באזונדערע טיילען פון פארשידענע הייל־סיסטעמען.

עקלעקטיש. אויף אן עקלעקטישען שטייגער.

עקספאנסיוויטעט. די אויסציהונג, די אויסשפרייטונג; עקספאנסיווע קראפט, די קראפט פון פאנאנדערשפרייטען אדער אויסציהען זיך; עקספאנסיווע פעהיגקייט, די פעהיגקייט זיך אויסצושפרייטען אדער זיך אויסצוציהען; אן עקספאנסיווער מענש, א מענש, וואס קאן זיך ניט באהערשען, וואס ווייזט געשווינד ארויס זיינע געפיהלען.

עקזאלטאציע. הויכע באגייסטערונג, א צושטאנד פון הויכער באגייסטערונג.

עראטיק. וואס איז שייך צו ליבע.

עמפיריקער. איינער וואס האלט זיך פאר'ן פרינציפ פון עמפיריזם, ס'הייסט, אז די ערפאהרונג שטעהט העכער פון דער טעאריע, אז נאר דאס, וואס איז באוואוסט פון ערפאהרונג, איז ריכטיג. עמפיריש — וואס איז באגרינדעט אויף ערפאהרונג.

ענציקלאפעדיסטען. די אזוי גערופענע בכלל גרינדער און מיטארבייטער פון דער באוואוסטער פראנצויזישער ע נ צ י ק ל א פ ע ד י ע, וועלכע איז ארויסגעגעבען געווארען אין 72—1751 אונטער דער רעדאקציע פון דידרא און דאלאמבער (דידרא, דאלאמבער, וואלטער, העלוועצי, האלבאך, קאנדיליאק, לאמעטרי, מאנטעסקיע, רוסא און אנדערע).

פ.

פסיכיק. די כחות הנפש, דער גייסט (אין געגענזאץ צו פיזיק).

פאנטעאיזם. די לעהרע, אז גאט און די וועלט איז איינס און דאס זעלבע, אדער אז גאט איז דאס איינציגע עקזיסטירענדע

וועזען און די וועלט איז איינע פון זיינע ערשיינונגס־פארמען און דארום איז אלץ אין דער וועלט געטליך.

פאזיטיוויזם. די פילאזאפישע שיטה, וועלכע אנערקענט, אז קיין אנדער וויסען עקזיסטירט ניט אויסער דאס וויסען וועגען ערשיינונגען, וואס מיר באגרייפען מיט אונזערע חושים, וואס מען קאן דערגעהן דורך וויסענשאפטליכער ערפאהרונג, דורך פאקטישע, פאזיטיווע וויסענשאפטען.

פאזיטיוויסט. אן אנהענגער פון פאזיטיוויזם.

פסיכאלאגיע. די לעהרע וועגען זעלען־ערשיינונגען.

פאסטולאט. א באהויפטונג, וואס פאדערט ניט קיין באווייז, א זעלבסטפארשטענדליכער אמת.

פאנדעמאניום. דער פארזאמלונגס ארט פון בייזע גייסטער און טייוואלים; א טייוועלשע פארזאמלונג.

פריזמע. א קאנטיגע פיגור (א דריי־קאנטיגע, פיר־קאנטיגע, פינף־קאנטיגע א. אז. וו., ביי וועלכער די ענד־פלאכען זיינען פאראלעל): א דריי־קאנטיג שטיקעל געשליפענע גלאז אדער אנדער דורכזיכטיגער מאטעריאל מיט פאראלעלע ענדען, וואס ווערט באנוצט פאר אפטישע צוועקען (ווען א ליכט־שטראהל געהט דורך אזא פריזמע, ווערט ער צוויי מאל אפגעבויגען פון זיין וועג אין דער זעלבער ריכטונג, איינמאל ביים אריינטרעטען אין דער פריזמע און א צווייטען מאל ביים ארויסטרעטען פון איהר. דער שטראהל ווערט דאן צוטיילט אין זיינע קאלירען און בילדעט א ספעקטרום, א שיין־בילד, א פארבען־בילד.

פאליטעאיזם. פיל־געטעריי (דאס גלויבען אין פילע געטער).

פראגנאז. א פארקענטניס, א פאר־אויסזאגונג וועגען דעם גאנג פון א קראנקהייט לויט געוויסע סמנים.

פאטרימאניאל. ערבליך, וואס איז געקומען בירושה פון עלטערען.

פאטענציאל. וואס איז דא בכח (הגם ניט בפועל), וואס עקזיסטירט אין דער מעגליכקייט (הגם ניט אין דער ווירקליכקייט). אין פיזיקע — וואס ענטהאלט אינערליך אין זיך אבער איז ניט אין באוועגונג.

פאראבאלא. אין רעטאריק אדער רעדע־קונסט — א גלייכעניס, דאס פארמאלע פארגלייכען פון צוויי זאכען, וועלכע זיינען אין עצם זעהר פארשידען איינע פון דער אנדערער, ווי צום ביישפיל: זיינע ווערטער האבען געשטאכען ווי שפיזען.

פ.

פאבולירען. פארפאסען אדער דערצעהלען פאבלען, אדער אויסטראכטען פאנטאסטישע געשיכטען.

פיליסטער. א מענש מיט א באשרענקטער וועלט־אנשויאונג, וואס איז פארנומען מיט וואבעדיגע אינטערעסען.

פילאן. דער אידישער פילאזאף ידידיה האלכסנדרוני (געבוירען 25 יאהר פאר אונזער צייטרעכענונג) האט געטראגען דעם גריכישען נאמען פילאן. ער איז אויך באוואוסט אונטער'ן נאמען פילון היהודי, פילון דער איד.

פעטישיזם. דאס דינען אפגעטער, די פארגעטערונג פון ערדישע געגענשטאנדע.

פאזע. 1) דער צושטאנד פון א זאך, אויף וויפיל זי זעהט אויס אין דעם אדער יענעם מאמענט: 2) אין אסטראנאמיע — א באזונדערער אויסזעהן פון דער לבנה אדער פון א פלאנעט אין דער אדער יענער צייט.

ק.

קאנט, אגוסט. א פראנצויזישער דענקער, 1795—1857, וועלכער האט געלעגט דעם יסוד פון דער פאזיטיווער פילאזאפיע און פון דער וויסענשאפטליכער סאציאלאגיע.

קאסטרירען. מסרס זיין, מאכען פאר א סרים.

קאסטע. א שטאנד אדער א קלאס מענשען, וואס האלטען זיך אפגעזונדערט פון די אנדערע, אדער וועלכע זיינען אויסגעטיילט פון די אנדערע מיט זייער רייכקייט, טיטלען, פראפעסיאנען אדער פריווילעגיען.

קאנדארסע. א פראנצויזישער מאטעמאטיקער, 1743—94, געוועזען אן אנהענגער פון דער רעוואלוציע און האט געהאלטען מיט די זשיראנדיסטען. ער האט אויך אנגעשריבען א ווערק, וואו עס ווערט ענטוויקעלט דער באגריף וועגען פראגרעס.

קאנאניזירען. דאס הייליג מאכען, (דאס ערקלעהרען איינעם צווישען די הייליגע פון דער קירך).

קאסמאס. די גאנצע וועלט מיט די הימלען און שטערן אלס הארמאניש גאנצע.

קאסמיזם. די פילאזאפישע שיטה וועגען וועלט־אל געגרינדעט אויף דער ענטוויקלונגס־לעהרע.

קולט. די רעליגיעזע פארמען, מנהגים (גאטעסדינסט); פארגעטערונג פון א מענשען אדער א זאך; די פארעהרונג.

קאנצעפציע. א באגריף, א אידעע, א מיינונג, א פלאן, א פארטראכט.

קריטעריום. א צייכען, לויט וועל־

כען מען קאַן אונטערשיידען דאָס אמת'דיגע פון דעם פאַלשען, דער מאַסשטאַב פון אמת'דיגקייט.

קאָסמאָלאָגיע. די לעהרע וועגען וועלט־אַל, וועגען זייגע עלעמענטען און געזעצען.

ר.

רעלאַטיוו. ניט אַבסאָליוט, וואָס עס עקזיסטירט ניט אַן און פאַר זיך, וואָס הענגט אָפּ פון עפּעס, וואָס באַציהט זיך אויף עפּעס, וואָס האָט אַ שייכות צו עפּעס, וואָס ווערט באַטראַכט אין שייכות מיט אַן אַנדער זאַך.

ראַציאָנאַליזם. דאָס שטעלען העכער דעם שכל אידער אַ וועלכע איז אויטאָריטעט אין די פראַגען פון גלויבען און אויפפיהרונג. די פילאָזאָפישע שיטה, אַז דער ווירקליכער קוואַל פון קענטניס איז ניט די ערפאַהרונג דורך די חושים, נאָר דער שכל, די „רייגע פאַרגונפט”, ס'הייסט די אונמיטעלבאַרע דענקונגס־

פעהיגקייט פון מענשען. אין טעאָלאָגיע — דאָס אָפּליייקענען אין די רעליגיעזע לעהרען און דאָגמען אַלץ, וואָס לעגט זיך ניט אויפ'ן שכל. ..

רעזיומירען. ווידערהאָלען אין קורצען, מאַכען דעם סך הכל.

רוסאָ, זשאַן זשאַק. איינער פון די גרעסטע, לויט זיין ווירקונג, פילאָזאָפען און וועלט־שריפט־שטעלער (1712—78), אַ פראַנצויז, דער פאַרפאַסער פון דעם באַריהמטען ראָמאַן „די נייע עלאָאיזא”, און פון דעם פעדאַגאָגישען ראָמאַן „עמיל”, וואו ער ענטוויקעלט די סיסטעמע פון ערציהונג אין איינקלאַנג מיט דער נאַטור. ער האָט אויך פאַרפאַסט אַ ווערק אונטער'ן נאָמען „ודוי”, וואו ער דערצעהלט גאַנץ ציניש וועגען זיין לעבען.

רעאַבילימירען. הערשטעלען, אומקעהרען צו דער פריהערדיגער לאַגע, באַשטעטיגען אין די פריהערדיגע רעכטען, רויגוואַשען.